STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10682

DER UFSHTAND FUN DI FARURTEYLTE

Ernst Zomer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערנסט זאַמער

דער אופשטאנד פון די פארורטיילטע

(דערציילונג)

יידיש — מ. אלטמאן

אַגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1945

Редактор *Б. Котик*. Обложка худ. *Г. Ингера*. Тех. редактор *А. Кантор*.

Сдано в производство 16/VII-45 г. Подписано к печати 12/IX-45 г. А.—23102. $9\frac{1}{2}$ печ. л. $8\frac{1}{4}$ уч.-изд. л. Количество печ. зн. в печ. листе 34656 Формат 84X110 $\frac{1}{32}$. Тираж 7.500 экз. Заказ 1857. Цена 7 руб.

13-ая типография треста „Полиграфкнига“ ОГИЗ'а при СНК РСФСР, Москва, Денисовский, 30.

ערשטער טייל

קאפיטל I

1

22285

אפ דער גאס, דורך חעלכער יאָנאס דער „יודענראט" האָט געפירט סעבאסטיאַנ וואָלפנ, האָבנ זיך בוילעט געלאָזט מערקנ אלע סימאָנים פונעם כורבנ, וואָס האָט געהערשט אינ דער „יודענשטאט" אינ ל. די פענצטער זײַנעג געווענ פארלייגט מיט ברעטער, די טירנ האָבנ זיך קוימ פארמאכט, אָנשטאָט די אראָפּגענומענע קליאמקעס — שטריקלעך. די טרעפּ — אָנ פּארענטשעס. פונ די ברייטע שפּאלטנ אינ די ווענט האָט געטריפט וואסער.

וואָלפּ האָט נײַגעריק באטראכט זײַנ באגלייטער. דעם „יודענראטס" הויט איז געווענ ברוינ פונ זונ אונ רעגנ. א שיטער, ווײַס בערדל האָט ארומגערעמלט דאָס פּאָנעמ, א קליינס אונ א קײַלעכדיקס, ווי בא א סאָווע. איז דאָס, הייסט עס, דער „יודענראט", די מאכט, וואָס מע האָט אוועקגעזעצט איבער דער „יודענשטאט"?

— ווּהינ פירסטו מיך? — האָט וואָלפּ א פרעג געטאָנ.

— איך האָב דיר דענ ניט געזאָגט? וועסט שלאָפנ בא מיר. אנ אנדערער טרעט דיר מאָרגנ אָפּ דאָס אָרט.

וואָלפּ האָט שווײַגנדיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

זיי זײַנענ אזוי דורך א פּאָר טריט. דער נײַ-אָנגעקומענער האָט זיך אָנגעהויבנ ארומקוקנ. דער כורבנ, וואָס האָט זיך דאָ אנטפּלעקט, האָט אויסגעזענ ווי בעקיוונדיק איבערגעטריבנ. אינ ערגעצ האָט נאָך וואָלפּ ניט געזענ אזא פּארוויסטונג. אפילע די לופט, האָט זיך געדוכט, האָט געהאט אינ זיך עפּעס שארפּס אונ גיפטיקס.

אונ איצט איז וואָלפנ ארופּ אפנ געדאנק, אז ער האָט דאָ אינ ערגעצ נישט באגעגנט קיינ קינדער. פרי̇ער האָט ער, כוצ צו זײַנ אייגענער טאָכטער, צו קיינ אנדערע קינדער ניט געפילט קיינ שומ סימפּאטיע. דאָ אָבער האָט אימ באהערשט א הייסער פארלאנג צו באגעגענענ א קינד. אומקלאָר האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז דער כורבנ וואָלט ניט אזוי געשטאָכנ אינ די אויגנ, ווענ מע באגעגנט דאָ קינדער. טאקע מאכמעס דעמ, וואָס דאָ זײַנענ ניט געווענ קיינ קינדער, איז די שטילקײַט געווענ אזוי דריקנדיק אונ דער טרויער אזוי שווער.

די „יודענשטאט", וואָס אירע פריערדיקע באוווינער האָבן זי געהאַט פאַרלאָזן, האָט אירע נײַע באוווינער אופגענומען מיט פּיר כאַדאָשים צוריק. דאָס זײַנען געווען דעריקער יידן — ארבעטער פון די אוטאָרעמאָנט-ווארשטאטן, וועלכע זײַנען געווען געשאפן אינעם גרויסן געדעקטן שלאָס-הויף.

דער שלאָס האָט מיט זײַנע טורעם-שפּיצן געהערשט איבער דער גאנצער אומגעגנט. ווו מ׳איז ניט געשטאנען, האָט מען געזען דעם ציילעם, וועלכער האָט באצירט דעם העכסטן טורעם. מע האָט זיך אין ערגעץ ניט געקאָנט פון אים באהאלטן. אפילע דאָ, אין דער נידער, צווישן כורוועס און ביימער-קרוינען, האָט זיך געזען א שטיק פונעם ציילעם: ער האָט געגלאנצט אפן ראנד פונעם הימל ווי א צופרי אופגעגאנגענער אָוונט-שטערן.

יאָנאס האָט לאנגזאם אופגעהויבן די אויגן אפן פרעמדן:

— פונוואנען קומסטו?

וואָלף האָט אין קורצע ווערטער דערציילט זײַן געשיכטע. ער איז געווען שיפּ-קאָנסטרוקטאָר אין א צאָפן-בעמישער מאשינבוי-פאַבריק. פון דאָרט, אהער קיין ל., האָט ער דורכגעמאכט א לאנגן, פאַרדרייטן וועג, מיט א סאך און מעשונעדיקע סטאנציעס.

יאָנאס האָט אומפרײַנטלעך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מיר האָבן אלע געלאָזט הינטער זיך א סאך סטאנציעס. און דאָס ערגסטע איז: מיר האָבן אייניקע פון זיי געמוזט דורכמאכן צוויי מאָל — אהין און צוריקוועגס.

ער אליין, יאָנאס, איז געבוירן געוואָרן אין אן אלט הויז אין דעם יידישן טייל שטאָט אין לוואָוו און האָט דאָרט אָפּגעלעבט דעם ערשטן און גליקלעכסטן טייל פון זײַן לעבן. די שמאָלע פאַרגראַטעוועטע פּאָצטער זײַנען געלעגן טיף אין דער נידער, ווײַל די גאס האָט מען געהאלטן אין איין איבערפּאסטערן. אונטערן הויז האָבן זיך געוועלבט קילע, טרוקענע קעלערס, ווו ווינטער-צײַט איז זיך אזוי מעכײַעדיק געשלאָפן. אפ די ווענט, וואָס זײַנען געווען אײַדעס פונעם הייליקן לעבן פון פרומע און גוטע לײַט, זײַנען געווען אופגעשריבן אפ העברעיִש.

דער הארבסט פונעם מילכאָמע-יאָר 1915 האָט פאַרטריבן א סאך יידן פון לוואָוו. יאָנאס האָט אָנגעשפּארט אזש קיין ווין און האָט זיך דאָרט באזעצט אפ דער יידישער גאס, אינעם אינוויייניקסטן טייל שטאָט. דאָ האָט יאָנאס, כוץ טוירע, געלערנט מיט קינדער אויך פּויליש און אוקראַיִניש. ארומגערינגלט פון טאלמידים און זין, האָט יאָנאס געהאָפט אויסלעבן דאָ זײַנע יאָרן.

אָבער נאָכן „אנשלוס", ווען עסטרײַך איז געוואָרן א טייל פון

דײַטשישן רײַך, האָט מען די פֿון גאַליציע אײַנגעוואַנדערטע ייִדן צו־ריקגעשיקט קיין פּוילן. און אָט איז יאָנאַס צוריק אין זײַן געבורט־שטאָט. לוואָוו איז געווען קוים צו דערקענען. אפֿן אָרט פֿונעם אַלטן הויז איז איצט געווען אַ קראַם.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען יאָנאַסן אָפּגעריסן פֿון זײַן מיש־פּאָכע און אָפּגעשיקט אין אַ געטאָ ערגעץ ווײַט אין מיזרעך. אַזוי־ווי ער האָט געקענט אַ סאַך שפּראַכן, האָט מען אים געמאַכט פֿאַר „יודענראַט". געהייסן האָט עס, אַז די „יודענראַטן" זײַנען אָנפֿירער איבער די ייִדן. אינדערעמעסן זײַנען זיי געווען נישט מער ווי אַ גע־צײַג אין די הענט פֿונעם ייִדן־קאָמיסאַר. זײַנע באַפֿעלן האָבן זיי גע־מוזט אויספֿילן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט. טאָמער האָט עמע־צער פֿון דער געמיינדע ניט צו דער צײַט אויסגעפֿילט עפּעס אַ פֿאַראָרדענונג, האָט מען באַגלײַך מיט אים באַשטראָפֿט אויך דעם פֿאַר אים פֿאַראַנטוואָרטלעכן „יודענראַט". צווישן די איבעריקע היס־כײַוועסן האָבן די „יודענראַטן" געהאַט אַף זיך אויך די אויפֿגאַבע צו באַזאָרגן מיט וווינאָרט די ייִדישע אַרבעטער און אָפּקלײַבן די איבעריקע און ניט נייטיקע, וואָס זייער גורל איז געווען פֿינצטער און ביטער.

אינעם געטאָ אין ל. איז יאָנאַס געווען מער פֿאַרנומען מיט באַ־זאָרגן די נײַ־אָנגעקומענע מיט נאַכטלעגער, איידער מיטן קאָנטראָל איבער יענע, פֿון וועלכע מע באַדאַרף פּאָטער ווערן. קיינער האָט בײַ אים ניט געמאָנט, ער זאָל אָנווײַזן אַף די איבעריקע און ניט נייטיקע און פֿאָרלייגן זיי צו פֿאַרבײַטן. אָבער ניט איין מאָל איז אים שווין אויסגעקומען צו באַגלייטן מענטשן אַף זייער פֿײַנ־לעכן וועג צום וואָקזאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער שטאָט ר., אַ האַלבע שאָ גאַנג פֿון ל.

יאָנאַס איז פּלוצעם שטיין געבליבן. ווידעראַמאָל האָבן זיך זײַנע אויגן געווענדט צו וואָלפֿן. זייער בליק איז געווען טריב און פֿול מיט פֿאַרדראָס.

— אײַל זיך ניט אַזוי, — האָט ער געזאָגט מיט פֿאָרוואורף, — איך קאָן דיך נישט נאָכיאָגן. דו ווערסט נאָך באַווײַזן צו דער צײַט. איך אָבער קאָן נאָך ניט פֿוילען בײַ זיך אָנזאָגן מײַן שאָכן די שיינע בסורע, וואָס איך טראָג אים.

וואָלף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט קיין זאַך ניט באַ־דאַרפֿט פֿרעגן. ער האָט אַזוי אויך געוווּסט, פֿאַרוואָס יאָנאַס קאָן עס בײַ זיך ניט פֿויעלן. ער האָט געוווּסט, וואָס עס שטייט פֿאַר

יענעם, ווען יאָנאַס מוז אָנזאָגן די בשורה. קלײנע טראָפּנס שווייס זײַנען אַרויס אַף זײַנע שלייפן.

יאָנאַס האָט געקעמפט מיט זיך. זײַנע ליפּן האָבן געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. דאָס האָט ער זיך, קענטיק, געגרייט אָנצוזאָגן דאָס נײַס.

דערווײַל זײַנען זיי אָנגעקומען, וווּהין זיי האָבן באַדאַרפט — צו אַ כאָרעווע טורעם, וועלכער האָט געמוזט זײַן אַ סאַך עלטער ווי דער ערשטער אָנהייב אַפילו פון דער „יודענשטאַט“.

די טורעמלעך זײַנען געווען באַפּוצט מיט שטיינערנע שניצערײַען. אויך איבערן אַרײַנגאַנג האָט זיך געפונען אַ פּרעכטיקע נישע. אַ געראַמטע און אַ טיפע, איז זי מיסטאָמע געווען באַשטימט פאַר דער סטאַטוע פון דעם, וואָס האָט דעם טורעם געבויט.

יאָנאַס האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום נײַ-אָנגעקומענעם. אַף אַ רגע האָט ער אָנגעשפּאַרט זײַן עטוואָס אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אָן איינעם פון די ריזיקע, גראָב געטעסעטע שטיינער. זײַנע פינגער האָבן באַרירט די פֿײַן אַלטקײַט און געוויטער צעקרישלטע גאָטישע שניצערײַען.

דעם „יודענראַטס“ ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער קיין קאָל האָט מען נישט געהערט. יאָנאַס האָט נאָך, ווײַזט אויס, אַלץ אײַנגעכאַזערט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן זײַן שאָכן דאָרט אינווייניק.

וואָלף האָט דערווײַל באַטראַכט דעם טורעם. אין די צײַטן פון די שוועדן האָט מען אין די שטיינער אײַנגעפּאַסט אָן אײַזערנעם האַרמאַטן-קויל. אויבן האָט געשטשירעט די ציין אַ קאָפּ, אויסגעהאַקט פון פּאָרפיר, מיט אַ לאַנגער טאָטערישער באָרד און מיט אויגן, וואָס האָבן ווילד געגלאָצט אַף אונטן. דער קאָפּ האָט געמוזט אַלט זײַן אַמווינציקסטן אַ האַלבן יאָרטויזנט. אָבער דער אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם האָט דערמאָנט אין די איצטיקע הענקער.

די פענצטער פונעם טורעם, ענלעכע צו ליוקן, זײַנען געווען פאַרהאַקט מיט ברעטער. איין פענצטער איז געווען סאַמע לעבן דער ערד, אַ צווייטס — אַף דער הייך פונעם ערשטן שטאָק. פאַר דעם העכערן ליוק האָט זיך געטריקנט וועש. די שטיקלעך וועש האָבן זיך געהאַלטן אין איין הוידען אַפן שטריק, פילפאַרביקע, קימאַט פריילעכע. זייער בונטקײַט האָט אַ ביסל געמילדערט די באַרבאַרישע שטרענגקײַט פונעם טורעם.

יאָנאַס איז געשטאַנען פאַרזונקען אין זיך. זײַן ברייטער מאַנטל האָט געשטאַרטשעט. כאָטש ס'איז געווען וואַרעם אין דרויסן, האָט ער געטראָגן אַ בלויע פאַטשיילע אַפן האַלדז, אַזאַ גליִענדיק בלויע, אַז זי האָט וואָלפן דערמאָנט אינעם דאָרעמדיקן הימל. דעם „יודענ-

ראטס״ שיך זײַנען געװען פּאַרטאַטשיש פאַרלאַטעט. ער איז געשטאַ־נען אין זיי, גלײַך ער װאָלט געטראָגן אױף די פּיס אַ מין פּײַני־קונגס־אינסטרומענט.

יאָנאַס האָט געװאָרפן אַ בייזן קוק אױף װאָלפן. עס האָט אױס־געזען אַזױ, װי די גלײַכגילטיקײַט פונעם פרעמדן װאָלט אים געװוּנ־דערט. װי קומט עס, װאָס זײַן פּאָנעם דריקט אױס ניט מער װי קאַלטע נײַגעריקײַט?

מיטאַמאָל איז דער „יודענראַט״ װי געקומען צו אַ באַשלוס. ער האָט אַ שטופּ געטאָן װאָלפן, אָנגעװיזן אים אױף דער טיר און האָט זי אױפגעפּראַלט מיט זײַנע שמאָלע, דאַרע הענט.

— קום, — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש. — אין גאַנצן נאָמען!

2

אין קעלער האָט װער געאַרבעט. אַן עלטערער מענטש האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט טרענען, נייען און לייגן לאַטעס. אַזױ װי די טאָג-שײַן, װאָס איז אַרײַנגעדרונגען דורך אַ שמאָלער שפּאַרונע בײַ דער שװעל, האָט נישט געקלעקט, האָט אַ גאַנצן טאָג געמוזט ברע־נען אַ נאַפט-לאָמפּ. דער באַלמעלאָכע — אױב מע קאָן אים אַזױ אָנ־רופן — איז געזעסן אַרומגעלייגט מיט זאַכן, װעלכע זײַנען אַמאָל גע־װען קליידער.

ער אַליין איז אױך געװען האַלב-מענטש, האַלב-שאָטן. אין דער טיפעניש פונעם זיקאָרן האָבן זיך נאָך געמוזט בײַ אים פאַרהיטן זײַן פריִערדיקער נאָמען און שטאַנד. איצט האָט מען זיך קוים געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער אַ״טער שנײַדער און דער קליידער־פאַבריקאַנט און פּרעזידענט פון דער מערישער האַנדלס-קאַמער קני־פּער זײַנען איינע און די זעלבע פּערזאָן.

שװײַגנדיק האָט ער זיך פאַרנומען מיט זײַן מעלאָכע. דעם שלאַל אַרבעט, װאָס ער האָט געמוזט אָפּטאָן פאַר די אַנדערע באַװױנער פון דער „יודענשטאָט״, האָט אים צײַטנװײַז געדריקט. דערצו האָבן אים נאָך אַ טייל קונדן צוגעטריבן, װײַל זיי האָבן געװאָלט װאָס גיכער באַקומען צוריק זייער לעצט שטיקל האַלבאָשע.

יאָנאַס און דער נײַ-געקומענער זײַנען אַרײַן אין קעלער. קניפּער האָט אױפגעהױבן דעם קאָפּ.

— אַ קונד? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — אַ פריִער גאַסט. װי קומט עס, װאָס ער האָט שױן אַזױ פרי געענדיקט די אַרבעט?

דער „יודענראַט״ האָט אַ שלעפּ געטאָן װאָלפן צום שנײַדער.

— דאָס איז, — האָט ער געזאָגט און האָט דערבײַ געמאַכט אום־

נאטירלעך לאנגע פאוזעס צווישן די ווערטער, — א מענטש, וואָס איז הײַנט אָנגעקומען. ער וועט ארבעטן אין שלאָס. ער קומט פון בע־מען. זײַן נאָמען איז וואָלף.

דער שנײַדער האָט א צוק געטאָן מיט די אקסלען. וואָס גייט עס אים אָן, וויאַזוי דער מענטש הייסט און פונוואַנען ער קומט? זײַנע קליידער זײַנען נאָך אין א גאנץ גוטן צושטאנד... קניפּער האָט ניט ליב געהאַט קיין מענטשן פון מײַרעוו. זיי האָבן ליב צו ריידן וועגן דער פארגאנגענהײַט און האלטן זיך אין איין דערמאָנען, ווער זיי זײַנען אמאָל געווען.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען? — האָט ער זיך העפלעך דער־קונדיקט און אַף א רעגע איבערגעריסן די ארבעט, קעדיי א קוק צו טאָן אַף וואָלפן.

— ער וועט דאָ שלאָפן, — האָט יאָנאס אפגיך א זאָג געטאָן און האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. זײַן קאָל האָט געקלונגען טרוקן און הארב: — דעם קאָמיסארס באַפעל.

פאר שרעק האָבן בא קניפּערן געגומען פלאַטערן די וויִעס.

— דעם קאָמיסארס? — האָט ער איבערגעכאַזערט. — אויב אזוי, מוז איינער פון אונדז אוועק. דו, יאָנאס, — געוויס ניט. — קניפּער האָט געאָטעמט אָפּט און שווער, — הייסט עס...

יאָנאס האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, גלײַך ער וואָלט געוואָלט זײַן זיכער, אז ער וועט זיך ניט מוזן באגעגענען מיט קניפּערס בליק.

דער שנײַדער האָט א ווײַלע געשוויגן:

— הייסט עס, איך, — האָט ער א זאָג געטאָן שטיל. — ווען?

— מאָרגן זיבן דארפסטו זײַן אַף דער סטאנציע אין ר. — יאָנאס האָט זיך באַמיט ארויסצובריינגען די ווערטער קאלטבלוטיק, אָבער דער פלאַקער אין די אויגן האָט אים ארויסגעגעבן. נאָך מער אָנשטרענ־גונגן האָט אים געקאָסט צוצוגעבן: — מיט העכסטנס פינף קילאָ געפּעק.

קניפּער האָט אוועקגעלייגט די הענט אַף די קני. א ציטער איז דורכגעגאנגען דורך זײַן לײַב. אן אומזיכטבארע האנט האָט אים געוואָרגן.

קיינער האָט ניט געוווּסט געניי, וווּהין עס קומען אהין די פאר־שיקטע. איינס איז געווען זיכער, אז מע פירט זיי אמערסטנס אין לאַסט-וואַגאָנעס. עס זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן אזעלכע וואַגאָנעס געזען. אָפּט פלעגן זיי שטיין טעג-לאנג אַף א זײַטיקער ליניע, אָפּגעשטעפּטע פונעם צוג. אייניקע האָבן געהאלטן, אז א מענטש קאָן די לופט פון אזא וואַגאָן לאנג ניט אויסהאלטן. די, וואָס האלטן

שוינ יאָ אויס, ווערנ געבראַכט אינ באַשטימטע ערטער. דאָרט געפינענ זיכ די שרעקלעכע אנשטאלטנ — די טויט-פאבריקנ.

קניפער איז פאר אָט די אלע קלאנגענ געשטאנענ ווי א קינד, וואָס פארמאכט די אויגנ פאר דער פינצטערניש. ליבער די טונקלקײַט פונ געשלאָסענע וויִעס, איידער דער פאכעד אָנ א סאָפ אונ אָנ א ברעג.

מע האָט דערציילט, אז אפ א טייל ווארט דער טויט דורכ גאזנ, אנדערע ווידער ווערנ געטייט מיט עלעקטרישנ שטראָם.

קניפער האָט ניט דערלויבט זײַנ באַוווסטזײַנ צו גלייבנ אינ אָט די דערציילונגענ. טאָמער פלעגט אימ אמאָל עפעס צווינגענ צו טראכטנ וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ פארשיקונג, פלעגט ער זײַנ געדאנק אלעמאָל אָפּווענדנ אינ אנ אנדער ריכטונג. ער האָט דאָכ געוווסט, אז ער איז א לונגענ-קראנקער. לונגענ-קראנקע האָבנ א גרינגנ טויט.

איצט אָבער האָט קניפער דערפילט, אז די לופט אליינ שטעכט ווי מיט טויזנטער נאָדלענ. איז עס געווענ דער געדאנק וועגנ גיפטגאזנ? עפעס שפיצעכיקס האָט געבויערט זײַנע לונגענ. א שטראָם פאכעד האָט אימ דורכגענומענ, אונ ער האָט אינגאנצנ אופגעציטערט. עס איז אימ געוואָרנ טרוקנ אינ מויל. די צונג איז געוואָרנ ווי א שטיק האָלצ. מיט אָנ א שיר מי איז עס אימ געלונגענ זיכ א ביסל צו באַהערשנ. ער איז אופגעשטאנענ אונ גענומענ קוקנ אינ דער ווײַט.

— בינ איכ דענ ניט דאָפּלט אומגליקלעכ? — האָט ער געזאָגט אָנ קיינ שומ אויסדרוק. — קיינער האָט נישט געקענט מיט מער רעכט האָפנ אפ א נאטירלעכנ טויט, ווי איכ. ווייניק לונגענ-קראנקע לעבנ איבער זייער כאלאס. קיינעמ האָט די האשגאָכע נישט געקענט אזוי גרינגנ ארויסהעלפנ ווי מיר. זי האָט עס נישט געטאָנ.

יאָנאס האָט א זאָג געטאָנ עפעס א פראזע, וואָס האָט געזאָלט טרייסטנ קניפערנ. אָבער די ווערטער האָבנ געקלונגענ אומקלאָר אונ שטיל. געוויס האָט יאָנאס אָט די פראזע געזאָגט שוינ נישט צומ ערשטנ מאָל, אונ קיינמאָל האָט זי קיינעמ ניט איבערצײַגט.

קניפער איז אלצ געשטאנענ אינ ביטערער פארצווייפלונג, א דערדריקטער פונ דער אומדערווארטער בסורע. ער האָט פארשאָלטנ זײַנ אייגענע לעבנסקראפט. נאָכ וואָס איז ער צו אזויפיל דאָקטוירימ געגאנגענ? דעמלט, ווענ די וועלט איז נאָכ געווענ נאָרמאל, פלעגט ער פאָרנ קיינ קאפרי, קיינ טעאָרמינא, אפילע קיינ עגיפּעט.

וואָס פאר א טײַוולשער גוירל האָט אימ געגעבנ מיטלענ זיכ דעמלט צו דערהאלטנ באַמ לעבנ? ווענ ער זאָל געווענ זײַנ א בעטלער, וואָלט ער שוינ לאנג אויסגעגאנגענ אינ א שפּיטאָל פאר אָרעמעלײַט, שטיל אונ רויִק, ווי עס שטארבנ לונגענ-קראנקע. ער וואָלט אינ איינער א נאכט געווענ אנשלאָפנ געוואָרנ אפ קיינמאָל מער

נישט צו דערוואכן. אָבער וואָס האָט ער, דער אומגליקלעכער, געטאָן? ער האָט זיך געהיילט, ניט לעבנס-קויכעס געזאמלט, און דאָס אלץ נאָר, קעדיי צו דערלעבן ביז אָט די לעצטע פינף יאָר. איז עס ניט קיין אומגעהייער אומגליק? דאָס לעבן, וואָס ער האָט זיך אזוי געקלאמערט אין דעם, האָט אים באַשווינדלט.

קניפער האָט געקרעכצט. עס איז אן אומדערהערטע אכזאָריעס. פארוואָס זעט דאָס אלץ גאָט צו?

דעמלט האָט זיך געלאָזט הערן יאָנאסעס שטים. זי איז געווען ווייך און דאָך פול מיט פאָרוואורף.

— נאָך וואָס דאָס שרייען דיינס? — האָט ער שטיל געזאָגט. — נעכטן האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אָן איעוון. דו ווייסט זיינע טייַנעס פונקט אזוי גוט ווי איך. איך מיין ניט, אז איעוו האָט געליטן מער, ווי עמעצער פון אונדז. אָבער ער האָט שוין ארויסגעזאָגט אלץ, וואָס דו אָדער עמעצער אן אנדערער איז בעקויעכ פאָרצוווארפן גאָט.

קניפער האָט אראָפגעלאָזט דעם קאָפ.

— איך האָב קימאט פארגעסן, וואָס איעוו זאָגט. עפשער וואָלסטו מיר דערמאָנט?

יאָנאס האָט פארמאכט די אויגן, פארבויגן דעם קאָפ אף אהינטער און האָט אָנגעהויבן לאנגזאם און באדאכט זאָגן פסוקים פון איעוו. זיין קאָל האָט געקלונגען רויִק. אויב ער איז אינערלעך געווען אופגערודערט, האָט ער עס אלנפאלס ניט ארויסגעוויזן.

קניפער האָט זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט:

„פארוואָס בין איך ניט אין דער מוטערס טראכט געשטאָרבן? ארויס פון לייב און פארגאנגען? צו וואָס האָבן מיך קני אופגענומען?..

פארוואָס גיט ער ליכט דעם, וואָס מאטערט זיך? און לעבן די פארביטערטע אין געמיט?..

גאָט ענטפערט מיך איבער צום פארברעכער, און אין די הענט פון רעשאָים ווארפט ער מיך. רויִק בין איך געווען, און ער האָט מיך צעברעקלט און מיך אָנגענומען פארן גענִיק און מיך צעפיצלט... און אף מיינע וועגן האָט ער א פינצטערניש אראָפגעטאָן.

מיין קאָוועד האָט ער אויסגעטאָן פון מיר און אראָפגענומען די קרוין פון מיין קאָפ.

פארוואָס לעבן די רעשאָים, עלטערן זיך און זיינען שטארק אין קראפט? זייערע הייזער זיינען בעשאָלעם, אָן אנגסט, און די רוט פון גאָט איז נישט איבער זיי...

זיי פארברענגען אין גוטס זייערע טעג, און רויִק נידערן זיי אין אונטערערד"...

קניפּערס פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט. ער האָט זיך אויסגע־גלײַכט און רויִק זיך גענומען צוהערן צו יאָנאסעס שטים.

„גרענעצן פּאַרוקט מען, — האָט יאָנאס ווײַטער געזאָגט. — אַ סטאַדע גאזלט מען און מע פּיטערט. דעם אייזל פון יעסוימים פּירט מען אוועק, מע נעמט אין מאשכן דעם אָקס פון דער אלמאָנע. מע שטויסט אראָפּ עוויונים פון וועג, באהאלטן מוזן זיך אלע אָרעמע פון לאנד... נאקעט נעכטיקן זיי אָן אַ מאלבעש און אָן אַ צודעק פון קעלט... מע רײַסט אוועק פון דער ברוסט דעם יאָסעם".

די אוראַלטע ווערטער האָבן געמאכט אַ וווּנדערלעכן רושעם. זיי האָבן באַרויִקט ווי אַ מילדע נארקאָטיק. טיף אָטעמענדיק, האָט זיך קניפּער צוגעהערט דאַנקבאַר און אויפמערקזאַם.

„איך שרײַ צו דיר, און דו ענטפערסט מיר ניט,.. ביסט, פאַר־קערט, געוואָרן אַן אכזער צו מיר, מיט דער מאכט פון דײַן האנט שלאָגסטו מיך.

יאָ, איך ווייס, ווּעסט צום טויט מיך ברענגען... אָבער שטרעקט מען ניט אויס די האנט פון אַ כורווע, טאָמער וועט דערין זײַן אַ הילף פאַרן בראָך? צי האָב איך ניט געוויינט פאַרן שווער געדריקטן? מײַן זעל האָט דאָך געקימערט פאַרן עוויען. אָבער איך האָב געהאָפּט אַף גוטס, און שלעכטס איז געקומען; און איך האָב געהאָפּט אַף ליכט, און פינצטערניש איז געקומען. מײַנע אינגעווייד קאָכן און רוען ניט. טעג פון פּײַן זײַנען געקומען אַף מיר. פינצטער גיי איך אום, אָן זון... איך בין געוואָרן אַ ברודער צו שאקאלן... מײַן הויט איז שוואַרץ געוואָרן אַף מיר, און מײַן געביין איז צעברענט פון היץ. און געוואָרן טרויער איז מײַן האַרץ, און מײַן פלייט צו אַ קאָל פון געוויין".

— גענוג! — האָט קניפּער אַ זאָג געטאָן. זײַן קאָל האָט געקלונגען טיף און ברייט. יאָנאס האָט זיך אויסגעגלײַכט, געוואָרפן אַ שנעלן קוק אַף קניפּערן און, ווי אויסגעשעפּט, אַ פיר געטאָן מיט די הענט איבער די אויגן.

— וואָס ענטפערט גאָט? — האָט געפרעגט וואָלף, וועלכער האָט זיך די גאנצע צײַט באמיט שטום און אומבאמערקט אין דער טונקל צו בלײַבן.

— גאָט, — האָט יאָנאס געזאָגט מיט אַ באַזונדערער כשיוועס, — גאָט זאָגט זיך אָפּ פון אָפּגעבן כעזשבן.

קיינער האָט מער קיין וואָרט ניט געזאָגט. אַ ווײַלע איז די שטילקײַט געווען קימאט ניט בײַצוקומען. אין שכייניש הויז האָט געוויינט אַ פּרוי. אַ לאַנגזאַם זיך דערנענטערנדיקער אעראָפּלאַן איז געפלויגן איבער דער „יודענשטאַט". זײַן גערויש איז געווען דורכ־

דרינגלעך און קלאָגנדיק, ווי עמעצער וואָלט זיך באמת ארויסצובאַ־קומען פון איינ סטרונע אלץ דעם זעלבן גרילצנדיקן טאָן.

— ער איז גערעכט! — האָט קניפער פײַערלעך געמאָלדן. — און ווער עס קלאָגט זיך אָפּ אים, יענער איז אומגערעכט.

ווי אויסגעשעפּט, האָט ער נאָך א פּאוזע צוגעגעבן:

— מיר מוזן זיך אויסלערנען אריבערצוטראָגן דאָס, נישט מיש־פּעטנדיק. איך ווייסט דאָך, ווי בא איָעווּן ווערט געזאָגט...

און שטיל, ווי פּארטרויענדיק א סאָד, האָט ער געזאָגט יענעם פּאָסעק, וועלכער ווארפט אָפּ איָעווּס אלע טײַנעס, סײַ די פריִערדי־קע סײַ די שפּעטערדיקע:

„נאקעט בין איך ארויסגעגאנגען פון מײַן מוטערס לײַב, און נאקעט וועל איך זיך אומקערן אהין. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען, געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען פון גאָט”.

קאפּיטל II

1

אין אייבערשטן קעמערל פונעם טורעם האָט געוווינט א פּאָר־פּאָלק, מיכאעל און רוט, וועלכע האָבן שוין קימאט זיבן וואָכן גע־ארבעט אינעם שלאָס. איצט זײַנען זיי געקומען צום אָוונט־אפּעל.

שילינג, דער אָנפירער פונעם ווארשטאט, האָט לאנגזאם ארום־געשפּאצירט צווישן די רייען ארבעטער. די פּאָלעס פון זײַן ארבעטס־מאנטל זײַנען געווען ברייט צעשפּרייט.

בא דער העלער שײַן האָבן די פּענעמער אויסגעזען בלאס און מיד. די קלייזײַען אָבער און די אופּשריפטן אָפּ די ווענט האָבן גע־שטראלט ווי נײַע. געווען דאָרטן טורניר־העלמען מיט אָפּענע און גע־שלאָסענע וויזירן. אָפּ די שפּיצן פון די שפּיזן און שווערדן האָבן זיך געכוואליעט סטענגעס מיט אופּשריפטן. לייבן און אייגהאָרנס, ריזן און נאקעטע נימפּעס האָבן זיך ווי פּארוועט, ווער עס וועט העכער אופהייבן דאָס געווער.

אונטן, צווישן דרייבענק, שמידגעשטעלן, שלייף־מאשינעס, שוויי־סונג־אפּאראטן, הובלס, פּרעז־מאשינעס זײַנען געשטאנען צוויי רייען ארבעטער, לינקס — פרויען, רעכטס — מענער. שילינג האָט ליב גע־האט צוצוגעבן דעם אפּעל א מיליטערישן כאראקטער. באזונדערס שטרענג איז ער געווען צו די פרויען.

די ארבעטס־קליידער, די זעלבע ארבעט און האלטונג האָבן אָפּ־געווישט יעדן אונטערשייד פון עלטער. די איבערגעטראָגענע יעסו־

דים און געפאַרן, שרעק און דערפאַרונג האָבן איבערגעפורעמט די פּנעמער. אלץ האָט דערציילט, אז די אַלע מענטשן ווילן לעבן און אז זיי זײַנען גרייט טײַער צו באַצאָלן פאַרן לעבן.

שילינג האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט — אַ סימען, אַז מע מעג זיך שוין פאַנאַנדערגיין. די צוויי רייען זײַנען אַוועק אין פאַר־שיידענע זײַטן.

אינעם פאָדערשטן זאַל, ניט ווײַט פונעם הויפּט־ארײַנגאַנג, האָט זיך געפונען אַ ברעט מיט מעלדונגען, וואָס יעדערער פון די באַ־וווינער פון דער „יודענשטאַט" האָט יעדן טאָג געמוזט לייענען.

מיכאַעל איז האַסטיק פאַרבײַגעגאַנגען די ברעט. רות האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זע נאָר, — האָט זי אים שטיל נאָכגערופן, — מע פאַרשיקט שוין ווידער מענטשן. און קניפּער, אונדזער קניפּער, איז צווישן זיי.

זי איז בלייך געוואָרן. די ברוינע קורץ געשוירענע האָר זײַנען אַראָפּגעפאַלן אויף די שלייפן, די אויגן זײַנען געווען ברייט צעעפנט. עס האָט זיך איר געוואָלט שרײַען. אָבער דאָס שווײַגן פון די פאַר־זאַמלטע אַרום דער ברעט איז געווען אַזוי דריקנדיק, אַז קיינער האָט ניט געוואַגט צו שטערן די שטילקײַט.

— קום, — האָט מיכאַעל אַ זאָג געטאָן און האָט זי אַוועק־געשלעפּט.

ער איז געווען הויך און ברייט. די לעצטע יאָרן האָבן ווי אַראָפּ־געשווענקט זײַנע געזיכט־צוגן. דאָס, וואָס איז פאַרבליבן, איז געווען שאַרף און קאַנטיק. דאָס איז איצט געווען אַ פּאָנעם פון אַן אַלט־ווערנדיקן קאַמצן.

אַ ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק.

דער וועג פונעם שלאָס צו דער „יודענשטאַט" איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ צווישןביימער און געדיכטע קוסטעס.

— וועגן וואָס טראַכטסטו? — האָט מיכאַעל אַ פרעג געטאָן. רות האָט אופגעהויבן אויף אים די אויגן. אין זיי איז געווען פּראָטעסט.

— גלייב ניִשט אין דעם, וואָס מע דערציילט, — האָט מיכאַעל שטרענג באַפוילן.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ניט געענטפערט. האָט ער גענומען שאַרף און קאַעסדיק זי אײַנריידן:

— דאָס אַליין, וואָס מע האַלט אין איין דערציילן וועגן זאַכן, וועלכע קיינער אין דער „יודענשטאַט" האָט מיט די אייגענע אויגן ניט געזען, — דאָס אַליין איז דען ניט קיין סימען פון אַ קרענקלע־כער אײַנריידעניש? אָט דאָס גלייבן אינעם גענעם — הייסט עס ניט זיך אַליין בעקיוון געפּײַניקט?

— ווער גלייבט דען אין גענעם? — האָט רות געענטפערט מיט פאראכטונג. — דו און איך — מיר ביידע ווייסן דאָך אויסגעצייכנט, אז דער גענעם עקזיסטירט.

— ניין! — האָט מיכאעל א געשריי געטאָן. — איך ווייס גאָרנישט ניט. פונוואנענ זאָל איך ווייסן? אליין, מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך דאָך קיין זאך נישט געזען. און קיין שום איידעס, וואָס זאָלן דעם גענעם באשרײַבן, זײַנען דאָך צווישן אונדז ניטאָ, דעריבער ווייס איך גאָרנישט ניט וועגן דעם גענעם און גלייב ניט אין אים.

— אזעלכע מענטשן ווי דו, — האָט רות געענטפערט מיט כוי־זעק, — גלייבן נאָר אין די זאכן, וואָס זײַנען זיי אָנגענעם. איך קאָן זיך וועטן, קיינער וועט דיך ניט קאָנען איבערצײַגן, אז דו האָסט ניט קיין אומשטערבלעכע נעשאָמע. קיין איין טויטער איז דאָך אָבער נאָך ניט אופגעשטאנען מכּיִעס־האמייסים דאָס צו באשטעטיקן. וועגן דער ריכטיקײַט אָבער פון דעם, וואָס מע דערציילט וועגן דעם גוירל פון אונדזערע מענטשן, זײַנען פאראַן באווײַזן. איז כאָטש איינער אמאָל צוריקגעקומען? האָסטו כאָטש פון איינעם באקומען יעדיִעס?

— דאָס איז אלץ ניט קיין באווײַז, — האָט מיכאעל קאלט געזאָגט. — דו ווייסט, אז מיר זײַנען פולשטענדיק איזאָלירט. די וואך לאָזט ניט דורך צו אונדז קיין שום יעדיִעס, אלציינס — גוטע צי שלעכטע.

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט רות ארײַנגעשושקעט מיכאעלן אין אויער, — פאראן אזעלכע יעדיִעס, וואָס מע קאָן זיי נישט פארהאלטן, און זיי זײַנען אזוי שרעקלעך, אז קיין שום וואך קאָן זיי ניט בײַקומען.

— ביסט קראנק, — האָט מיכאעל דערקלערט מיט בייזער אקשאָנעס. — פונקט ווי די איבעריקע, לײַדסטו אפּאָנעם אויך פון דער פארפאָלגונגס־מאניע. דו און אלע איבעריקע — איר זײַט צו קליינמוטיק די מאניע צו באקעמפן און צו שוואך זי גוירוער צו זײַן. איר זײַט פארורטיילט צו האלטן אָט די אויסטראכטעניש פאר עמעס, זי האָט באהערשט אײַער געמיט און ווי גיפטיקע באצילן אָפּגעסאמט עס. דו האלטסט אין איין כאזערן, אז דאָס איז עמעס, און אין דער ווירקלעכקײַט איז עס ניט מער, ווי שרעק, שרעק... און ווײַטער גאָרנישט.

רות האָט מיט פארדראָס א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס איז ניט פון שרעק. איך ווייס, אז דאָס און נאָר דאָס איז אונדזער גוירל. דאָס דערווארט אונדז אלעמען. הער אוף צו ריידן פון שרעק. איך האָב זיך שוין לאנג אופגעהערט צו שרעקן.

מיכאעל האָט זיך ביין צעלאכט.

— ווילסטו, הייסט עס, מיך אויסלערנען זיך שרעקן? דעריך דערקענט מען דאָך טאקע די שרעק, וואָס זי טרײַבט איבער אין הונדערטער מאָל די ווירקלעכקײַט. ווירקלעכקײַט לעבט מען איבער נאָר איין מאָל, אָבער שרעק — ווידער און ווידעראמאָל. הער אויף זיך אליין אומצוברענגען. נאָר דער, וואָס וועט זיך אליין קאָנען גרויזער זײַן, נאָר דער וועט בלײַבן לעבן.

— נאָך וואָס בלײַבן לעבן? — האָט רוט א פרעג געטאָן אָן אויסדרוק.

2

ווען מיכאעל און רוט זײַנען ארײַן אין קעלער, איז ער געווען באלויכטן מיט א שווארצער און אייגנארטיקער שײַן: מע האָט דעם נאפט-לאָמפּ אוועקגעשטעלט אף אן ארויסשטארצנדיקן שטיין אין וואנט. קניפּער איז געזעסן אף זײַן באשטענדיק אָרט. בראנדעלס האָט ווי שטענדיק נאָך דער ארבעט זיך פארשטעקט אינעם טונקלסטן טייל פון נעם קעלער. וואָלף, דער נײַ-אָנגעקומענער, האָט זיך געפילט פרעמד. אף וויפל די ענגשאפט האָט עס דערלויבט, האָט ער געהאלטן אין איין בײַטן דאָס פלאץ. יאָנאס איז שווײַגנדיק געזעסן לעבן קניפּערן.

דעם שנײַדערס הענט זײַנען געלעגן אפן טיש. זײַן פּאָנעם האָט געהאט אינגאנצן א נײַעם אויסדרוק. די אלטע און צעטרעגטע קליידער, מיט וועלכע ער האָט זיך ערשט מיט א שאָ צוריק געהאט גע־ייסעקט, האָבן שוין צו אים מער קיין שײַכעס ניט געהאט.

— איר ווייסט שוין? — האָט ער א פרעג געטאָן. מיכאעל און רוט האָבן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

מיכאעל האָט גענומען פיבערדיק טראכטן, וויאזוי קומט מען וואָס גיכער איבער די אומאָנגענעמע טעמע.

— א שאָד, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט פּאָרזיכטיק אָפּגעוויגענער באדויערונג, — וואָס דו מוזט שוין ווידער אוועקפאָרן.

קניפּער האָט אויסגעזען צו זײַן דאנקבאר, וואָס ער פארשפּאָרט צו ריידן וועגן דער צוקונפט, וועלכע שטייט אים פאָר. מיט די האלב פארמאכטע אויגן, אומבאוועגלעכן קאָפּ, אָנגעשפּארט מיטן קערפּער אינעם ווענטל פון שטול, האָט ער געמאכט דעם אײַנדרוק פון א געשטאָרבענעם. אפילע דאָס געדויש פון זײַן אָטעם איז אזוי ווייניק געגאנגען פון אים, ווי דאָס ריזלען פון די טראָפּנס וואסער איבער די פײַכטע ווענט, ווי דאָס הודזשען פונעם ווינט אינעם אייוועלע, ווי דער שטראָם לופט, וואָס האָט זיך ארײַנגעריסן דורך א לאָך אין וואנט.

אויבנ, אינעמ צימער, וואָס איבערנ קעלער, איז א מענטש עט-לעכע מאָל דורכגעגאנגענ אהינ אונ צוריק איבער דער פּאָדלאָגע. אונ פונ זײַנ יעדנ טראָט האָט דאָס צינגל שײַנ א ציטער געטאָנ.

קניפּער האָט אָנגעהויבנ קומענ צו זיכ. ער האָט אָפּגעשטעלט זײַנ בליק אַפּ מיכאעלנ אונ רוטנ, אונ ס'האָט זיכ געדאכט, אז ער וויל עפּעס זאָגנ. קעדיי ניט באגעגענענ זיכ מיט זײַנע בליקנ, האָט מיכאעל זיכ געווענדט צו וואָלפנ, זיכ באקענט מיט אימ אונ פאר-פירט א שמועס. אָבער רוט האָט מוטיק געקוקט קניפּערנ אינ די אויגנ ארײַנ אונ האָט זיכ אפילע געצווונגענ ארויסצורופנ אַפּ איר בלייכנ, אָפּגעצערטנ פּאָנעמ א מינ גאַיווּנ אונ הארציקנ שמייכל.

קניפּער האָט ארומגעטאפּט זײַנע הויזנ-קעשענעס אונ האָט עפּעס פאָרזיכטיק פונ דאָרט ארויסגענומענ. דאָס איז געווענ א שפּיגעלע אינ א שיינ זילבערנ רעמל. ער האָט איבערגעגעבנ רוטנ דאָס שפּיגעלע.

— ווענ איכ בינ געפאָרנ אהער, — האָט ער געזאָגט, — האָט מענ מיכ אָנ א שיר מאָל באזוכט, אלצ, וואָס האָט נאָר געהאט א שטיקל ווערט, האָט מענ בא מיר צוגענומענ. דאָס שפּיגעלע האָבנ זיי פאר-זענ. איכ גלייב, אז ס'וועט דיר געפעלנ. שפּיגלענ זײַנענ דאָ א זעלטנהײַט. דער איז נאָכ פונ מײַנ פארשטאָרבענער פרויס מיידל-יאָרנ.

אלע האָבנ געוווסט, אז צוריק מיט פופצנ יאָר איז מיט זײַנ פרוי, א יונגער אונ געזונטער, געשענ אנ אומגליק: אנ אווטאָמאָביל איז זי איבערגעפאָרנ. קניפּער, דעמלט שוינ א לונגענ-קראנקער, האָט פארשאָלטנ די בלינדע אומיוישערדיקײַט פונעמ גורל, אונ דאָכ — איצט איז עס געווענ קלאָר — פאר דער פרוי איז עס געווענ א גרויס גליק.

רוט האָט געהאלטנ דעמ שפּיגל, געדרייט אימ פארנ פּאָנעמ. אירע אויגנ זײַנענ געוואָרנ אלצ טינקעלער, אונ די ברעמענ האָבנ זיכ אלצ מער צונויפגעצויגנ. א פינצטערע כמארע האָט זיכ געלייגט אַפּ איר פּאָנעמ.

מיכאעל איז געווענ גערעכט. זי האָט מוירע. מוירע פארענדערט דעמ מענטשנ. אָבער רוט האָט געזענ, אז ניט נאָר זי אליינ האָט זיכ געענדערט. פונ שפּיגל האָט ארויסגעקוקט אויכ א שטיק פונ קני-פּערס פּאָנעמ. עס האָט זיכ געפילט, אז ער געפינט זיכ שוינ פונ יענער זײַט מענטשלעכע עמפּינדונגענ. זײַנ פּאָנעמ איז ענלעכ געווענ צו א פארשטיינערטער גרימאסע פונ א טויטנ.

דער שפּיגל איז ארויסגעפאלנ בא איר פונ די הענט אונ האָט זיכ צעבראָכנ.

— ווי נישט געשיקט איכ בינ, — האָט זי אויסגעפּליסטערט מיט ווײַסע ליפּנ. קניפּער האָט זי געפּרווט טרייסטנ, אונ זי האָט, אינ-גאנצנ ציטערנדיק, אָנגעהויבנ צונויפקלײַבנ די שערבלעכ.

אויבן האָט מען ווידער אָנגעהויבן ארומשפאנען. די סטעליע האָט זיך געטרייסלט, און דאָס פלעמל האָט געצוקט.

— זיי זײַנען הײַנט אומרויִק, — האָט קניפער מיטן פינגער באוויזן אַפּ ארופ. — אויב דאָס איז אין פארבינדונג מיט מײַן אָפּפאָרן, פארדריסט מיך, וואָס צוליב מיר איז דאָ געשטערט געוואָרן די רו.

ער איז געזעסן א ווײַלע מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט דערוואַרטונג.

אויבן האָבן די טריט געביטן די ריכטונג. א טיר האָט זיך פאר-קלאפּט. די הילצערנע טרעפּ האָבן א קרעכץ געטאָן.

— זיי גייען, — האָט יאַנאַס געזאָגט.

3

פריץ און זײַן פרוי אַנע, וואָס האָבן געוווינט אינעם צימער אי-בערן קעלער, האָבן געהערט צו דער גרופּע וואַלד-ארבעטער.

ער איז געווען איינער פון די מענטשן, וועלכע קאָנען קיין זאַך און קיינמאָל ניט פארגעסן. נישט אַפּ דער וואָר און נישט אין שלאָף האָט אים ניט פארלאָזן דער באוווּסטזײַן, אז ער איז דער אַדוואָקאַט, דאָקטאָר ברושווײַלער פון עגער, דער באַזיצער פון צוויי הײַזער אין מארק, וועמען מע האָט פון זײַן מענטשן-ווירדע בארויבט, פון זײַנע הײַזער פארטריבן, דערנידעריקט און פאר א שקלאַפ געמאַכט. קיינ-מאָל האָט ער דערמיט ניט שאָלעם געמאַכט. פון פרי ביז נאַכט האָט ער זײַן פארביטערונג גענערט. ער האָט זי ארײַנגעאָטעמט מיט יעדן אָטעם-צוג, פארזוכט זי מיט יעדן ביסן, געשפּירט זי בא יעדן פּאַך מיט דער האַק, בא יעדן פיר מיט דער זעג.

אָט די פארביטערונג האָט קראַנק געמאַכט זײַן נעשאָמע. עס האָט געדוכט, אז זײַן גאַנצע וועזן איז איין בלוטנדיקע וווּנד.

דערצו איז נאָך צוגעקומען די שרעק. עס האָט אים פארפאָלגט דאָס געשפּענסט פון פארשיקונג. ער האָט עס געפּרוּווט פארטרײַבן מיט טרוימען וועגן נעקאָמע. און טאָמער פלעגט די שרעק ווערן צו גרויס, פלעגט ער פּרוּוון ארויסרופן אין דער פאַנטאַזיע דאָס געריכט. עס פלעגט זיך אים צומאָל אויסדוכטן, אז ער הערט די מעכטיקע שטימע, וואָס רופט אויס דעם אָנגעקלאָגטן, לייענט די באשולדיקונג און טראָגט ארויס דעם אורטייל... אָבער סאָפּקאָלסאָפּ פלעגט גוּיווער זײַן די שרעק.

די שרעק האָט די אייגנשאַפט פון א טראָפּן, וואָס פאַלט שטענ-דיק און רעגלמעסיק אין איין און דעם זעלבן פּונקט. ער צעשטערט לאַנגזאַם, אָבער מיט אומגעהייערער גלײַכמעסיקײַט. עס דוכט זיך, אז

דאָס הארצ וויל פונעמ קערפער ארויסשפּרינגענ. מיט קאָלאָסאלער קראַפט האמערט עס אינ די ווענטלעכ. יעדער קלאַפּ, דוכט זיכ, וועט ברענגענ דעמ טויט. מע האלט אינ איינ שטארבנ און דאָכ — מע לעבט.

פריצנ האָט ניט געבראכט קיינ באַרויִקונג אויכ דאָס, וואָס ער האָט געשפּירט לעבנ זיכ אנעס אָטעמ און בא דער קנאַפּער שייַנ פונ א האַסטיק אָנגעצונדענער ליכט געזענ איר פּאָנעמ אינ טיפער רו פונ שלאָף. איר פּאָנעמ איז געווענ קלאָר און פרידלעכ, ווי בא א מענטשנ, וואָס איז אימשטאַנד האנאָע צו האָבנ פונעמ שלאָף. אירע הענט ליגנ פריַי אַפ דער צעריסענער קאָלדרע. די ברוסט הייבט זיכ און לאָזט זיכ אראָפּ אינ א רויִקנ ריטמ.

אינ אזעלכע מינוטנ האָט פריצ געהאסט זייַנ פרוי און האָט כיי־שעק געהאט זי צו דערווערגנ. ער האָט געהאסט איר רויִקייַט, איר שטארקייַט. אויכ באַטאָג, ווענ ס'איז צו האס ניט דערגאנגענ, האָט ער זיכ דאָכ אופגעפירט בענעגייע צו איר גראָב און שארפ. אומגליק מאכט צוגישט אלע צוימענ. די פארבאָרגנסטע שלעכטע אינכטינקטנ אנטפּלעקנ זיכ. און גראָד דערפאר, וואָס פריצ האָט זיכ שטענדיק געפילט שוואכער פונ זייַנ פרוי, האָט ער זיכ איצט נוקעמ געווענ. פריצ איז דערגאנגענ דערצו, אז ער האָט אנענ גראָב געזידלט. זי האָט אימ געענטפערט הארט און קאלט. זי האָט אימ דערמאָנט אָנ אלע זייַנע כאטאָיִמ. דערפאר האָט ער איר באשריבנ, ווי בייז און עגאָיִסטיש זי איז.

עס איז געווענ מאָדנע צו הערנ, ווי די דאָזיקע צוויי צוואנגס־ארבעטער ריידנ וועגנ צייַטנ, וואָס זייַנענ שוינ לאנג אוועק און וואָס ס'איז אומעגלעכ זיכ פאָרצושטעלנ, אז זיי זייַנענ אמאָל געווענ. פריצ האָט עס ליב געהאט: זיכ גראָבנ אינ פארלוירענע אוצרעס, ציילנ פארשווונדענע פארמעגנס, באוויינענ פריידנ, וואָס איז אומעגלעכ זיי אומצוקערנ. באזונדערס פלעגט ער נישט מיד ווערנ זיכ צו דערמאָנענ אינ די צוויי הייַזער אינ עגער, אלטע געבייַדעס אינ פרענקישנ סטיל, מיט ברייטע און שווערע טויערנ, איבער וועלכע עס בלאנקענ העלמענ, מיט דיקע ווענט און הויכע, שפּיציקע דעכער. הונדערטער מאָל איז ער אינ געדאנק דורכגעגאנגענ דעמ וועג דורכ דעמ ברייטנ פלאצ פונ דער אלטער און פרעכטיקער שטאָט צומ קרייַז־געריכט, א באראָקאָ־געבייַדע מיט העלמענ, גראמע קאָרידאָרנ און מעכטיקע גע־שניצטע מארמאָר־פּארענטשעס. הונדערטער מאָל איז ער ארומ איבער די מיט בילדער און אופשריפטנ באפוצטע טרעפּ מיטנ ריז אפנ איי־בערשטנ שטאָק.

ווענ ער איז אָבער געווענ באמ פולנ באוווסטזייַנ, פלעגט ער פארשילטנ די דאָזיקע פייִקייַט זייַנע צו רעפּראָדוצירנ די פארגאנגענ־

הײַט. מאָדנע: מע איז געוואָרנ וואלד-ארבעטער אינ פוילנ, די סאמע דערנידעריקטע אונ פאראכטע צווישנ די וואלד-ארבעטער; מע האָט אלצ פארלוירנ, אפילע דאָס לעצטע ביסל מענטשנ-רעכט, אונ דאָכ פונקציאָנירט אזוי די דערנידערונגס-קראפט. ערגעצ אינ הינטער-באוווסטזײַנ איז געלעגנ פארבאָרגנ די פארגאנגענהײַט. זי האָט געגלאנצט ווי צירונג. מע האָט זי געקאָנט ארויסנעמענ אונ זיכ בארוישנ מיט איר גלאנצ.

יענעמ אָוונט האָבנ זיי ביידע געלייענט די מעלדונג. קניפערס נאָמענ האָט אפ פריצנ אָנגעיאָגט אנ אומגעהייערע שרעק. דעמ גאנצנ וועג אהיימ האָט ער געשוויגנ. די קני האָבנ אָבער בא אימ געציטערט. אנע איז געגאנגענ לעבנ אימ מיט א פארשטיינערט פּאָנעמ. בעשאס זיי זײַנענ צוגעגאנגענ צומ טורעמ, האָט אנע פאָרגעלייגט אראָפּצוגיינ אינ קעלער זיכ געזעגענענ מיט קניפערנ. פריצ האָט זיכ דערשראָקנ. זיכ געזעגענענ מיט קניפערנ האָט באטײַט פארדאָפלענ די אייגענע שרעק. ווי קאָנ א מענטש, וועלכער איז אליינ פארצווייפלט, גיינ טרייסטנ א פארורטיילטנ צומ טויט.

אנע האָט אויסגעהערט זײַנ שטאמלענדיקע דערקלערונג אונ א הייב געטאָנ די אקסלענ. זי איז ארײַנ אינ צימער — נאקעטע פיר ווענט מיט א פײַערשטעל. פריצ איז איר שווײַגנדיק נאָכגעגאנגענ. זיי האָבנ אָפּגעגעסנ זייער נעבעכדיקנ מאָלצײַט.

— האָסט זיכ שוינ בארויקט? — האָט אנע געפרעגט, וואשנדיק דאָס געפעס.

פריצ האָט געמאכט נאָכ א פּאָר שפּאנ הינ אונ צוריק איבערנ צימער אונ האָט מאָרעשכוירעדיק א מאכ געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— זײַ נישט קיינ פּאכדנ, — האָט זי געבעטנ, ווייכער ווי שטענדיק, — מע טאָר ניט זײַנ קיינ פּאכדנ. ווענ דו ביסט כאָטש אנ עגאָיסט, וועלכער פרייט זיכ דערמיט, וואָס ס'איז ניט זײַנ ריי, נאָר אנ אנדערנס... אָבער דו ביסט דאָכ פּאָשעט א לײַדנדיקער מענטש, וואָס וויל זיכ נישט אָנטאָנ קיינ יעסורימ פונ א פרעמדנ אומגליק.

ער האָט זיכ געפּרוווט פארענטפערנ.

— דו ווייסט דאָכ, אז סע קענ מיט מיר טרעפנ, פונקט ווי מיט אנדערע. מײַנ אויסארבעטונג איז א קליינע. אונ וואלד-ארבעטער גילטנ ניט פאר אזעלכע, אָנ וועלכע מע קאָנ זיכ נישט באגיינ...

אינ אנעס אויגנ האָט אופגעפלאקערט צאָרנ.

— געוויס הענגט עס אָפּ ניט פונ דיר אליינ צו בלײַבנ לעבנ, אָבער דו ווייסט, אז שלאבעריקע האָבנ די קלענסטע שאנסנ.

מיטאמאָל האָט ער דערפילט בושע. ווי שטענדיק, האָט אימ אנע

אויך דאָס מאָל גויווער געוועגג. אונטן איז געזעסן א פּרײַנט, וועל־כער וועט שוין מאָרגן דאָ ניט זײַן, און ער, פּריץ, וויל זיך באַ־האלטן הינטער דער אייגענער פּאכדאָנעס. האסטיק האָט ער זיך א שטעל אוף געטאָן, בײַקומענדיק זײַן שרעק און מידקײַט, און איז אוועק צום טיר. אַנע איז אים נאָכגעגאנגען. פּאָרזיכטיק האָבן זיי זיך אראָפּגעלאָזן איבער די שטיילע טרעפּ אָן פּארענטשעס.

עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט, איידער פּריץ האָט זיך אָנ־געהויבן צו אָריענטירן אין דער טריבער שײַן, וואָס האָט געהערשט אין קעלער. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען קניפּערן, האָט ער זיך א לאָז געטאָן גלײַך צו אים. ער האָט ניט באַטראכט, וואָס ער האָט אים צו זאָגן. און איצט, ווען ער האָט זיך געוואָלט מיט אים געזעגענען, האָט ער ניט געפונען קיין פּאסיקע ווערטער. אלע טרייסט־ווערטער, וואָס ער האָט אמאָל געהערט אָדער געלייענט, האָבן זיך אויסגעמישט בא אים אין קאָפּ. זיי האָבן אים איבערפולט, געלעגן אים אַף דער צונג, געשטיקט דעם אָטעם. ער, דער געניטער רעד־נער, האָט מיעס געשטאמלט. ערשט אנעס ארײַנמישן זיך האָט אים אויסגעלייזט. אירע ווערטער האָבן געקלונגען איינפאך און עכט. קני־פּער האָט ארופגעלייגט זײַנע דארע, אויסגעטריקנטע הענט אַף פּריצס און אנעס פינגער. ער האָט ניט אויסגעזען, ווי איינער, וואָס ניי־טיקט זיך, מע זאָל אים טרייסטן. פּריץ האָט געקוקט און זײַנע איי־גענע אויגן ניט געגלייבט. איז קניפּער ווירקלעך אזוי רויִק, ווי עס זעט אויס? זײַן אָטעם איז געווען טיף און גלײַכמעסיק. אַף זײַן שטערן האָט גערוט א פּײַערלעכע שטילקײַט.

גלײַך ווי קעדיי צו ברעכן די שווערע פּאוזע, האָט קניפּער א פּרעג געטאָן, צי פּריץ און אַנע ארבעטן נאָך אלץ אלס האָלצהעקער. אַנע האָט געענטפערט, אז יאָ, זיי ארבעטן נאָך אלץ אין וואלד, און האָט ניט דרייסט געגומען דערציילן וועגן איר ארבעט. אלע האָבן זיך צוגעהערט. עס איז געווען א פּארלײַכטערונג צו הערן א זאכ־לעכן און טרוקענעם באריכט.

קניפּער האָט געהאלטן, אז זיי זײַנען גליקלעכע, וואָס זיי אר־בעטן אַף דער פרישער לופט. ער, — האָט ער צוגעגעבן, — האָט איינ־איינציק מאָל געזען דעם וואלד. דאָס איז געווען אפּן וועג פון דער באן־סטאנציע פון ר. קיין ל., אין דער „יודענשטאט".

קניפּער האָט געמאכט א פּאוזע. אלע האָבן פּײַנלעך געוואַרט, אז ער וועט איצט נעמען ריידן וועגן דעם זעלבן וועג, נאָר אין א פּארקערטער ריכטונג, וועגן דעם וועג, וואָס איז אים מאָרגן פּאָר־געשטאנען.

קניפער אָבער האָט געשוויגן, ניט אָראָפּנעמענדיק די אויגן פון דער שמאָלער שפּארונע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם קעלער מיט דער דרויסנדיקער וועלט, ווי ער וואָלט געזוכט א וועג פון קעלער ארויס.

ער איז א ווײַלע געזעסן אזוי פארטראַכט און דאן צוריק גע־ווענדט זײַן בליק אין קעלער ארײַן.

—יאָ, — האָט ער מוידע געווען מיט קימאט פרײַלעכער רעזיגנא־ציע, — ער האָט פארזאמט ניט נאָר דעם וועג אין וואלד ארײַן, נאָר אויך דעם וועג אין דער קריסטן-שטאָט. ער האָט ניט געזען דאָס ראָטהויז, כאָטש אויסגעבויט האָט מען עס פאר דעם געלט, וואָס מע האָט צוגענומען בא דער יידישער קעהילע. אויך דעם מארק מיט די סטאטועס פון די „פיר עוואנגעליסטן”. ער האָט נישט געזען אפילע דאָס געריכט, וועגן וועלכן מע שמועסט, אז יעדערער מוז עס האָבן געזען. אויך ניט דעם יידישן בעסוילעם, אפ וועלכן עס ליגט אן עמעסער צאדיק, א באלמויפעס. אפילע וועגן דעם שלאָס האָט ער נאָר געהערט דערציילן, כאָטש א סאך פון זײַנע פרײַנט האָבן דאָרט געארבעט.

אָט דאָס אלץ — דעם וואלד, דאָס ראָטהויז, דעם מארק, דאָס גע־ריכט און דעם שלאָס — איז אים געווען פארבאָטן אפילע אָנצוקוקן. מער ווי דעם טורעם און די עטלעכע ארומיקע גאסן האָט ער ניט געזען, און דאָך האָט ער ניט קיין גרונט זיך צו באקלאָגן. אין אָט דעם טורעם האָט ער אָפּגעלעבט א פּאָר ניט קיין שלעכטע כאדאָ־שים. ער האָט דאָ געהאט גוטע פרײַנט. וויפל לאנגע אָוונטן האָט ער פארבראכט מיט זיי...

קניפערס בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן קרײַז פּענעמער ארום אים. מיט א שטים, אין וועלכער עס האָט געקלונגען א נײַער טאָן, האָט ער צוגעגעבן, אז ער וועט זיך מיט זײַנע פרײַנט פון טורעם ניט שיידן. וואָס עס זאָל ניט געשען, וואָס עס זאָל אים ניט פּאָר־שטיין, סײַווי וועט ער בלײַבן פארבונדן מיט זיי.

אָט די טרייסט, וואָס איז געגאנגען פון קניפערס שטים, האָט זיך איבערגעגעבן אלע אָנוועזנדיקע.

אָבער די צעשיידונג האָט אפּסנײַ מיט אומגעהייערער קראַפט אופגעוועקט די שרעק.

4

פּארטאָג האָט זיך מיכאעל אופגעכאפּט פון רוטס א ווילדן גע־שריי. זי איז געווען אופגערעגט און האָט אינגאנצן געציטערט.

עס האָט זיך איר געכאָלעמט, אז זי שטייט אין צעטל. זי האָט

זיך געלאָזט גיין צום וואָקזאל — צו דעם וואָקזאל, וועלכן זי האָט געזען נאָר איין מאָל, בעשאס זי איז געקומען אהער פון מײַרעוו. זי איז געגאנגען איבערן וועג, וואָס זי געדענקט אים נאָך אינגאנצן קלאָר — צווישן לאָנקעס, פעלדער און א שטיק וואלד.

זי האָט געזען אויך אנדערע גיין מיט דעם זעלבן וועג. קיינער פון זיי האָט זיך וועגן די איבעריקע ניט געקימערט. רוט האָט גענו־מען גיין שנעלער, קעדיי זיך אָנצושליסן אָן זיי. די אלע געשטאלטן האָבן אָבער געהאט מאָדנע פרידלעכע און גלײַכצײַטיק פארשלאָ־סענע פּנעמער, זיי זײַנען געגאנגען, ווי ניט מיטן אייגענעם קויעך געטריבן, נאָר באוועגט פון עפּעס אן אינווייניקסטן מעכאניזם.

וואָס ווײַטער, האָבן זיך אָפּ רוטס וועג באוויזן אלץ מער אזעל־כע פּערזאָנען. זיי זײַנען געקומען ניט נאָר פון דער „יודענשטאט", נאָר אויך פון די נאָענטע לאגערן. זייער גאנג איז געווען גלײַכמע־סיק און פעסט, די פּנעמער — פארשטיינערט.

מיכאעל האָט ניט געלאָזט רוטן דערציילן ביזן סאָף. ער איז געוואָרן אין קאס.

— איך האָב דאָך דיך געבעטן: פארגעס! גלייב נישט אין די אלע קלאנגען. אז די פארשיקטע מוזן קלוימערשט שטארבן איז א בייזע אויסטראכטעניש...

— דו לײַגסט, — האָט רוט אויסגעשריִען, — דו מיינסט בעעמעס, אז דו קענסט זיך אָן אופהער ניט זעענדיק און ניט ווסנדיק מאכן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר? מיט יעדן טאָג זײַנען די גרוילן אלץ גרעסער.

— דו ווילסט דאָך לעבן, — האָט זי מיכאעל באשווירן, — וויִאזוי זשע קענסטו לעבן, אז דו פלאָגסט זיך אליין צום טויט? דעמלט, ווען מיר האָבן נאָך א נאָרמאל לעבן געלעבט, האָסטו ווייניק וואָס געוווסט וועגן מענטשלעכער אכזאָריעס. און דאָך זײַנען אזעלכע גרוילן פאָרגעקומען ערגעץ אין דער וועלט. דו ביסט אָבער געווען פון זיי ניט צענדליקער, נאָר טויזנטער און עפּשער צענדליקער טויזנטער מײַלן ווײַט.

— איך ווייס ניט, וואָס דעמאָלט איז געווען. וואָרשײַנלעך, האָב איך ניט געוווסט, אז עס האָט צו מיר א שײַכעס, — האָט רוט גע־קרעכצט, — אָבער וויִאזוי קאָן איך לעבן, אז איך ווייס שוין יאָ?

— געהערסטו דען ניט צו דער אנדערער וועלט, אין וועלכער עס איז נישט פאראן נישט קיין פּאכעד, נישט קיין אכזאָריעס? פארוואָס טראכטסטו נישט וועגן יענער וועלט, דערווירקלעכער וועלט?

רוט איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן. געהאָרכזאם האָט זי גע־

נומען טראכטנ וועגנ יענער וועלט, וועלבע זי האָט שוינ קימאט אינ-גאנצנ פארגעסנ.

עס זײַנען געווענ ערגעצ לאָנקעס אָנ אופשריפטנ „ניר יודענ פערבאָטענ!" מע האָט זיכ געמעגט אוועקלייגנ אינ גראָז אונ קוקנ ארופ אפ די וואָלקנס. געווענ פארקנ אונ פלעצער אינ די שטעט, מע איז נישט געווענ געצווונגענ אדאָפצוגיינ פונעם טראָטואר אונ גיינ צווישנ אווטאָס אונ וועגענער, מאכמעס דער טראָטואר איז פאר יידנ פארבאָטנ. וואָס פאר א נאכעס דאָס איז מעגנ ארײַנ אינ א טעאטער, אינ א האָטעל, אינ א רעסטאָראנ אָנ שרעק, אָנ כארפע, אָנ דער נייטיקײַט זיכ אליינ צו פארלייקענענ.

אָט איז א קינאָ. מע מעג ארײַנ, אונ קיינער וועט דיכ ניט פרעגנ, צי דו ביסט א ייד. מע זעצט זיכ ארײַנ אינ א טראמווײַ אָדער אינ אנ אווטאָבוס. קיינער מאכט ניט קיינ אונטערשייד צווישנ ייד אונ ניט-ייד. מע זעצט זיכ ארײַנ אינ א פאסאזשיר-וואגאָנ פונ א צוג, מע קלײַבט זיכ אויס אנ אָרט לעבנ א מענטשנ, וואָס זײַנ פּאָנעם איז דיר סימפאטיש, מע פארפירט א געמיטלעכנ שמועס. די מענטשנ האָבנ אופגעהערט צו זײַנ ווילדע כײַעס. זייריידנ געלאסנ אונ רויק, אָנ קאס. קיינער לויערט ניט אפ קיינעם, מע אָטעמט, מע קוקט, מע פרייט זיכ מיט דער נאטירלעכקײַט פונ גליקלעכע מענטשנ.

א מאָדנע זאכ איז עס פרײַהײַט! די, וואָס האָבנ זי פארמאָגט, האָבנ זי ניט געפילט. די, וואָס האָבנ גענאָסנ פונ איר, האָבנ נישט געהאלטנ אינ איינ זאָגנ: „מיר זײַנענ פרײַ!" עס איז געווענ אזוי זעלבסטפארשטענדלעכ, ווי דאָס אָטעמענ.

וואָס טויגנ אָבער יענעם, וואָס לעבט אינ כווישעכ, אלע דערי-נערונגענ וועגנ דער זונ. מעג זײַנ, אז די וועלט פונ פרײַהײַט עק-זיסטירט ערגעצ, אָבער דער, וואָס איז ניט פרײַ, ווייסט נאָר פונ זײַנ קנעכטשאפט. זי, די קנעכטשאפט, האָט מענ שוינ ניט באדארפט ארויסרופנ אינ זיקאָרנ. זי איז געווענ דאָ, שטענדיק דאָ! מע האָט זי קימאט געקענט אָנטאפנ מיט די הענט. האָט מענ געקוקט אפ די הענט, האָט מענ זי געזענ שטעקנ אינ זיי. פונעם אייגענעם קערפער האָט געטראָגנ מיט דייעכ פונעם אייגענעם שווייס. דער גאנצער קער-פער האָט קעסיידער וויי געטאָנ פונ שווערער ארבעט.

מע האָט גאָרניט באדארפט רופנ צוטרײַבנ צו דער ארבעט, זי האָט זיכ אליינ צוגעטריבנ. לעבנ איר האָט גאָרניט באדארפט שטיינ קיינ אופזעער מיט א בײַטש. זי האָט זיכ אליינ אונטערגעיאָגט. זי האָט נאָר געציטערט פאר איינס, אז זי וועט אָנהייבנ ווייניקער אויס-ארבעטנ. די גאנצע קראפט אירע האָט זי ארײַנגעלייגט אינ די צאר-טע הענט. די אומזיכטבארע בײַטש האָט זי צוגעטריבנ ביז צו טיפ-

סטער אויסשעפּונג. ווי שנעל עס זײַנען ניט געווען אירע האַנט-באַוועגונגען, האָט זי אַלץ מוידע געהאַט, אַז ס'איז צו לאַנגזאַם. טאָמער האָט זי אָבער גענומען אַרבעטן נאָך שנעלער, האָט זי זיך ציטערנדיק געשטעלט די פראַגע: ווי לאַנג וועט זי אויסהאַלטן אַזאַ טעמפּ? וואָס זאָל זי טאָן, אַז די קוויכעס זאָלן איר ניט אויסגיין?

די עקזיסטענץ פונעם צוואַנג-אַרבעטער איז אייביקע אָנשטרענגונג, אָנשטרענגונג פונעם וועט-לויפער, וואָס אין קאָן שטייט זײַן לעבן. דער רעזערוו ענערגיע איז געווען באַגרענעצט. ער האָט זיך אָפּגעניצט נאָך שנעלער דערפאַר, ווײַל מע האָט גאָרניט געטאָן אים צו דערגאַנצן. פון טאָג צו טאָג איז מען געוואָרן שוואַכער. קעדיי צו קענען אָפּטאָן הײַנט אַזויפיל, וויפל נעכטן, האָט מען געמוזט צוגעבן פון די ענערגיע-רעזערוון. ווען וועט קומען דער טאָג, ווען דאָס לעצטע ביסל קויעך וועט ענדגילטיק פאַרשווינדן?

רוט האָט אין דער הייך געזאָגט דאָס וואָרט: „ענדגילטיק" און האָט אויסגעפליסטערט „פאַרשווינדן".

מיכאַעל, וועלכער האָט זיך צו איר צוגעקוקט, האָט געפילט צווייפל און צאָרן. ביז גאָר ניט לאַנג האָט ער געקוקט אויף די געשעענישן, וועלכע האָבן גוירעם געווען, אַז ער און רוט זאָלן געבראַכט ווערן אַהער, ווי אויף אַ סטיכישן אויסברוך, קעגן וועלכן ס'איז נישט געווען קיין שום אַנדער שוץ און קיין שום אַנדערע מיטלען, כוץ וואַרטן און געדולדיק זײַן. אָבער די לעצטע צײַט האָט ער אָנגעהויבן אָפּט אַליין בײַ זיך פרעגן, וויאַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אַזאַ מענטש ווי ער זאָל זיך לאָזן פאַרכאַפּן פון די געשעענישן.

מיכאַעל האָט זײַנערצײַט געהאַט פאַרויסגעזען די געשעענישן, און דעריבער האָט ער דעם גרעסטן טייל פון די אוצרעס, וואָס האָבן אָנגעפילט זײַנע אַנטיק-מאַגאַזינען אין פראַנקפורט, באַצײַטנס אַריבערגעשיקט אויף יענער זײַט אָקעאַן. ער אַליין מיטן איבערגעבליבענעם ביסל גוטס האָט זיך געראַטעוועט קיין פּראָג.

אָבער אָנשטאָט דערכטצײַטיק נאָכצופאָרן נאָך זײַן פאַרמעגן קיין אַמעריקע, האָט זיך מיכאַעל צו לאַנג פאַרהאַלטן אין פּראָג. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ פעסטונגאַרטיקן הויז הינטער דעם פּולווערטורעם. רוט, אַ סטודענטן פון מעדיצין, איז געווען די טאָכטער פון דער הויז-ווירטן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער, דער מייווין אויף אַנטיק-זאַכן, געוואָרפן אויף איר אַן אויג, און מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועלכער ער פלעגט זען אַרויסצוקריגן עפּעס אַן אַלטן און טײַערן כייפעץ בײַ זײַן באַזיצער, האָט ער זיך איצט גענומען צו רוטן.

איר אָפּזאָג האָט אים ניט דערשראָקן. מיט מאַטאָנעס האָט ער אונטערגעקויפט די קרויווים, געקראָגן דעם העסקעם פון דער מוטער.

אָבער רוט איז געווען נישט פון יענע, וועלכע פּאָלגן בלינד די מו־טער. בא דער גאנצער ווייכקייט אירער איז זי געווען הארטער פון שטאָל, ווען זי פלעגט זיך פאראקשענען.

וויפל מאָל האָט שוין מיכאעל געהאט אָנגענומען דעם באשלוס מאכן א סאָף צו אָט דעם זינלאָזן וואַרטן, אָבער יעדעס מאָל האָט אים עפּעס געצווּוּנגען נאָכאמאָל צו פרווון און באנייס א קאָן קומען מיט זיין כאסענע-פּאָרשלאָג.

ביז ס'איז געקומען דער טאָג, ווען פראָג איז אָקופּירט געוואָרן. מיכאעל איז באשולדיקט געוואָרן אין ארויספירן קאפּיטאל, און די דייטשן האָבן צוגענומען בא אים דעם פּאס און האָבן אים פאַרבאָטן ארויסצופאָרן פון שטאָט. איצט האָט רוטן געפּלאָגט דער געדאנק, אז זי איז דעריבן שולדיק; זי האָט דאָך דערלאָזט, אז דער פרעמדער רייכער מאן זאָל צוליב איר שטעלן אין קאָן זיין פרייהייט... און זי איז געוואָרן זיין פרוי.

די יערידע איז פּאָרגעקומען עטאפּנוויז. צוערשט האָט די יונגע פּאָר געמוזט אריבערציען זיך מיט זייער האָב-און-גוטס אין פּאָרשטאָט ארייַן. דערנאָך איז שוין דאָס אויך מער קיין באהעלטעניש ניט גע־ווען. זיי האָבן זיך באזעצט אין א בוידעם-שטיבל. אלע טייַערע כפּיי־צים, וואָס מיכאעל האָט מיטגעבראכט מיט זיך קיין פּראָג, — געשניצ־טע קאסטנס פון נאָרמאנדיע, פלעמישע שרענק, געשניצטע בענקלעך פון פלאָרענץ, קרעדענצן פון סיענע, טעפּיכער, בילדער, זילבער, פּאָרצעליי, — דאָס אלץ האָט מען בא זיי צוגענומען.

זיין לעצט ביסל מעזומען האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט ארויסצולערנען דאָס, וואָס עס מוז קענען א מאָנטיאָר אין אן אווטאָ־גאראזש. אָבער אויך די קענטענישן האָבן ניט געהאָלפן. צוזאמען מיט א סאך זייער גלייכע זיינען זיי פארשיקט געוואָרן קיין פּוילן. זיי זיינען אָבער געווען געשולטע ארבעטער, און מאכמעס דעם האָט מען זיי נישט פארשפּארט אין קיין געטאָ, נאָר איינגעשלאָסן אינעם פּערסאָנאל פונעם וואַרשטאַט אין ל.

פּאָריבער זיינען די יאָרן פון האָפענונג און די יאָרן פון וואַרטן. זייער גורל איז געווען באשלאָסן. זיי זיינען ביידע געווען קאָרבאָ־נעס און שקלאפן. פון אלע אויצרעס פון אן איבער דער וועלט ארומשפאנענדיקן אנטיק-הענדלער איז מיכאעלן גאָרנישט נישט גע־בליבן. אפילע זיין לעצט ביסל פארמעגן, זיין יונגע פרוי, וועט ער אָט-אָט פארלירן.

קיינמאָל האָט זיך מיכאעל ניט אָפּגעגעבן אזא קלאָרן דין-ווע־כעזשבן, אז ער האָט זיך געלאָזט אָפּנארן, אז ער איז א קאָרבן פון נארישן לייַכטזין. אָבער עס האָט ניט געהאט קיין שום זין דורך

פאָרוואָרפֿן צו דערווײַטערן פֿון זיך רוטן, אָט דאָס לעצטע אייגנס זײַנס. ער מוז זי אײַנהאַלטן, ער טאָר זי נישט פֿאַרלירן.

א ווײַלע האָט ער זיך צוגעקוקט צו איר. זי איז נישט געשלאָפֿן, זי האָט זיך אָבער געמאַכט שלאָפֿנדיק. טראָפּנס שווייס האָבן זיך אויפֿגעזאַמלט אויף אירע שלייפֿן.

מיכאַעל האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר. אין די ערשטע כאַדאָשים פֿון זייער כאַסענע, ווען זיי האָבן נאָך ניט אַלע אילוזיעס געהאַט פֿאַרלאָרן, פֿלעגט ער מאַכן פּרווון אויפֿוועקן אין איר פֿאַרלאַנגען, דערוואַרטונגען, דערציילט וואָס ער פֿלעגט איר אויסמאָלן די וועלט, אין וועלכער זיי וועלן לעבן, ווען דאָס לעבן וועט צוריק ווערן נאָרמאַל.

זײַן פּראָפֿעסיע האָט געבראַכט דערצו, אַז ער איז געווען היימיש גראָד אין יענע שטעט, וואָס זייערע נעמען רופֿן אַרויס באַם איינפֿאַכן בירגער פֿאָרשטעלונגען וועגן עפּעס וווּנדערלעכס און עקזאָטישס.

געווען דאָ ווענעציע, ווו מיכאַעל האָט געהאַט א סכוירעס-לאַגער פֿול מיט צאָפֿן־איטאַליעניש מעבל, א בונטער מישמאַש פֿון ווערטפֿולע און סטאַם שיינע זאַכן. דאָס הויז איז געשטאַנען באַם גרויסן קאַנאַל, ניט ווײַט פֿונעם פּלאַץ קאָרנאַראָ. אינעם אונטערשטן שטאָק איז געווען דער מאַגאַזין. אויבן זײַנען געווען צוויי געוועלבטע פֿענצטער מיט זײַלן און פּיליאַסטערס. לעבן די גרינלעכע מאַרמאָר-טרעפּ פֿונעם ארײַנגאַנג איז געשטאַנען א גאָנדאָלע, פֿאַרהאַנגען מיט טיכער. פֿון דעם מיטלסטן פֿענצטער איז אַרויסגעהאַנגען אַן עטוואָס אויסגעבליאַקעוועטער בונטער טעפּיך.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן באַשרײַבן זײַן הויז אין ווענעציע, האָט ער זיך גענומען דערמאָנען אַנדערע שטעט. עפּשער ווילט זיך רוטן זען דעם פּראַדאָ, די שפּאַנישע טרעפּ אין רוים, דעם בעגינאַזש אין בריגע, די נאָרמאַנישע הײַזער אין רואַן? אויך אין פּאַריזש האָט מיכאַעל א כאַך אַלטע געשעפֿט-פֿרײַנט. צי וועט מען זיי געפֿינען נאָך דעם, ווי אָט דער קאָשמאַר וועט צערינען?

מיכאַעל האָט געפּרווט פֿאַרקישעפֿן רוטן מיט נעמען פֿון די אָדער יענע שטעט. אויב רוט וויל אָבער פֿריִער פֿון אַלץ קיין פּראָג, פֿאַרוואָס ניט צוליב טאָן און ניט אויספּילן אָט דעם באַשיידענעם ווונטש?

מיכאַעל האָט אַלץ אײַנגעטײַנעט מיט רוטן. ליגנדיק אָן באַוועגונג, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט זי זיך צוגעהערט און זיך געפּרווט פֿאָרשטעלן די צימערן בא דער מוטער אין הויז: דעם האָל

אין פארטער מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע פּרעסקעס, די געדרייטע טרעפּ, ווו מע האָט זיך געפּילט ווי אײַנגעשלאָסן אין אַן ענגן טורעם, דעם דאַך־באַלקאָן, פונוואַנען מע האָט געזען דעם יאַם הײַזער, שטיינערנע פעסטונגען, וואָס לאַכן זיך אויס פון דער צײַט. זי האָט אַרויסגערופן אין געדאַנק דאָס בילד פון עם פּולווער־טורעם און פון דער קאַרלס־בריק, באַוואַקסט פון הייליקע, דעם אַלטשטאָטשן ראָטהויז־זייגער מיט די צוועלף אַפּאָסטאָלן.

עס האָט זיך איר אָבער געדאַכט, אַז די אַלע בעקאָוועדיקע געביידעס זײַנען אײַנגעפאַלן און ליגן כאָרעווע, אַ קאָרבן פון באָמבעס אָדער פון באַלאַגער־האַרמאַטן, פּונקט ווי די הײַזער פון דער „יודענשטאַט”.

פּלוצלינג האָט געטאָן אַ קלונג דער וועקזייגער. ביידע האָבן זיך דערלאַנגט אַ ריס אַראָפּ פון בעט און זיך אַ לאָז געטאָן צו די קליידער. מיכאַעל האָט געעפנט דעם פענצטער־ליוק און אַרויסגעקוקט. אינעם אַנטקעגנדיקן צימער איז באַם פענצטער געשטאַנען אַ מענטש. זײַן טונקל, דאַר פּאָנעם איז געווען באַוואַקסן מיט אַ שיטערער באָרד.

— גוט־מאָרגן, יאַקאָב! — האָט מיכאַעל אַ געשריי געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַליין אויפמונטערן. יענער האָט נישט געענטפערט. ער האָט געדאַוונט. דעם קאָפּ פאַריסן צו דער סטעליע, מיט געשלאָסענע אויגן, מורמלענדיק, האָט ער זיך געשאָקלט. זײַנע באַוועגונגען זײַנען געווען מאָדנע ווינקלדיק און שאַרף. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַוועק פון פענצטער.

אָפן ראַנד הימל האָט אויפגעצוקט די ערשטע רויטלעכע שײַן. עס האָט אויסגעזען, ווי פײַער־צונגען פון אַ ווײַטער סרייפע וואָלטן געלעקט די ווענט פון די כורוועס.

— ווידער אַ טאָג! — האָט רוט אַ זיפץ געטאָן מיט האַלב־געעפנטע אויגן, האַלטנדיק אַ בלעכן קענדל איבער אַ קליינעם ברענער.

— אַ טאָג, וואָס דערנעענטערט דיך צום סאָף, — האָט מיכאַעל אַרײַנגעשטעלט.

— איך ווייס עס, — האָט רוט אַ מאַך געטאָן ביטער און אומבאַוועגלעך געוואַרט, ביז דאָס וואַסער וועט אויפזידן. — דאַרפן מיר אים טאַקע דערפאַר בענטשן?

קאַפּיטל III

1

זינט דער אויטאָמאָביל-מעכאַניקער ליודוויג שילינג, דער געוועזענער אייגנטימער פון א גאראַזש אין מאַרקטרעדוויץ, ניט ווײַט פון דער בעמישער גרענעץ, איז געוואָרן שעף פונעם גרויסן רעמאָנט-ווארשטאט אינעם שלאָס אין ל., האָט זיך אַף זײַנע ליפּן אויסגעשפּרייט א צופרידן שמייכעלע. קיינער האָט ניט געקענט לייקענען, אז ער איז א פאכמאַן. ער האָט זײַן אונטערנעמונג אליין אופגעבויט. אינעם גאַנצן געביט פון דער בײַערישער אויבער-פּפאלץ איז ניט געווען קיין איין מאָנטיאָר, וואָס זאָל זיך קענען מיט אים גלײַכן אין פאַך-קענטעניש. דער ווידערשפּעניקסטער מאָטאָר איז געוואָרן פאָלגעוודיק אין זײַנע געשיקטע הענט. קיין שום ארבעטער האָט אים ניט געקענט אָפּנארן. ער האָט געוווּסט גענוי, וויפל צײַט עס פארנעמט יעדעס שטיקל ארבעט. שילינגס מאָנטיאָרן האָבן אָבער אויך געהאלטן, אז אין קיין איין גאראַזש אין אויבער-פּפאלץ הערשט ניט אזא גײַסט פון קליינלעכער עקספּלואטאציע, ווי בא שילינגן.

מע קאָן זיך מעשאער זײַן, וואָס פאר א גליק דאָס איז געווען פאר שילינגן צו ווערן אָנפירער פונעם ווארשטאט אין ל. די ארבעטער דאָ האָבן, דאכט זיך, ניט געהאט קיין שום אנדער ווּנטש, ווי נאָר מעגן ארבעטן. זיי האָבן געציטערט פאר שילינגס אומצופרידנקײַט. אין מארקטרעדוויץ פלעגן זײַנע באפעלן שטענדיק ארויסרופן ווידערשטאנד. דאָ, אין ל., האָבן זײַנע באפעלן געמוזט אויסגעפילט ווערן אָן קונצן. אין דער היים פלעגט ער שטענדיק האָבן צו טאָן מיט אומצופרידענע. דאָ האָט נאָך קיינער ניט געוואגט זיך צו באקלאָגן.

שילינג איז דאָ געווען ניט נאָר דער שעף פונעם ווארשטאט, ער איז אויך געווען באלעבאָס איבערן לעבן און טויט פון זײַנע ארבעטער. ס'איז גענוג געווען, ער זאָל מעלדן דעם יידן-קאָמיסאר אין דער קרײַז-שטאָט, אז דער אָדער יענער ארבעטער טויג נישט אָדער איז איבעריק, און שוין אַף מאָרגן איז יענעמס נאָמען געווען אינעם צעטל, אַף דער ברעט. ער האָט, אייגנטלעך, אפילע קיין מעלדונג ניט באדארפט מאכן, ער אליין האָט געהאט דאָס רעכט ארײַנשרײַבן מענטשן אינעם צעטל. און יענער, וועמענס נאָמען ס'איז ארײַן אין אָט דעם צעטל, האָט שוין אַף מאָרגן געמוזט זײַן אַף דער באנסטאנציע אין ר...

איצט גייט שילינג ארום אין זײַן ארבעטס-מאנטל מיט די צעפּאָכטע פּאָלעס איבערן ריזיקן מאָנטאַזש-זאל און איז צופרידן ביז

גאָר. טאָמער פאַלט אַפּ עמעצנ זײַנ בליק, בייגט זיך יענער אײַנ נאָך נידעריקער. וואָס באַטײַט שילינגס בליק? עפּשער טויט?.. שילינג האָט דערפונ האַנאָע. זאָל קיינער ניט וואַגנ אופהייבנ זײַנ בליק אַפּ אים, ביז ער באַפעלט ניט.

די אינסטרוקציעס, וועלכע שילינג האָט באַקומענ פאַרנ עפענענ די רעמאָנט-וואַרשטאַט, זײַנענ געווענ איינפאַך: דאָס באַשעפטיקנ יידנ אַפּ הויך-קוואַליפיצירטער אַרבעט באַטײַט ניט קיינ שום ענדערונג אינ דעם אַלגעמיינעמ אויסראָטונגס-פּלאַנ. דאָס איז נאָר אַ צוועקמעסיקער וואַריאַנט זײַנער. אָבער אַ געשולטער אַרבעטער איז, לויט שילינגס מיינונג, אַ נוצלעכער קאַפּיטאַל. נאָר נאַראָנים וואַרפנ דאָס אַרויס דורכנ פענצטער. אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש טראַכט, וויאַזוי אַרויסצו-באַקומענ דערפונ וואָס מער נוצנ.

שילינג האָט זיך געהאַלטנ פאַר אַ פאַרשטאַנדיקנ מענטשנ.

קיינ זאַך האָט אים נישט געשטערט אויסצוקוועטשנ פונ די מענטשנ אַנ אַלצ העכערע אַרבעטס-פּראָדוקטיווקײַט. ער האָט זיך אָבער גע-היט פונ צעשטערנ ענדגילטיק זייער אַרבעטס-קראַפט. יעדע געשיקטע האַנט, וואָס איז געווענ באַשעפטיקט אינ דער פּראָדוקציע, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט קאַפּיטאַל, וואָס מע טאָר ניט צעבוּעכנ, ביז מע קאָנ דערפונ נאָך עפּעס באַקומענ.

דעמ אַנדערנ פרימאָרגנ נאָך זײַנ אָנקומענ האָט זיך וואָלף, לויט דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג, געמאָלדנ צו דעם אָנפירער פונ דער אונטערנעמונג.

שילינגס אַרבעטס-קאַבינעט — אַ הויך צימער, וואָס האָט געגרע-נעצט מיטנ אַרבעטזאַל. דער שרײַבטיש, געווייס אַרויסגענומענ פונעמ אַלטוואַרג, איז געשטאַנענ אַפּ לייבנ-לאַפּעס.

וואָלף האָט געוואָרפנ אַ באַהאַלטענעמ בליק אַפּנ שעפּ פונ דער אונטערנעמונג. ער איז געווענ פעט אונ בלאָנד. די צעשויבערטע פּאַסמעס האָר זײַנענ אַראָפּגעהאַנגענ אַפּנ קאָלנער, דער דיקער האַלדז האָט קימאַט ווי צעשפּאַרט דעם קאָלנער פונעמ העמד, דאָס מויל איז געווענ ברייט אונ אומגעלומפּערט.

שילינג איז געווענ פאַרנומענ מיט שטודירנ וואָלפס דאָקומענטנ. וואָלף איז אַמאָל געווענ אַ מאַשינענ-קאָנסטרוקטאָר אונ האָט געהאַט עטלעכע וויסנשאַפטלעכע טיטלענ. שילינג האָט אַפילו געקענט די מאַשינבוי-פאַבריק, מיט וועלכער וואָלף האָט אָנגעפירט. וואָלפס קוואַ-ליפיקאַציע האָט באַ שילינגנ אַרויסגערופנ כשאַד. צו וואָס האָט מענ געשיקט אַ קאָנסטרוקטאָר? ער האָט דאָך געפאָדערט אַנ אַרבעטער.

שילינגס קליינע, א ביסל ארויסשטארטשענדיקע אויגן האָבן גע־קוקט אַף וואָלפֿן פֿאַרשנדיק און פּאַראַכטלעך, באַטראַכט אים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, געפּאָרשט זײַנע הענט, דאָס פּאָנעם, די גאַנצע האַלטונג.

— איידער איך גיב דיר אַרבעט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ סקריפּענדיקער שטים, — וויל איך זען, וואָס דו ביסט אימשטאַנד אויפֿצוטאָן.

מיט אַ באַוועגונג פֿון דער האַנט האָט אים שילינג באַפֿוילן צו־צוּוואַרטן בײַ דער טיר. וואָלף איז אַרויס פֿון צימער און זיך אַוועק־געשטעלט לעבן דער טיר. פֿונדאַנען האָט מען געקאָנט זען אַ טייל זאַלן. כאָטש ס'איז געווען העלער טאָג, האָט מען דאָך אַ טייל צי־מערן געמוזט באַלײַכטן קינסטלעך.

אינעם געלן ליכט האָבן די פּענעמער אויסגעזען קרענקלעך. די קערפּערס האָבן געוואָרפֿן לאַנגע, קאַנטיקע שאָטנס. בײַ יעדער האַנט־באַוועגונג זײַנען די שאָטנס געקראָכן אַף די ווענט. די לייט־לאָמפּן האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסשטויסן פֿײַערדיקע צונגען. אין אַלגע־מיינעם ליאַרעם האָט מען קוים געהערט זייער צישען, אָבער זייער בלענדיקע שײַן און די גליִענדיקע פֿונקען האָבן זיך געטראָגן אין דעם האַלב־טונקל ווי אַן עק פֿון אַ גרויזאַמער קאָמעטע.

די קייט אַרבעטנדיקע האָט זיך באַוועגט אין אַן אומרעגלמעסיקן ריטם. יעדעס פּאָנעם האָט זיך געדרייט ווי אַ מאַט גלאַנצנדיקע לע־וואָנע אַרום אַ העלער זון. אַף די געזיכטער איז געווען אויסגעגאָסן טויט־ערנסט. אין די אויגן איז ניט געווען קיין רויִקײַט. דאָסראָוו מענטשן האָט אויסגעזען אויסגעצערט. אַף די פּענעמער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אומגעהייערע מוסקול־אָנשטרענגונג. די צונויפֿגעצויגענע ברעמען האָבן ניט ווילנדיק צוגעגעבן זייער בליק אַ ווילדן, דראָענדיקן אויסדרוק. זייערע צונויפֿגעפּרעסטע ציין, די מעשונעדיקע מאַסקעס האָבן דער־ציילט, אַז עס גייט ניט אום אָפּטאָן אַזויפֿיל און אַזויפֿיל אַרבעט פּאַר אַזויפֿיל און אַזויפֿיל שאָ. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרבעטן אָדער שטאַרבן. אין אַ טייל פֿאַלן איז דער אויסוואַל אויך נישט געווען, ווײַל אַרבעטן און שטאַרבן איז געווען איינס און דאָס זעלבע. יע־דער זעץ מיטן האַמער איז געווען אַ זעץ איבערן אייגענעם האַרצן.

שילינג איז אַרויס פֿון זײַן קאַבינעט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. וואָלף איז אים נאָכגעגאַנגען. אַף אַ ווערקשטעל זײַ־נען געלעגן עטלעכע מאָטאָרן.

— דאָ, — האָט שילינג אַ זאָג געטאָן און אַ שטופּ געטאָן וואָלפֿן צום ווערקשטעל. — ייִד, ווײַז, וואָס דו קענסט. ברענג מיר דאָס אַלץ אין אָרדענונג און וואָס גיכער.

וואָלפ האָט זיך רויִק אוועקגעשטעלט, ארויסגענומענ דעם נייטיקנ אינסטרומענט, זיך אָנגעבויגנ איבער די מאָטאָרנ. שילינג איז געשטאנענ לעבנ אימ, נאָכגעפאָלגט נאָך יעדער באוועגונג פונ זײַנ האנט, נאָך דעם טעמפּ, מיט וועלכנ ער האָט די אינסטרומענטנ גענומענ, זיך באנוצט מיט זיי אונ צוריק אוועקגעלייגט.

וואָלפ האָט געפילט אפ זיך שילינגס אויגנ. זיי האָבנ אימ געשטערט אינ דער ארבעט, ער האָט זיך אָבער געווערט. ער האָט פאָרזיכטיק אראָפּגעדרייט פארשיידענע שרײַפלעך אונ צענומענ דעם צעשעדיקטנ טייל פונ דער מאשינ. דאָ האָט ער דערפילט דעם הויך פונ שילינגס אָטעמ אפ זײַנ נאקנ:

— דאָס איז גאָרניט ווערט, ייִד, אזוי וועט מענ פונ אײַך קיינ ארבעט ניט אָנקוקנ. דאָ עקספּערימענטירט מענ ניט, דאָ ארבעט מענ.

וואָלפ האָט א מאך געטאָנ מיטנ קאָפּ אלס צייכנ, אז ער האָט פארשטאנענ, שילינג האָט געביטנ זײַנ אָרט. ער האָט איצט באטראכט וואָלפנ פונ פאָרנט, אלעמאָל ארײַנגעוואָרפנ א וואָרט. דערנאָך זיך באנוגנט בלויז מיט צוקוקנ זיך צו וואָלפס אומרעגלמעסיקע באוועגונגענ.

וואָלפ האָט געפילט די פײַנטלעכקײַט פונעמ שעפ. אונ וואָס טומלדיקער עס האָבנ זיך באוועגט זײַנע אינסטרומענטנ, אלצ קלאנגלאָזער האָט אימ פארפלייצט שילינגס פײַנטלעכקײַט.

שילינג האָט נאָר געלאכט. אונ בא זײַנ נײַעמ אונטערטאנ איז די ארבעט געגאנגענ אלצ לאנגזאמער. זײַנע הענט זײַנענ ניט געווענ געוווינט צו אזא מינ ארבעט. וואָס נוצט אימ, וואָס זײַנ מאָרך ארבעט שנעלער ווי זײַנע הענט!

— נעמט זיך אינ די הענט! — האָט שילינג הויך א זאָג געטאָנ, איידער ער איז אוועק.

די ארומיקע האָבנ דערהערט די דאָזיקע ווערטער. זיי האָבנ געוואָרפנ דערשראָקענע בליקנ אפ וואָלפנ, נאָכקוקנדיק שילינגס צעווייעט: ארבעטס-מאנטל.

אינ די צײַטנ פונ דער האבסבורגער מאָנארכיע האָט וואָלפס פאָטער מיטנ פרײַז פונ א שמאד־שײַנ געקויפט זיך די שטעלע פונ א ראטגעבער אינ בריגער געגנטלעכנ געריכט. דאָ האָט ער זיך שנעל ארופגעארבעט. זײַנ קאריערע האָט ער פארענדיקט אלס ריכטער פונעמ אויבער-געריכט.

דער זונ איז געווענ געשמאדט שוינ אינ וויג. ביז 18 יאָר האָט וואָלפ ניט געוווּסט, אז ער שטאמט פונ ייִדנ. אָבער אינ דער ווינער טעכנישער הויכשול, ווו ער האָט שטודירט מאשינבויונג, האָבנ עס

אים זײַנע מיטשילער געזאָגט. פֿאַר זיי האָט ער קײנמאָל ניט אופגע־העוט צו זײַן א ייִד.

וואָלף האָט נאָר געלאכט פון דעם. האָט דען ניט א פרײַער מענטש דאָס רעכט אויסצוּוויילן כוץ זײַן פֿאָטערלאַנד אויך זײַן גלויבן? זײַן פֿאָטער האָט אויסגעוויילט, און דער זון האָט עס אָנגענומען. קיינער איז ניט בעקויעכ באָטל צו מאכן אָט דעם אויסוואַל און אי־בער זײַן קאָפּ באַשליסן, צו וועלכער ראסע און קולטור ער זאָל געהערן.

וואָלף האָט געהאט גרויסע טעכנישע פֿייִקייטן און האָט זייער שנעל פֿארנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער טעכנישער וועלט. צו די פֿערציקער האָט ער זיך שוין ווײַט און ברייט קוינע־שעם געווען אלס קאָנסטרוקטאָר און איז געווען אָנפֿירער פון א מאשינבוי־פאבריק אין צאָפן־בעמען. איינער פון די שותּפים פון דער אונטערנעמונג האָט אים אָפּגעגעבן זײַן טאָכטער פֿאר א ווײַב.

די ווײַטערדיקע פֿינף יאָר האָט וואָלף געלעבט א שטיק און רויִק לעבן. אין יאָר 1936 קומט פֿאָר אַן ענדערונג. וואָלפֿס אָפּשטאַם, וועגן וועלכן עס איז ביז דעמלט זעלטן־ווען געווען א רייד, איז מיטאמאָל געוואָרן א מין פלעק, וואָס מע קאָן אים ניט אָפּוואשן. וואָלף האָט געקויגן ווײַטערדיקע ווונדן. יעדעס מאָל, ווען עמעצער פון די אלטע געשעפֿטס־פֿרײַנט האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט, פֿלעגט ער פֿארברענט ווערן פון בושה.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן אומעטום באַטאָנען, אז ער איז א ייִד. ער האָט עס אופגעהויבן ווי א געווער קעגן זײַנע פֿײַנט. ער פֿלעגט זיך אנערקענען פֿאר א ייִדן, ווען אנדערע זײַנען נויטע געווען ניט צו באמערקן זײַן ייִדישקײַט. ער האָט עס געוואָרפן דער גאַנצער וועלט אין פּנים ארײַן, ניט טראַכטנדיק קיין איין געלעגנהײַט עס צו באַטאָנען. קיינער האָט ניט געקענט אים אזוי שארף אויסוואַרפן זײַן אָפּשטאמונג, ווי ער אליין האָט עס געטאָן. דערמיט האָט ער פֿאר־מאכט דאָס מויל ניט איינעם פון זײַנע סאָנים.

וואָלף האָט באַשלאָסן זיך ניט אונטערצוגעבן. אין די טעג פון ערעוו מינכען, ווען א סאך מענטשן זײַנען אנטלאָפֿן פון די געביטן, וועלכע האָבן געזאָלט אריבער צו דײַטשלאַנד, האָט וואָלף זיך אָפּגע־זאָגט אוועקצוגיין אין גאָלעס. אקשאָנעסדיק האָט ער אָפּגעוואָרפן די פֿאָדערונג צו פֿארלאָזן זײַן וווינונג אין דער געבײַדע פון דער פֿאַב־ריק. ער איז באַשטאנען אַף אויספֿילן זײַנע פֿליכטן און איבערגעלאָזט זײַנע קעגנער, זיי זאָלן אים ארויסוואַרפן.

זיי זײַנען אָבער לעסאַטע געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס זייער

בעסטער ספּעציאַליסט איז געבליבנ. זיי האָבנ אויסגענוצט די נאָענטסטע צוועלפ כאָדאָשימ אפּ צו ווערנ אומאָפּהענגיק פונ אימ אינ דער צוקונפט.

דאָס איז געווענ א יאָר פונ אלצ שאַרפערע אונ שאַרפערע לײַדנ. וואָלפ האָט נישט פאַרויסגעזענ, ווי ווײַט עס קענ דערגײנ די רישעס פונ זײַנע סאָנימ.

ניט אָפּזאָגנדיק זיכ פונ זײַנ ארבעט, האָבנ די נײַע באַלעבאַטימ קוידעמ געגעבנ צו פילנ וואָלפנ דעמ גאנצנ שוידער פונ זײַנ גוירל. זיי האָבנ אימ באַהאנדלט מיט יענעמ געמיש פונ שפּאָטישער טאָלעראנצ אונ גרינגשעצונג, וועלכע פאַרווונדנ טיפער, ווי די גרעסטע דערנידעריקונג.

ווענ די צײַט פונ שרײַנע אימ האָט זיכ געענדיקט, האָט וואָלפ דערפילט א פאַרלײַכטערונג. אינ איינעמ א טאָג האָט מענ אימ ארויסגעטריבנ. ער האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיטנ גרויסנ שטראָמ מיליאָנענ ארויסגעשפּיגענע. זײַנע פאַרדינסטנ האָבנ שוינ מער ניט עקזיסטירט. קיינער האָט זיכ מער ניט אינטערעסירט מיט זײַנ פריערדיקער טעטיקײַט, מיט זײַנע אופטוענ. ער איז איצט געווענ אינ דער זעלבער לאַגע, אינ וועלכער אנדערע מענטשנ פונ זײַנ אָפּשטאַמ זײַנענ שוינ לאַנג געווענ: אינ דער לאַגע פונ א רעכטלאָזנ, שוצלאָזנ, דערנידעריקטנ.

אָפּגעריסנ פונ דער פרוי אונ פונ דער טאָכטער, האָט וואָלפ דורכגעמאַכט דעמ אומענדלעכנ וועג קיינ מיזרעכ. אינ אָנהייב האָט מענ נאָכ אויסגענוצט זײַנע קענטענישנ. אָנדערהאַלבנ יאָר איז ער געווענ א צייכנער אינ א מיזרעכ-פרײַסישער פאַבריק אונ האָט מעגלעכ געמאַכט זײַנע שעפנ זיכ ארופּצוארבעטנ אפּנ כעזשבנ פונ זײַנ ארבעט.

זומער 1942 האָט מענ אימ אָר בערגעשיקט אינ א זאַמל-לאַגער, ווו אינאיינעמ מיט אנדערע אומגליקלעכע האָט ער זיכ געקײַקלט באַרגאַראָפּ צו אלצ שווערערע אונ מער אויסמאַטערנדיקע ארבעטנ אינ זומפּנ אונ אינ שאַכטעס.

פאַנאַטיש, ווי דאָס איז ביכלאַל געווענ אינ זײַנ כאַראַקטער, האָט וואָלפ אָנגעהויבנ האַסנ זײַנע סאָנימ. דאָס איז אָבער געווענ ניט קיינ פּאַסיווע סינע.

פונ סאַמע אָנהייב אָנ האָט וואָלפ שוינ געטראַכט וועגנ אנ װידערשטאַנד אונ האָט זיכ אָנגעהויבנ צוקוקנ צו זײַנע כאַווײרימ.

אינ איינעמ א טאָג האָט מענ זיכ אינ לאַגער דערוווּסט וועגנ וואָלפס ספּעציעלע טעכנישע קענטענישנ אונ מע האָט באַשטימט אַוועקשיקנ אימ אינעמ וואַרשטאַט אינ ל.

א טהאָמ איז געלעגנ צווישנ די זאַמל-לאַגערנ אונ ארבעטס-לאַגערנ. דאָרט זײַנענ געווענ טויט-פאַרורטיילטע, דאָ האָט מענ נאָכ געמיינט, אז מע איז ארבעטער.

2

פונ אָנהייב אָנ האָט וואָלפ ארויסגערופנ אומצוטרוי צו זיכ אינ ווארשטאט. שילינגס פײַנטלעכע באציִונג האָט אים געמאכט געפערלעכ פאר די איבעריקע.

שילינג האָט אפילע איצט באהאנדלט וואָלפנ נישט אנדערש ווי די איבעריקע ארבעטער. ווײַזט אויס, אז די ערשטע באגעגעניש איז געווענ א שטימונגס־זאכ. אָבער די אָנגעשטרענגטקײַט צווישנ וואָלפנ אונ די איבעריקע איז ניט פארשווּונדנ.

אונ דאָ האָט נאָכ פאסירט, אז יאָנאס האָט א פרעג געטאָנ וואָלפנ וועגנ זײַנ גלויבנ. וואָלפ האָט אים דערקלערט, אז פונ זײַנ פריסטער יוגנט אָנ איז ער א קריסט. יאָנאס האָט אויסגעהערט אונ נאָר גע־שאָקלט מיטנ קאָפּ. כאָטש מע האָט וואָלפנ ניט געקענט פאָרווארפנ קיינ אָפּטריניקײַט פונ דער ייִדישער עמונע, דאָכ האָט זײַנ אָנגעהערי־קײַט צו דער קאטוילישער קירכ בעשום-אויפנ ניט געקענט פארקלע־נערנ די אָפּגעפרעמדטקײַט, נאָר פארקערט. קריסטנטום האָט ניט פא־רייניקט מיט די פארפאָלגער, עס האָט אָבער אָפּגעטיילט פונ די פארפאָלגטע.

איינמאָל, אפנ וועג אהיים, האָט וואָלפנ פארהאלטנ לוריע, א יונגערמאנ, וועלכער איז אמאָל געווענ כאזנ אינ א שטרענג־אָרטאָ־דאָקסאלער קעהילע אינ מיזרעכ-סלאָוואקיע. ער איז געווענ הויכ אונ שטאלטנע. זײַנע אויגנ האָבנ ווילד געפלאקערט.

לוריע איז גלײַכ צוגעטראָטנ צום ציל. ער האָט געהערט שמועסנ, אז וואָלפ איז א קריסט.

וואָלפ האָט שווײַגנדיק א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— איכ בינ איבערצײַגט, — האָט לוריע געזאָגט, — אז דו טראכטסט וועגנ פאריכטנ דעמ פעלער, וואָס דײַנע עלטערנ זײַנענ באגאנגענ.

וואָלפ האָט העפלעכ געשמייכלט.

— איכ האָב נישט בעדייע דיכ מעגײַער צו זײַנ, — האָט לוריע געזאָגט מיט פײַער אינ די אויגנ, — פונ הילעל־האזאָקנס צײַטנ האָט דאָס ייִדנטום זיכ אָפּגעזאָגט פונ פאנגענ נעשאָמעס, אָבער עפּשער וועסטו מיר דערלויבנ, איכ זאָל דיר העלפנ?

וואָלפס אויגנ האָבנ אויסגעדריקט צווייפל אינ דער מעגלעכקײַט פונ לוריעס הילפ.

לוריע האָט גענומענ ריידנ ווי א פאטריִארכ:

— דאָס ייִדנטום איז פיל רײַכער, ווי דו מיינסט. ווילסטו דענ ניט האָבנ קיינ כיילעק אינ אָט דער אשירעס? ביז איצט ביכטו גע־ווענ א שוטעפ נאָר צו יעסורימ אונ רעדיפעס.

וואָלף האָט אלץ ניט געענטפערט.

דער פּאַטריאַרך איז פארשוואונדן. איצט האָט לוריע גערעדט טרוקן, פּעדאנטיש, געַנוי.

— דו מוזט דאָך וויסן, צוליב וואָס דו לעבסט און צוליב וואָס דו ליַידסט. וואָס איז ווערט א ייִד, וועלכער וויסט נישט גאָרנישט וועגן ייִדנטום? וועמען דינט ער, וואָס איז זיַין אופגאבע? צי עפּ־שער מיינסטו, אז דאָס ייִדנטום האָט שוין מער נישט קיין מיניע?

קוקנדיק לוריען אין די אויגן, האָט וואָלף געזאָגט:

— איך זאָג קיין זאך נישט קעגן ייִדנטום. עס איז א גרויסע און מעכטיקע עמונע. דער, וואָס איז איר געפאנגענער, קאָן שוין פון איר ניט אוועק. פארוואָס אָבער באפריַיט זי אונדז נישט אָנשטאָט צו האלטן געפאנגען?

לוריעס אויגן זיַינען פינצטער געוואָרן:

— דאָס ייִדנטום האלט נישט קיינעם געפאנגען. פארקערט, עס מאכט דעם געפאנגענעם ליַיכטער זיַין געפאנגענשאפט.

וואָלף האָט געשמייכלט.

— מיר פארשטייען ניט איינער דעם צווייטן... אויב דאָס ייִדנ־טום גיט זיַינע אָנהענגער קויעך אלץ אריבערצוטראָגן, וואָלט עס אויך באדארפט געבן קויעך זיך קעגנצושטעלן.

לוריעס פּאָנעם האָט זיך אָנגעצונדן.

— איך וויים נישט, צי דו ביסט נאָך א קריסט, אָבער פארן ייִדנ־טום ביסטו נאָך נישט ריַיף.

וואָלף האָט אים ערנסט אריַינגעקוקט אין די אויגן:

— אויב דו האָסט זיך געווענדט צו מיר, קעדיי צו לערנען מיך ליַידן און שוויַיגן, וויַיל גאָט וויל מיך פּרוּווּן אָדער שטראָפן, צו וואָס טויג דאן די הילף, וואָס דו לייגסט מיר פאָר?

לוריעס פּאָנעם איז געוואָרן שטרענג און הארט. ער איז נאָך א רעגע שוויַיגנדיק געגאנגען לעבן וואָלפן. דערנאָך איז ער מיטאמאָל געבליבן שטיין און איז אוועק אין אן אנדער זיַיט. וואָלף איז געבליבן אליין.

ווי נאָר לוריע האָט אים פארלאָזט, האָט זיך וואָלף דערשראָקן. ער האָט דאָך נישט געוואָלט קיין איַינריַיס, פארקערט, ער האָט גע־זוכט דערנעענטערונג. פארוואָס איז עס אים ניט געלונגען?

קאפּיטל IV

1

יאָנאסנ האָט מענ ארויסגערופנ צומ ייִדנ-קאָמיסאר אינ דער קרייַז-שטאָט. לאנגזאמ איז ער געגאנגענ איבערנ מארק-פּלאצ. אינ שאָטנ פונ זייערע קראָמענ זייַנענ געזעסנ פארשלאָפענע קרעמער. די מיטיק-היצ איז געהאנגענ איבער דער שטאָט.

אינ דער מיט פונעמ מארק איז געשטאנענ א רונדער, מיטלאלטערלעכער ברונעמ, באצירט מיט מעדאליאָנענ פונעמ נאדווענ אונ זייַנ מישפּאָכע. פונ וואסער-שפּייַענדיקע פיש-קעפּ האָבנ געשטראָמט דינע שטראלנ וואסער. צווישנ דעלפינענ אונ אנדערע יאמ-כייַעס איז געשטאנענ א הויכע סטאטוע פונעמ הייליקנ סטאניסלאוו.

ניט טראכטנדיק, האָט יאָנאס אריַנגעשטעקט די האנט אינעמ לעבלעכנ וואסער. ער איז געווענ מיד. א שווער פאָרגעפיל האָט אימ געפּייַניקט.

דער ווייַזער אפנ ראָטהויז-זייגער האָט געוויזנ פינפ מינוט צו דרייַ. יאָנאס האָט ארויסגענומענ די האנט פונ וואסער, אָפּגעטרייסלט די טראָפּנס אונ מיט קליינע היפּערדיקע טריט זיכ געלאָזט גיינ צומ ראָטהויז, ווו עס האָט זיכ געפונענ דער ייִדנ-קאָמיסאריאט.

יאָנאס האָט געפילט, אז זייַנע קני פארלירנ איַנגאנצנ די פעסטקייַט. מיט יעדנ שריט פאָרויס איז זייַנ גאנג געוואָרנ אלצ אומזיכערער. די ערשטע טיר אינ קאָרידאָר האָט געפירט צומ ייִדנ-קאָמיסאריאט.

פינקטלעכ באמ דריטנ גלאָקנ-קלונג איז יאָנאס אריַנגעגאנגענ. ער האָט זיכ פארנייגט פארנ וואכמאנ, באוויזנ אימ דעמ באקומענעמ באפעל אונ געווארט. באלד האָט מענ אימ אריַנגערופנ צומ קאָמיסאר.

דער קאָמיסאר, א גוט אויסגעפּאשעטער, מיט א גלאט, רייַנ ראזירט פּאָנעמ, האָט גערייכערט זייַנ פּייַקע אונ געבלעטערט פּאפּירנ.

ניט מאכנדיק קיינ לאנגע שיִעס, האָט ער דערקלערט, אז צוואנציק נייַע מאָנטיאָרנ געפינענ זיכ אינ וועג צו די ווארשטאטנ. אונ אזוי-ווי די צאָל פונ דער ייִדישער באפעלקערונג דאָ איז א שטרענג פיקסירטע, מוזנ אנדערע צוואנציק אוועק.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט יאָנאס גענומענ דאָס צעטל פונ די באווינער פונ דער געטאָ אינ ל., וועלכע זייַנענ ניט געווענ באשעפטיקט אינ די ווארשטאטנ. ער האָט געהאלטנ דאָס צעטל לעבנ די אויגנ, אָבער די אויגנ זייַנענ געווענ פארטרערט אונ האָבנ גאָרנישט ניט געזענ.

דער קאָמיסאַר האָט געוואַרט א פּאָר סעקונדעס. אין זײַן פּאָנעם איז ניט געווען קיין סימען פון אכזאָריעס, עס האָט בלויז מיט יעדן קנייטש זײַנעם אויסגעדריקט פולשטענדיקן גלײַכגילט.

יאַנאַס האָט פארגליווערט געקוקט אפן צעטל. ער האָט געקענט יעדן איינעם פון די פארצייכנטע. איצט דארפן צוואַנציק פון זיי אוועק. מיט צוואַנציק מענטשן צופיל איז געווען אפ דער וועלט.

יאַנאַס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט אָבער ניט געקענט ארויסברענגען קיין איין וואָרט.

— איך וואַרט אפ פאָרשלאָגן! — דעם קאָמיסאַרס קאָל האָט שוין געקלונגען אומצופרידן.

יאַנאַס האָט אוועקגעלייגט דאָס צעטל.

— הער קאָמיסאַר, איך קען ניט מאכן קיין שום פאָרשלאָגן.

דער קאָמיסאַר איז אופגעשטאַנען. אפ דער וואַנט איז געהאנגען דער פּלאַן פון דער „יודענשטאַט”, געצייכנט מיט טוש אפ א גרויסן לײַוונט. איבער יעדן הויז — א געוויסע ציפער. דאָס איז געווען די צאָל שלאָף-פּלעצער.

דער קאָמיסאַר האָט א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אפ צוויי שטיבלעך אין דער סאמע מיט פון דער „יודענשטאַט”.

— די צוויי אָביעקטן דארפן באפרײַט ווערן. אין ביידע וווינען ניט קיין קוואַליפיצירטע ארבעטער. די באוווינער דארפן מאָרגן פארלאָזן די שטאָט.

א באוועגונג מיט דער האנט האָט באטײַט, אז די אַודיענץ איז געענדיקט. א באדינער האָט געעפנט די טיר, און אזוי ווי יאַנאַס האָט נאָך אלץ געמאכט פּרווון צו בעטן פארלענגערן דעם טערמין, האָט מען אים ארויסגעוואָרפן.

אין קאָרידאָר האָט אים אָפּגעשטעלט א קאַנצעליאַריסט.

— וואַרטן! — האָט ער געראָבן א זאָג געטאָן. — איך וועל באלד צוגרייטן די פּאַראַרדענונג.

יאַנאַס איז געשטאַנען לעבן דעם קאַנצעליאַריסטס טיש. ווידער איינס פון די דאָזיקע געזיכטער. נאָך טעמפּער און נאָך גלײַכגילטיקער ווי באַם קאָמיסאַר. די האָר קורץ געשוירן, אין די אויגן כיטרעקײַט. יעדן נאָמען, וואָס ער האָט אויסגעמעקט בא זיך פונעם צעטל, האָט ער באגלייט מיט א געלעכטערל.

ווי א געפּענטעטער האָט זיך יאַנאַס צוגעקוקט, ווי דער מענטש האָט צונויפגעלייגט עטלעכע בלעטלעך פּאַפּיר, ארײַנגעלייגט בלוי קאָפּיר-פּאַפּיר צווישן זיי און ארײַנגעדרייט זיי אין די וואַלצן פון זײַן שרײַב-מאַשין. איצט האָט ער אָנגעהויבן קלאַפּן אפ דער מאַשין.

— איז עס ניט דעם מאַלעכאַמאָוועסעס שרעקלעכער דינער? — האָט געטראַכט יאָנאַס. — די שרײַב-מאַשין — איז עס ניט אַ מאָדערנער סוראָגאַט פֿונעם אוראַלטן בוך פֿון לעבן און טויט?

— נעם, — האָט דעם מאַלעכאַמאָוועסעס דינער אַ ברום געטאָן און דערלאַנגט יאָנאַסן איינס פֿון די בלעטלעך. — די קאָפּיעס וועלן נאָך הײַנט אַרויסגעהאַנגען ווערן.

אין אַ שאָ אַרום איז יאָנאַס געשטאַנען אינעם שוטפֿעסדיקן הויף פֿון די ביידע שטיבלעך. די, וואָס זײַנען דאָס מאָל געווען אין צעטל, זײַנען געווען עמעס פֿרומע ייִדן.

אַ טייל פֿון זיי האָט געאַרבעט אויסער דער שטאָט. קוים אַ דריטל איז געווען אין דער היים, בעשאַס יאָנאַס האָט געבראַכט די בייזע בסורע. פֿאַר שרעק זײַנען די מענטשן געפֿאַלן אויף דער ערד. אייניקע האָבן צעריסן אויף זיך די קליידער. האָט, הייסט עס, צו גאָרנישט ניט געבראַכט נישט דאָס געדולד, נישט דאָס שווײַגן, נישט די האַכנאָע?

אָפּדערנאַכט האָבן זיך אַלע צוואַנציק פֿאַרזאַמלט אין הויף. מע האָט מער נישט געשריִען און נישט געיאָמערט. ס'איז געווען שטיל. שווײַגנדיק האָט מען באַגריסט דעם עלטסטן צווישן זיי, אַ פֿרומען זאָקן, וועמען אַ טייל האָט געהאַלטן פֿאַר אַ באַלמויפֿעס. ער האָט זיך איבערגעדעקט מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ. אַזוי האָט ער זיך געגרייט צום סאָף.

קלאַפּנדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט אין האַרצן, האָט מען גענומען זאָגן ווידע. פֿאַר זייערע זינד ווערן זיי באַשטראָפֿט. און וואָס זײַנען באַשטאַנען אָט די זינד? ווער ווייסט?

די נײַן פֿרויען זײַנען געשטאַנען אין אַ זײַט. זיי האָבן קלאַנגלאָז געוויינט. שטיל קלאָגנדיק, האָבן זיי נאָך אַלץ געדאַנקט דעם ריבוינע-שעל-אוילעם.

די טפֿילעס האָבן פֿאַריאָגט אַפֿילע דעם שאָטן פֿון פּראָטעסט און צווייפֿל, אויב ער איז בײַ עמעצן געווען. פֿאַר אַ טייל איז דאָס געווען אַ טרייסט, פֿאַר אַ טייל — באַטויבונג. אַזוי ווי קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס מאָרגן וועט געשען, האָט מען שאָלעם געמאַכט מיטן באַשעפֿער. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געזאָגט טילים און מיספּאַלעל געווען.

געווען אַ סאַך טפֿילעס, וועלכע מע האָט געקאָנט זאָגן. בײַ יעדער גזיירע האָבן ייִדן מעסאַקן געווען אַ טפֿילע.

געווען טפֿילעס וועגן ניצל ווערן פֿון טויט. אויב מע האָט אַפֿילע

אינ קיינ רעטונג ניט געגלייבט, האָט דאָכ טיפ אינ הארצנ יעדער פונ די מיספּאַלעלימ געוואַרט אפ א נעס.

א גאנצע נאכט איז דער הימל געווענ אויסגעשטערנט. אונ בעשאס מע האָט געזאָגט סליכעס אונ געזונגענ קאַפּיטלענ טילימ, האָט מענ געזענ די שטערנ איבער זיכ. אויכ די שטערנ האָבנ ווי עפּעס מאָוטיִעכ געווענ.

אָבער ווי נאָר דער הימל איז געוואָרנ העלער אונ די שטערנ — בלאסער, האָט זיכ דער קישעפּ פונ די טפילעס אָפּגעטאָנ, דאָס יענוועלטיקע איז געוואָרנ וויניקער פּילבאר, ווי דאָס פּאָרגעפּיל פונ דעמ, וואָס עס דערוואַרט זיי אפ דער וועלט. דער עלטסטער האָט געביטנ דעמ טאָג. ער האָט ווידער גענומענ זאָגנ ווידע, געבעטנ בא גאָט מעכילע פאר זײַנע זינד אונ פאר די זינד פונ דער איידע. דערבײַ האָט ער אונ אלע איבעריקע מאנצבלענ זיכ געקלאפּט מיטנ האנט אינ הארצנ. דערנאָכ האָט מענ אָנגעטאָנ טאלעס-אונ-טפילנ, געדאווענט שאכריס. עס איז אָנגעקומענ דער נײַער טאָג.

שכיינימ האָבנ געבראכט עסנ. אָבער קיינער האָט זיכ דערצו ניט צוגערירט. אזוי האָבנ זיכ די צוואנציק אוועקגעלאָזט איבער דעמ אופוואכנדיקנ וועג. לענגויס דעמ וועג האָט זיכ פונ איינ זײַט געצויגנ א וואלד. די צווײַגנ פונ די ביימער האָבנ זיכ באוועגט. פונ די שטאמענ האָט געטריפט סמאָלע. הויכע פּאפּערטנ האָבנ פּאנאנדערגעוויקלט זייערע פּעכערס.

ווּהינ זײַנענ זיי געגאנגענ, אָט די צוואנציק? הײַנט האָבנ זיי נאָכ געלעבט, געאָטעמט, באוועגט די גלידער. זייערע אויגנ האָבנ געזענ אונ געשלונגענ דעמ גרינעמ ארומ, די פיס האָבנ אָנ מי געפונענ גלײַכגעוויכט. וואָס איז אָבער געווענ פונ יענער זײַט וואלד? עפּעס אומבאוווּסטס, אומנאטירלעכס, וואָס איז פײַנטלעכ אי דעמ וואלד, אי דעמ ליכט, אי דער אופגייענדיקער זונ.

אונ ביים זיי זײַנענ געגאנגענ אזוי פאָרויס מיט אלצ מער שווער ווערנדיקע פיס, איז פונ די טיפענישנ פונ זייערע קערפּערס אופגעגאנגענ די שרעק, זיכ פארצווײַגט, אָנגעפּילט די אָדערנ. זי האָט געווארגט, געמאכט שווער דעמ אָטעמ, ווי בלײַ, אונ איז ארויפגעהאנגענ פונ די פיס.

2

דעמלט איז פאָרגעקומענ די באגעגעניש צווישנ די, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ, אונ די, וואָס זײַנענ אוועקגעגאנגענ. צוואנציק מענטשנ, באגלייט פונ א היגנ פּאָליציי-מאנ, זײַנענ געגאנגענ פונ וואָקזאל.

ס'ראָוו זייַנענ דאָס געוועג יונגעלייַט פונ אכצנ ביז אכט אונ צוואנ-
ציק יאָר, צומ גרעסטנ טייל — מענער. דער אָנפירער פונ דער קאָלאָנע
איז געוועג א ריז מיט א דאר, ברוינ פּאָנעם אונ א קאָפּ קאשטא-
נעווע קוטשערנ.

די, וואָס זייַנענ געקומענ פונ בעמענ אונ מערנ, האָבנ די ערשטע
עטלעכע כאדאָשימ אָפּגעווינט אינ טערעזיענ-שטאט. די מענטשנ פונ
עסטורייַכ האָט מענ פארזאמלט אינ קראָקע. בלויז די לעצטע צוויי
הונדערט קילאָמעטער האָבנ זיי דורכגעמאכט אינאיינעמ. דאָכ האָבנ זיי
זיכ גיכ אויסגעלערנט פארשטיינ איינער דעמ צווייטנ. אלע האָבנ זיכ
גערנ אונטערגעוואָרפנ דעמ אָנפירער פונ דער קאָלאָנע.

יאנ איז געוועג א ווייַנגערטנערס א זונ. זייַנ פאָטערס קליינער
ווייַנגאָרטנ האָט זיכ געפונענ אינ דאָרעמ-מערנ, בא דער גרענעצ מיט
נידער-עסטרייַכ. זייַנ פאָטער האָט אימ דערצויגנ אינ טשעכיש. די
פויערימ פונ יענער זייַט גרענעצ האָבנ אימ אויסגעלערנט דייַטש. ער
האָט גערעדט אפביידע שפראכנ אזוי, גלייַכ יעדע באזונדער וואָלט
געוועג זייַנ מוטער-שפראכ.

כאָטש יאנס פאָטער האָט געשטאמט פונ א ראבאָנישער מישפּאָכע,
האָט ער צו רעליגיִע ניט געהאט קיינ שומ באציִונג. זייַנע געטער,
פּונקט ווי די געטער פונ זייַנע געצנדינערישע אָוועס, זייַנענ געוועג —
זונ, רעגנ, ערד אונ ווינט. ער איז צו זייַנ גאָרטנ געוועג ניט ווײ-
ניקער צוגעבונדנ ווי נאָוועס, דער בּיבּלישער ווייַנגערטנער.

נאָכ דעמ, ווי מע האָט דעמ פאָטער ערגעצ פארשלעפּט, דעמ ווייַנ-
גאָרטנ צוגענומענ אונ יאנענ אליינ פארשיקט אינ אנ ארבעטס-לאגער,
האָט ער ניט איינ מאָל געבויט פארשיידענע פארצווייפלטע פּלענער,
אָבער דאָס אויספילנ די פּלענער האָט ער אָפּגעלייגט אפ א גינסטי-
קער געלעגנהייַט.

יאנ האָט דערזענ, אז זיי אנטקעגנ גייט א גרופּע, וואָס איז אינ
צאָל גלייַכ צו זייַנ קאָלאָנע. באלד האָט ער פארשטאנענ, אז דאָס
גייענ אוועק יענע, וועלכע האָבנ געמוזט אָפּרייניקנ דעמ וועג פאר זיי.

יאנ איז געבליבנ שטיינ, נאָכ אימ די איבעריקע, וואָס זייַנענ
געגאנגענ הינטער אימ. א שלאל געפילנ האָבנ אינ אימ געברויזט:
שרעק, טרויער, צאָרנ. ער האָט אראָפּגענומענ זייַנ היטל. אלע כאוויי-
רימ האָבנ אימ נאָכגעטאָנ. מיט ברייט צעעפנטע אויגנ האָבנ זיי בא-
גריסט די אָנקומענדיקע, זיי באגעגנט מיט אנטבלויזטע קעפּ.

דאָס זייַנענ זיי, הייסט עס, זייערע עלטערנ! אויב דאָס זייַנענ
ניש זייערע לייַבלעכע עלטערנ, זייַנענ עס די טאטעס אונ מאמעס
פונ ברידער, פונ כאווייריִמ. דאָס זייַנענ, הייסט עס, יענע, וועמענ
זיי האָבנ, ניט וו לנדיק, ארויסגעשטויסנ. אפ זייערע קערפּערס דארפנ

זיי שטיין. די יאטן האָבן געקריצט מיט די ציין. צאָרן און ווייטיק האָבן אָנגעפילט זייערע נעשאָמעס.

די אַלטע האָבן לאַנגזאַם אופגעהויבן די קעפּ. מיט פאַרביטערונג האָבן זיי געקוקט אַפ דער גרופּע יונגעלייט. דאָס זיינען אוואדע די ניי־אָנגעקומענע ווארשטאט-ארבעטער. דאָס האָבן זיי פאַר זיי טאַקע אָפּגערייניקט דאָס אָרט. ווי וועלן זיי עס קענען פויעלן באַ זיך אוועקלייגן דעם קאָפּ דאָרטן, וווּ עס זיינען געלעגן די קעפּ פון די הייגטיקע קאָרבאָנעס. פון זייערע מיילער האָט זיך שוין געריסן אַ קלאָלע.

אָבער דאָ איז זיי איינגעפאלן, אַז דאָס זיינען זייערע זין. איי־ניקע האָבן דאָך געהאַט זין אין אַזאַ עלטער. זיי האָבן נישט גע־געוווּנטשט, וואָס מיט זייערע קינדער איז געוואָרן. די אָבער קענען זיי ניט פאַרשילטן. אויב אפילע מע שיקט טאַקע צום טויט, קעדיי מאַכן אָרט פאַר די, איז עס דאָך אָבער זייער אייגן בלוט און פלייש. באַ־טראַכטנדיק די יונגע מענטשן, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין דעם, ווי זייערע אייגענע קינדער האָבן אויסגעזען. איצט האָבן זיי זיך קלערער, ווי ווען־ניט־איז פאַר די לעצטע פאָר יאָר, דערמאָנט אין יעדן מינדסטן שטריכעלע פון זייערע זין און טעכטער. די אַכצניאָריקע האָבן געקוקט אַפ זיי פרעגנדיק. די פּענעמער — נאָך קינדיש ווייך, אין די אויגן — הילפלאָזיקייט. לעבן זיי זיינען געשטאַנען די צוואַנציקיאָריקע. זיינען זיי נאָך בעעמעס אַזוי געזונט? האָבן די טעכטער נאָך אַלץ בלוט אין פּאָנעם און האָפענונג אין די אויגן? פלוצעם האָבן די אַלטע אויס־געשטרעקט די הענט. דאָס איז געווען די אוראַלטע בראָכע, מיט וועל־כער אַן אָפּגייענדיקער דאָר בענטשט דעם אונקומענדיקן.

דער פאָליציי־מאַן האָט באַפוילן יאַנען צו גיין ווייטער. יאַן און זיינע כאַווײרים האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט.

אָט אַזוי זיינען זיי געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אין דער בראָכע פון די אַלטע איז געווען אַזאַ שטאַרקע און אומדערשעפּלעכע טרייסט.

דער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די אוועקגייענ־דיקע, האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די הענט. יאַן און זיינע כאַווי־רים האָבן אָנגעבויגן די קעפּ.

דאָס אַלץ האָט געדויערט ניט מער, ווי פינף סעקונדעס. אָבער דאָס זיינען געווען אויסערגעוויינלעכע סעקונדעס.

דעמלט האָט דער פאָליציי־מאַן אַ שטורכ געטאָן יאַנען מיטן באַג־נעט אין די ריפּן. די קאָלאָנעס זיינען אוועק אין פאַרשיידענע ריכ־טונגען.

איינ פּארטיע איז מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ אוועק אַלץ ווײַטער פונ ל. די אנדערע, וואָס האָבנ מארשירט קיינ ל., האָבנ אַלץ געקוקט אפ הינטנ אזוי לאנג, ווי מע האָט נאָך געקענט זענ די גייענדיקע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבנ דער וואלד ער האָט שעמערירט אינ העלער זומער-שײַנ. פונעם וואלד האָבנ זיך דערטראָגנ גערוישנ, אויסגעמישטע מיט שטארקע דערפרישנדיקע פרימאָרגנ-רייכעס.

3

די אָנגעקומענע האָבנ זיך ארײַנגעצויגנ אינ די צוויי שטיבלעך, וואָס זייערע פריערדיקע אײַנוווינער זײַנענ שוינ לאנג געווע אָנגעקומענ אפ דער סטאנציע אינ ר. די ווענט אָבער האָבנ דאָ נאָך אַלץ געאָטעמט מיט זייער געדריקטער אונ דערשראָקענער אָנוויזנהײַט.

מע האָט זיי געזענ גייענ דורך די פוסטע כאדאָרימ, אָט די שאָטנס, דערשלאָגנ, שטומ אונ אײַנגעשרומפּנ, קעדיי דער פײַניקער זאָל זיי ניט באמערקנ.

— סארא מאָדנע לעבנ! — האָט יאַנ געזאָגט, באטראכטנדיק די „יערושע". אינ א שאפע, צוזאמענגעקלאפּט פונ ברעטער, אינ צווישנ צעריסענע טאלייסימ געהאנגענ עפּעס ווײַס, ווײַזט אויס, טאכריכימ.

יאַנ האָט עס א רעגע געהאלטנ אינ די הענט, דערנאָך ארופּגעוואָרפנ אפ זיך. זעט מענ ניט אויס אינ אָט דעם מאלבעש ווי א מענ, ווי אזא איינער, וואָס קומט פונעם קייווער, א שוינ געוועזענער, אזא, וואָס איז געקומענ פונ די לאנג שוינ פארגאנגענע טעג?

ווענ מע שטייט אזוי אינ די טאכריכימ אונ אינ א טאלעס מיטנ פּאָנעמ צו מיזרעך אונ מע מורמלט די אלטע פרומע טפילעס, וואָס פאר א מאמאָשעס האָט דעמלט די צײַט.

שפּעט אינ אָוונט האָט מענ אנטדעקט אינ א באהאלטנ קעסטל צעריסענע שיימעס, בלעטלעך פונ א טילימל. זייער אינהאלט איז געווענ פונקט אזוי ווײַט פונ גלויבנ, ווי פונ האָפענונג.

די טײַנעס צו גאָט זײַנענ געווענ פיל שטארקער, ווי איעווס. צווישנ די שורעס האָט מענ געקענט אויסלייענענ א רופ צו מערידע.

„פארוואָס האָסטו אונדז פארלאָזנ אונ פארשעמט אונ גייסט ניט ארויס מיט אונדזערע מאכנעס.

מאכסט אונדז צוריקגייענ פארנ סוינע, אונ אונדזערע פײַנט רויבנ אונדז.

האָסטו אונדז אָפּגעגעבנ ווי שאָפ צומ עסנ, אונ צווישנ פעלקער האָסטו אונדז צעשפּרייט.

האָסט פֿאַרקױפֿט דײַן אומע פֿאַר שפּאָטגעלט און האָסט נישט הױך געשטעלט זײער מעקעך.
מאַכסט אונדז צו חרפּה בײַ אונדזערע שכנים, א געלעכטער און א שפּאָט בײַ אונדזערע אַרומיקע.
מאַכסט אונדז פֿאַר א שפּריכװאָרט צװישן די פֿעלקער, עס זאָלן שאָקלען מיט די קעפּ אױף אונדז די אומעס.
א גאַנצן טאָג איז מײַן שאַנד אַנטקעגן מיר, און די בושה פֿון מײַן פּנים האָט מיך באַדעקט פֿון קָאָל פֿונעם לעסטערער און שענ־דער, פֿון װעגן דעם פֿײַנט און נעקאָמענעמער.
דאָס אַלץ איז געקומען איבער אונדז, אָבער מיר האָבן ניט פֿאַר־געסן אין דיר און ניט געלײקנט אין דײַן בונד.
יאָ, איבער דיר װערן מיר געהאַרגעט א גאַנצן טאָג, מיר װערן גערעכנט װי שאָף צו דער שחיטה.
דערװאַך, פֿאַרװאָס שלאָפֿסטו?"
די בלעטלעך האָט מען איבערגעלײענט אינעם קעמערל, װוּ עס האָבן זיך באַזעצט יאַנקל און זײַנע צװײ חבֿרים.
אײנער פֿון זײ, סימאָן, איז געװען דער איבערזעצער. ער האָט געשטאַמט פֿון יענעם טײל װילנע, װאָס האָט געהײסן בריגיטענאָו און איז געװען באַװױנט פֿון ייִדן האַרעפּאַשניקעס. דאָסראָװ פֿון זײ האָט זיך נאָך געהאַלטן בײַ די מיזרעח-מינהאָגים. סימאָן איז אױך דערצױגן געװאָרן אין דעם גײַסט. קינדװײַז האָט ער געלערנט אין א חײדער. דערנאָך, װען ער איז עלטער געװאָרן, — אין א שול, װוּ ער האָט זיך באַקענט מיטן מאַרקסיזם. בײדע שולן האָבן איבערגעלאָזן טיפֿע שפּורן.
סימאָן האָט געלײענט די פּסוקים אױף א קָאָל און איבערגע־זעצט זײ.
יאַנקל איז געװען דערשיטערט פֿון די פּסוקים. מיט װאָס פֿאַר א מעכטיקער שפּראַך די מענטשן האָבן עס גערעדט.
— װען איך זאָל ניט װיסן, אַז ס'איז טילים, װאָלט איך עס גע־האַלטן פֿאַר א נײַעם אָנגעשריבן פּראָפּאַגאַנדע-בלעטל, — האָט געזאָגט אימרע, יאַנקלס צװײטער חבֿר.
סימאָן האָט געלאַכט. זײַנע אױגן האָבן דערבײַ אַרױסגעשטראַלט א טונקל פֿײַער.
— טילים און רעװאָלוציאָנערע לידער װערן ניט אַלט. דאָס, װאָס איך האָב דאָ פֿאָרגעלײענט, זײַנען ציטאַטעס פֿון דער אונטערערדי־שער ליטעראַטור פֿון אונדזערע אָװעס, פֿון די אױפֿרופֿן, װאָס זײַנען פֿאַרשפּרײט געװאָרן אין דער גענעראַל-גובערנאַטאָרשאַפֿט יעהודע בײַם דער סירישער אָקופּאַציע. זײ האָבן אַגיטירט פֿאַר אַרײַנטרעטן אין

דער ארמיי פונ די דעמלטיקע פאטריָאָטנ, מיר אָבער... — סימאָנ האָט געמאכט א באוועגונג, שנעל באריִרנדיק די זוילנ פונ די שיכ, — מיר טראָגנ דעם טילימ פונ אונדזער צײַט, די אָנוועַזונגענ פונ אונדזערע נעוויִמ אונטער אונדזערע פיאטעס. גאָט רעדט נישט מער ארויס פונ קיינ ברענענדיקנ דאָרנ אָדער פונ בארג סינײַ אראָפּ. ער רעדט דורכ באהאלטענע ראדיִאָס אונ געהיימע דרוקערײַענ.

סימאָנ האָט אופגעהויבנ דעם קאָפּ אונ זיכ ארומגעקוקט מיט פינקלענדיקע אויגנ. דער אויסדרוק פונעמ פּאָנעמ האָט איידעס געזאָגט, אז ער האָט גרויס כיישעק אויסצוטאָנ די שיכ אונ זיכ באפרײַענ פונ א געהיימניש.

אינ די שיכ-זוילנ בא אימ אונ בא זײַנע כאווײרימ זײַנענ געלעגנ פלוגבלעטלעכ אפ פויליש, דײַטש אונ אוקראיִניש מיטנ רופ צו סאבאָטאזש.

4

אפ מאָרגנ אינדערפרי, ווענ אלע זײַנענ געגאנגענ צו דער ארבעט, האָבנ זיכ די צוואנציק נײַ-אָנגעקומענע אויסגעשטעלט לעבנ שילינגס קאבינעט, קעדײ זיכ אימ פאָרצושטעלנ אונ — ווענ נייטיק — גיינ אפנ פארהער.

אינ דער „יודענשטאט" האָט מענ זיי שוינ געוואָרנט, אז דער שעפ האָט ליב געבראָכנקײַט. מע האָט זיי דערציילט וועגנ וואָלפס דורכפאל. האָבנ זיי אלע געמאכט א האכנאָעדיקע מינע, ווי עס פאסט פאר ניט פרײַע מענטשנ. זיי האָבנ דעמאָנסטריִרט די כאָכמע פונ אונטערדריקטע...

זיצנדיק צווישנ דעם וואכ-עלטכטנ אונ דעם רעגיסטראטאָר, האָט שילינג דורכגעקוקט די דאָקומענטנ. דער רעגיסטראטאָר האָט פארשריבנ אלצ, וואָס עס איז נייטיק. דער וואכ-עלטסטער האָט געגרייט די באשײַניקונגענ, וועלכע האָבנ געגעבנ זייערע באזיצער דאָס רעכט פארלאָזנ יעדנ אינדערפרי די געטאָ צו גיינ אינ ווארשטאט אונ אפדערנאכט דורכמאכנ דעם זעלבנ וועג אינ דער פארקערטער ריכטונג.

ד'ערנאָכ האָט שילינג גענומענ די נײַ-אָנגעקומענע אפנ פארהער, דורכגעקוקט די פאפירנ, עקזאמעניִרט זיי, באטראכט דעם קערפער-בוי אונ די האלטונג.

ער האָט עס געטאָנ מיט ניט ווייניקער זאכלעכקײַט, ווי א פויער, ווענ ער קויפט פערד אפנ מארק. איידער ער ברענגט אויס אפ זיי זײַנ געלט, פרווט ער אויס שטיק נאָכ שטיק, לאָזט זיי לויפנ, באטראכט די ציינ, לאָזט שפילנ זייערע מוסקולנ.

שילינג האָט באטראכט זײַן סכוירע, די באוויליקט און געוואָרג איבער איר באלעבאָס. געזונט זײַנען זיי אלע. די האלטונג — ווי פון מענטשן, וואָס פארגעסן ניט, ווער זיי זײַנען, און פראָטעסטירן ניט קעגן זייער גורל.

דער ערשטער איז געגאנגען אפן פארהער יאן, דער צווייטער — אימרע, דער דריטער — סימאָן.

יאן, א הויכער און א געזונטער, האָט אויסגענומען בא שילינגן. צו אימרען, א זון פון א גוטבאַזיצער פון די הויך-טאטרען, האָט ער זיך צוגעקוקט פיל לענגער און פארדעכטיקער. זײַן פּאָנעם האָט שוין צופיל דערמאָנט אין אן אָפּיצער אָדער אין א פּאָרעץ. ער האָט אָבער מײַסטערהאפט געהאלטן געבויגן דעם קאָפּ, ווי א געבוירענער שקלאַף.

דערפאר האָט שוין סימאָן אויסגעזען ווי אן עכטער ארבעטער. נישט געקוקט אף אלע זײַנע ראסן-פאָרורטיילן, וואָלט אים שילינג גערן גענומען צו זיך אין גאראזש אין מארקטרעדוויץ.

נאָך סימאָנען איז אין דער ריי געשטאנען א דארער מענטש מיט קלאָרע, ליכטיקע אויגן. ער האָט געהייסן רײַמונד.

בעשאס ער איז נאָך געווען א פרײַער מענטש, האָט רײַמונד בא זיך, אין זײַן היים, אין די בעמיש-מערישע בערג, געצייכנט אלטע שלעסער. אכּן בוידעם פון זײַן פאָטערס הויז זײַנען געשטאנען אָן א שיר פּייזאזש-בילדער. רײַמונד האָט געפרוווט איבערגעבן אפן לײַוונט די לעבעדיקע קראפט פון די מערישע וועלדער.

זײַנע בילדער האָבן געוויזן ראכוועסדיקע לאָנקעס, ווײַטע גערוימע בארג-אָפּהאנגען, אלטע הויך-שטאמיקע ביימער, וואלד-הײַזער, וועלכע זײַנען טיילמאָל געווען ענלעך צו פארבאָרגענע פעסטונגען, מיט מאָך באוואקסענע פארלאָזענע מילן.

אז רײַמונד האָט שוין ניט געטאָרט מער מאָלן, האָט ער זיך אויסגעלערנט די מעלאָכע פון אן אויטאָ-מעכאניקער. אין אָנהייב האָט ער נאָך געפרוווט צייכענען בישטיקע, אף זאָרגזאם אויסגעהיטע שטיק-לעך פּאפּיר. אָבער וואָס ווײַטער עס האָט אים פארטראָגן קיין מיז-רעך, אלץ זעלטענער איז באפאלן דער כיישעק זיך נעמען צום פּענדזל און בלײַפעדער.

צווישן די איבעריקע מאנצבלען האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי מענער פּין א גאנץ פארשיידענעם אויסזען. איינער פון זיי — פּע-ניעס — א ייד פון קארפאטן-רוסלאנד. די דאָרטיקע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין פארוואָרפענע טאָלן צווישן די בערג, זײַנען געשטא-נען אזוי נאָענט צו דער נאטור — נישט נאָר לויט דער פּראָפעסיע אלס פאסטעכער, קוילנברענער, פויערים, נאָר אויך לויט זייער קער-

פֿער-בױ — אַז זײ זײַנען געװען ענלעך אַמאָל צו אַלטע, איבער דער ערד זיך שפּרײטנדיקע בײמער, אַמאָל צו פֿלינקע װאַלד-כײַעס.

פֿעניעס איז געװען אַ נידעריקער,קרעפּטיקער מאַנצבל מיט אַ פֿלינקן קערפּער פֿונ אַ יונגן װאָלף. פֿונ זײַנע פּאַפּירן איז געװען קלאָר, אַז ער איז אַנטלאָפֿן פֿונ אונגאַרן קײן סלאָװאַקיע אונ אַז די דאָרטיקע מאַכט-אָרגאַנען האָבן אים איבערגעגעבן די דײַטשן.

פֿונ אַ גאַנץ אַנדער שטאָף איז געװען געמאַכט דאָנער, אַ געװעזענער בױ-מײַסטער אינ לינץ. ער איז געװען נישט העכער פֿונ פֿעניעסן, אָבער שטאַלטנע אונ שלאַנק. זײַן פּאָנעם איז געװען װײַבלעך-צאַרט. אַפֿילע װען ער האָט געשװיגן, האָט זײַן מױל געצוקט, באַװעגט פֿונ הונדערטער װײטעקן אונ אײַנפֿאַלן.

דאָנער האָט אָנטײל גענומען אינ די בלוטיקע פֿעװראַל-געשעענישן פֿונעם יאָר 1934. נאָך דעם, װי דער אױפֿשטאַנד איז דערשטיקט געװאָרן, האָט זיך דער אָטריאַד אַרבעטער, מיט װעלכן ער האָט אָנגעפֿירט, דורכגעשלאָגן דורך די אַלפּן קײן יוגאָסלאַװיע. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַמאָל אַלס מױערער, אַמאָל אַלס בױ-מײַסטער. װען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען זאַגרעב, איז דאָנער אַרײַנגעפֿאַלן צו זײ אינ די הענט.

די איבעריקע מענער אונ פֿרױען האָבן בײַ שילינגן ניט אַרױסגערופֿן קײן פֿאַרלאַנג אױפֿצוהײבן דעם קאָפּ אױף זײ אָנצוקוקן. אינ אַ סעקונדע האָט ער יעדן אָפּגעפּאַרטיקט.

די לעצטע אינ דער רײ זײַנען געשטאַנען צװײ מײדלעך, װאָס האָבן זיך אױסגעטײלט מיט זײער אױסזען. זײ זײַנען געװען צאַרטער װי די אַנדערע פֿרױען. בײדע האָבן זײ געשטאַמט פֿונ װין. געהײסן האָבן זײ מאַרטע אונ גערטרודע. כאָטש זײ האָבן זיך באַקענט ערשט אינעם זאַמל-לאַגער, האָבן זײ זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט.

איצט זײַנען זײ געשטאַנען לעבן שילינגס שרײַבטיש, פֿאָרױס מאַרטע, הינטער איר — גערטרודע.

שילינג האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ, גלײַכגילטיק אַ קוק געטאָן אױף זײ. ער האָט נישט באַמערקט נישט גערטרודעס שײנקײַט, נישט דאָס פֿאַרצערנדיקע פֿײַער אינ מאַרטעס אױגן.

5

נישט אַלע, װאָס זײַנען אָנגעקומען מיט יאַנען, האָבן געװוּסט װעגן זײַן סאָד. גאָר װײניקע האָבן געװוּסט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן פֿלוגבלעטלעך אונ װוּ מע באַהאַלט זײ.

אָבער אפדערנאכט איז עס געוואָרנ אויס סאָד. די פלוגבלעטלעכ זײַנענ געלעגנ אפ יאַנס קעסטל אינ זײַנ קעמערל. דאָס זײַנענ געווענ דאָפל-בלעטער, גרויס ווי א דלאָניע, געדרוקט אפ דינינק פאפּיראָס-פאפיר.

סארא קאָמפּליצירטנ וועג אָט די בלעטלעכ האָבנ עס דורכגעמאכט: מע האָט זיי געדרוקט אינ געהיימע דרוקערײַענ. מיטגלידער פונ געהיימע געזעלשאפטנ האָבנ זיי מיט לעבנס-געפאר באהאלטנ אונ פארטיילט. פארשווערער האָבנ זיי ארײַנגעשמוגלט אינ זאמל-לאגער. עמעצער, וואָס האָט געארבעט אינ קליידער-מאגאזינ, האָט שוינ געזאָרגט דערפאר, אז אינ די זוילנ פונ די שיכ, וואָס זײַנענ געווענ באשטימט פאר פאכלײַט, זאָלנ ליגנ די פּראָקלאמאציעס.

מע נעמט אזוינע זוילנ זאָרגעוודיק אראָפ, אונ מיטאמאָל — די בלעטלעכ זײַנענ דאָ. איצט זײַנענ זיי געלעגנ אפנ דעקל פונ יאַנס קעסטל. יעדע איינצלהײַט האָט געהאט א באדײַטונג. מע האָט באוווּנדערט דעמ דרײַשפּראכיקנ טעקסט, די קורצע אונ שארפע ווערטער, די שיינע אויסיעס.

קוקנדיק אפ די בלעטלעכ, האָט יאַנ אונ זײַנע צוויי כאווײרימ געשפּירט א געהיימענ קאָנטאקט מיט זיי. עס האָט זיכ זיי געדאכט, אז זיי הערנ א לאנג דערווארט קאָל, נאָכ וועלכנ זיי האָבנ אזוי שטארק געבענקט. דער, וואָס האָט מיט זיי גערעדט, איז געווענ פארהוילנ. ער האָט זיי אָבער מיטגעבראכט זײַנ קראפט אונ זײַנ ווילנ. זיי האָבנ געהאט א געפיל, ווי די האנט פונעמ אומזיכטבארנ פרײַנט וואָלט געדריקט די הענט פונ די אלע, וואָס האָבנ געלייענט די פלוגבלעטלעכ.

קיינער האָט ניט געפילט קיינ פאכעד, ווײַל די בלעטלעכ האָבנ געווירקט ווי ליכט אינ דער פינצטער. דאָס ליכט איז געווענ קליינ אונ פארבאָרגנ, אָבער עס האָט דורכגעבויערט די פינצטערניש אונ באזיגט די שרעק.

יאַנ האָט שוינ צומ דריטנ מאָל געלייענט דעמ טעקסט.

סימאָנ האָט דערקלערט, אז פונ די בלעטלעכ קומט אנטפלעקונג. ער האָט געהאט דאָס געפיל, ווי עס וואָלט געוואָרנ א געוויטער אונ עמעצער וואָלט גערעדט צו זיי פונ די וואָלקנס דורכ בליצ אונ דורכ דונער.

אפילע אימרע, דער אמווינציקסטנ רעליגיעזער, האָט באריירט די בלעטלעכ מיט רעליגיעזנ פלאטער.

אָבער יוענ זיי האָבנ באהאלטנ די פלוגבלעטלעכ, איז זיי באפאלנ א צווייפל. וויאזוי פירט מענ דורכ אינ לעבנ דאָס, צו וואָס

עס רופֿן די בלעטלעך? וויאַזוי צווינגט מען זיי לייענען מענטשן, וואָס ווילן נישט הערן דערפֿון?

יידן האָבן שוין צופֿיל נעוויעס געהערט, אָנגעהויבן פֿונעם בארג סיני. מען זײַנען אפֿילע, אַז די נעוויעס איז סאָפֿקאָלסאָפֿ מעקויעם גע-וואָרן. וואָס קומט ארויס דערפֿון? מען זײַנען, אין די נעוויעס איז געווען אייביקער עמעס. וואָס טויג עס די יידן, אַז זיי האָבן אים אופֿגעהערט צו פֿארשטיין? נאָך אלעמען, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצו-שטיין, איז זיי געבליבן בלויז צווייפֿל, אומצוטרוי און גרענעצלאָזע פֿאָרזיכטיקייט.

אין מעשער פֿון עטלעכע טעג האָבן זיך אלע באקענט מיט די פּראָקלאמאציעס. ווער האָט ניט געציטערט, ווען ער האָט זיי אָנגע-קוקט און באריט? נאָך מער איז מען געוואָרן דערשיטערט, ווען מע האָט געלייענט דעם טעקסט. ער איז געוועןווירקלעך ווי א רופֿ, וואָס האָט גערעדט צו אלעמענס הערצער. אָבער זײַן עמעס איז ניט פֿאר אלעמען געווען איין און דער זעלבער.

קלוגע לײַט האָבן זיך באמיט געבן צו פֿארשטיין זייערע פֿרײַנט, אַז אויב לייענען, דארף מען לייענען מיט קאָפּ. גלייבט דען עמע-צער בעעמעס, אַז מע רופֿט די יידן אין די ארבעטס־לאגערן צו סא-באָטאזש? ניין. די פֿאָדערונג האָט א שײַכעס נאָר צו יענע, וועלכע זײַנען נישט פֿון פֿריִער פֿארמישפּעט צום טויט. אָבער א צייכן פֿון לעבן האָבן די יידן באקומען, און מע האָט אים אזוי נייטיק בא-דארפֿט.

אפֿילע די יעניקע אין דער „יודענשטאט", וואָס האָבן ניט בא-טראכט די אופֿרופֿן ווי א פֿאָדערונג עפּעס אָנצוהייבן צו טאָן, האָבן געקוקט אפֿ זיי ווי אפֿ א גרוס פֿון יענער גרויסער קראפֿט, פֿון וועל-כער מע האָט דערווארט באפֿרײַונג. יעדער רופֿ אזא איז געווען א ליבער גרוס.

יאָנאַס, וועלכער האָט באקומען יאנס מאטאָנעס איינער פֿון די ערשטע, האָט אומרויִק געבראכט דאָס בלעטל אין קעלער ארײַן, ווו ער האָט נאָך אלץ געלעבט מיט וואָלפֿן אינאיינעם.

וואָלף האָט געפֿירט אַן איזאָלירטע און שטילע עקזיסטענץ. יאָנאַס האָט זיך זעלטן ארײַנגעלאָזן מיט אים אין א שמועס, נאָך זעלטענער האָט וואָלף אליין אָנגעהויבן א געשפּרעך. דאָס מאָל האָט זיך יאָנאַס געווענדט צו אים.

אינ זיינ קעגנוואַרט האָט דער „יודענראַט" צעוויקלט דאָס בלעטל. זיינע הענט האָבנ געציטערט. א היפּש שטיקל צייט האָט ער געהאַלטנ דאָס בלעטל פאַר די אויגנ.

וואָלף איז געשטאַנענ אָנ א זייט. פאַר אים האָט דאָס בלעטל געהאַט גאָר א באַזונדערע באַדייטונג. די פּראָקלאַמאַציע איז געווענ דאָס ערשטע, וואָס האָט אים פאַרייניקט מיט די איבעריקע איינוווינער פונ דער „יודענשטאַט". יעדערער האָט אפילע געלייענט צווישנ די שורעס דאָס, וואָס אים איז געווענ צומ האַרצנ, אָבער דער עמעס האָט זיך דאָך געמוזט דורכשלאָגנ א וועג.

אַז מיכאַעל האָט זיך דערוווּסט וועגנ די בלעטלעך, האָט אים אַרומגעכאַפּט צאָרנ אונ שרעק גלייכצייטיק. איז דענ נישט אומעטומ פול מיט פּראָוואָקאַטאָרנ? ווי קענענ ערלעכע מענטשנ אויסשטעלנ ייִדנ נאָך אַפ גרעסערע סאַקאָנעס ווי די, אינ וועלכע זיי געפינענ זיך טאָג־טעגלעך? עס האָט זיך אינ אים דערוועקט א שאַרפע סינע צו יאַנענ. ער האָט ניט געצווייפלט אינ יאַנס אופריכטיקייט, ער האָט אָבער געהאַלטנ, אַז יאַנ האַנדלט לייכטזיניק.

פּריצ האָט זיך געהאַלטנ בא דער זעלבער מיינונג. מע האָט בא אים אפילע ניט געקענט פּ׳יעלנ, ער זאָל זיי איבערלייענענ. פּאַפּיר איז געדולדיק! אונ ס'איז גרינג צו דרוקנ ווערטער, וואָס ווירקנ אַפּ לייכטגלייביקע!

ברושוויילערס פּראָפּעסיע האָט אים אויסגעלערנט צו האַלטנ פאַר עמעס נאָר דאָס, וואָס קאָנ דערוויזנ ווערנ. דאָ איז געלעגנ פאַר אים א שטיקל געדרוקט פּאַפּיר. פונוואַנענ דאָס שטאַמט, קאָנ מענ זיך נאָר פאָרשטעלנ. עס קאָנ שטאַמענ אויך פונעמ סוינע. עס איז אפילע ניט נייטיק דערמיט זיך צו באַשעפטיקנ.

מיכאַעל אונ פּריצ האָבנ אזוי לאַנג איינגעטייַנעט מיט יאַנאַסנ, ביז ער האָט לאַנגזאַמ אונ ניט גערנ באַשלאָסנ זיך צו צעשיידנ מיטנ בלעטל. מיכאַעל האָט עס צוגענומענ. אונ אַפּ אזא אופנ איז עס אַרייַנגעפאַלנ צו רוטנ. מיטנ אויסרייד, אַז זי וויל עס פאַרברענענ, האָט עס רוט גענומענ צו זיך. אינדערעמעסנ האָט זי אפילע ניט בע־דייע געהאַט צו פאַרניכטנ עס. דאָס איז געווענ פאַר איר א שטאַר־קער אונ וווּנדערבאַרער מימבאָל. זי האָט עס צונויפגעלייגט, באַהאַלטנ אינ א קליינ קעסטעלע אונ עס געטראָגנ אַפּ א דינ קייטעלע אַפנ האַלדז.

סאַקאָנע? ווער ווייסט עס גייט זוכנ בא איר אַפנ ברוסט פאַרבאָטענע שריפטנ? אונ אויב מע איז זי אינ עפּעס כוישעד, איז זי סייווי־סיי א פאַרפאַלענע, אפילע אויב מע וועט בא איר קיינ זאַכ ניט געפינענ.

זי האָט קייגעם ניט דערציילט, אז זי טראָגט דאָס בלעטל אפּ איר לייב. זיין קישעפּ האָט נישט אופגעהערט צו ווירקן אפּ איר יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך צו דעם געווענדט.

אפּ דער מערהייט האָט מיכאעלס וואָרענונג וועגן דער געפער-לעכקייט פון די בלעטלעך געמאכט א רושעם. דאָך איז דער גלויבן אין דעם ווונדער-קויעך, וואָס שטעקט אין זיי, נישט פארשוווּנדן. אזוי אז די מערהייט האָט איצט ניט געוואגט נישט צו האלטן בא זיך די בלעטלעך, נישט זיי צו פארניכטן.

מע האָט זיך געקליגט אפּ פארשיידענע אופאנים פּאָטער צו ווערן פון זיי: פארשטעקט זיי אין לעכער, אונטער שטיינער, אונטער ציגל, אונטער די ברעטער פונעם דיל, אין די קעלערס.

מארטע און גערטרודע האָבן צוערשט נישט באקומען קיין בלעטל. דערנאָך האָבן זיי געקריגן איינס און עס באהאלטן אין אן אָרט, וואָס יעדן פרומען יידן, ווען ער דערוויסט זיך וועגן דעם, וואָלט עס פארדראָסן ביזןביין: זיי האָבן אראָפּגענומען א מעזוזע, ארויסגע-נומען דאָס שטיקל פארמעט און אפּ זיין אָרט אוועקגעלייגט דאָס צו-נויפגעוויקלטע בלעטל, דערנאָך די מעזוזע צוגעשלאָגן אפּן זעלבן אָרט.

זיי האָבן פרום אויסגעפילט דעם מינהעג צוצולייגן די פינגער צו דער מעזוזע און דערנאָך בארירן די פינגער מיט די ליפּן. דאָס גלעזערנע רערל האָט געגלאנצט און קיינמאָל ניט אויסגעזאָגט, אז אָנשטאָט דעם פּארמעט באהאלט עס אין זיך א רופ צו אופשטאנד.

אזוי האָט קיין איין בלעטל אין דער „יודענשטאט" נישט דער-גרייכט צו יענעם צוועק, וואָס עס האָבן זיך געשטעלט די מעכאברים און פארשפרייטער פון די פראָקלאמאציעס.

אין זיי האָט געשטעקט א גוואלדיקער קויעך, אָבער דער קויעך האָט געקאָנט ווירקן נאָר איינייגעם מיט אנדערע קויכעס. דער צוויי-ענדיקער וואל, וואָס האָט ארומגערינגלט די „יודענשטאט" — די שטרענג-סטע באוואכונג פון דרויסן און דער גרענעצלאָזער אומצוטרוי פון אינווייניק — האָט די אנדערע קויכעס געליימט.

און דאָך האָבן די פלוגבלעטלעך געהאט א ווירקונג. שטומע, זיינען זיי פול געווען אומעטום. זיי האָבן באַיינפלוסט יענע, וואָס זיינען געווען דערויף פּייניק. עפּשער ביזכוס זיי האָבן מענטשן אָנגע-הויבן לייכטער אנשלאָפן צו ווערן, טיפער צו אָטעמען און כאָטש מאָמענטנווייז פילן עמעס טרייסט.

קאַפּיטל V

1

אינעמ גאַנצנ רײַכ איז פּראָקלאַמירט געװאָרנ טאָטאַלע מאָביליזאַציע. דער באַפעל האָט שאַרפ אָפּגעקלונגענ אינ אַלע װינקלענ פונעמ רײַכ אונ פונ די אָקופּירטע געביטנ. ער איז כאַל געװענ אױכ אַפ דער גענעראַל-גובערנאַטאָרשאַפט. פונעמ אַרבעטס-דעפּאַרטאַמענט אינ קראָקע איז אַרױס אַנ אינסטרוקציע צו די פיר דיסטריקטנ ניט צו פאַרגעסנ אױכ די ייִדנ-אַרבעט. די דיסטריקטנ האָבנ געגעבנ געהעריקע אָנװײַזונגענ די קרײַז-אַמטנ. יענע װידער האָבנ אָפּגעגעבנ באַפעלנ די קאָמיסאַרנ איבער די געטאָס אונ אַרבעטס-לאַגערנ.

שילינג האָט לאַנגזאַמ געלייענט די אינסטרוקציע. זי איז געװענ אױספירלעכ, װי אַלע אינסטרוקציעס פונעמ צענטראַלנ אַרבעטס-אַמט.

שילינג האָט געהאַט די אויפגאַבע אױסצופּאָמפּענ פונ זײַנ ייִדישנ פּערסאָנאַל אַרבעטער צװיי מאָל אַזױפיל פּראָדוקציע װי פריִער. מיט װעלכע מיטלענ — דאָס איז שױנ זײַנ זאַכ. שילינגס פולמאַכטנ זײַנענ פאַרברייטערט געװאָרנ. ער האָט מער ניִשט באַדאַרפט די האַסקאָמע פונעמ ייִדנ-קאָמיסאַר באַמ דורכפירנ געװיסע מאָסמיטלענ. ער האָט געמעגט טאָנ אַלצ, װאָס ער האָט געהאַלטנ פאַר צװעקמעסיק. אײנ זאַכ איז געװענ װיכטיק: די גרייס פונ דער פּראָדוקציע. אונ אָנגעװיזנ האָט מענ קלאָר, אַז דאָפּלט הייסט טאַקע דאָפּלט.

שילינג האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ. אינ זײַנ אייגענעמ גאַראַזש אינ מאַרקטרעדװיצ פלעגנ די אַרבעטער פאַרקויפנ נאָר אַ טייל פונ זייער אַרבעטס-קראַפט אונ אָפּגעבנ פלעגנ זיי, לויט זײַנ מיינונג, אַ סאַכ װייניקער, װי זיי האָבנ זיכ פאַרפּליכטעט. דעמ רעשט פלעגנ זיי בלײַבנ שולדיק. געװיס, װענ ער האָט דעמלט די מאַכט, װאָס ער פאַרמאָגט איצט, װאָלט ניט שװער געװענ זיי צו צװינגענ געבנ מער פּראָדוקציע.

די ייִדנ אָבער האָבנ געגעבנ אַלצ, װאָס זיי זײַנענ געװענ בע־קױעכ צו געבנ. אָט דער ניט פולװערטיקער מענטשנ־מאַטעריאַל האָט אױסגעפּרעסט פונ זיכ אַלצ, װאָס סטראַשונקײַס אונ געװאַלט קאָנענ אַרױספּאָמפּענ, די בײַטש איז זיכער דאָס בעסטע מיטל אַפ צוצוטרײַבנ מענטשנ, אָבער אַפּ אַרױסצופּאָמפּענ דאָס לעצטע — דערופּ טויג אַפילע די בײַטש ניט.

צװיי טעג נאָכאַנאַנד האָט שילינג גאָרניט געטאָנ. די אַטמאָספער פונ שרעק האָט אָנגעהױבנ אַרײַנדרינגענ אױכ אינ זײַנע אייגענע לונגענ. ער, װעלכער איז ביז אַהער געשלאָפנ אַזױ געשמאַק, האָט פּלוצעמ אָנגעהױבנ זיכ אױפכאַפּנ באַנאַכט. װײַל מענ פונ אימ, הייסט

עס, ער זאָל אָנקומענ צו פייַניקונגענ? מע האָט אימ דאָכ אוועקגעשטעלט נאָר פאר אנ אָנפירער פונ אנ אונטערנעמונג אונ ניט פאר קיינ טאליענ. ער האָט אָבער אויכ געוווּסט, וואָס עס הייסט א באפעל פונעמ גענעראל-גובערנאטאָר.

נאָכ א לאנגנ ייִשעוו-האדאס האָט ער באשלאָסנ צו מאכנ עקספערימענטנ אונ אויסוויילנ מיטלענ לויטנ רעזולטאט נאָכ פונ די עקספערימענטנ. ער האָט נישט געגלייבט, אז מע קאָנ פארגרעסערנ די פראָדוקציע דורכ פארגרעסערנ די מוירע אָדער אָנווענדנ נאָכ ברוטאלערע שטראָפנ.

אָבער כוץ די ביז איצט אויסגעפּרוּווטע אונ אָפּגענוצטע מיטלענ איז געווענ נאָכ איינ גאנג, ביז איצט אנ אומבאקאנטער. ער האָט געהייסנ: ג ו ט ע ב א ה א נ ד ל ו נ ג. אויב ביידע ווערטער איניינעמ האָבנ געשמעקט גענוג פארדעכטיק, האָבנ בלויז די צוויי זילבנ אליינ „גוטע" געהאט נאָכ א גרעסערנ בייַטאמ.

שילינג האָט זיי פייַנט באקומענ פונ דעמ מאָמענט אָנ, ווי נאָר ער האָט זיי ארויסגעבראכט. ער האָט אָבער מוירע געהאט, נייִנ, ער איז אפילע קימאט ווי זיכער געווענ, אז ער וועט מוזנ אָנקומענ צו אָט דעמ גאנג.

מע דארפ זיכ נישט נארנ: גוטע באהאנדלונג אינ דעמ זינ, ווי שילינג האָט עס געברויכט, איז געווענ ניט מער ווי א סוראָגאט פונ געוואלט.

אפ מאָרגנ אינדערפרי האָט זיכ שילינג גענומענ צומ דורכפירנ דעמ ערשטנ טייל פונ זייַנ עקספּערימענט. ער האָט געוואָלט אויספּרוּווּנ, ווי ווייַט קענ דערפירנ די קראפט פונ סטראשונקעס. ער האָט אויסגעוויילט צוויי פאסיקע אָביעקטנ. דאָס האָבנ געמוזט זייַנ דורכשניטלעכע מענטשנ, פונ מיטעלער פיזישער קראפט, ניט צו טעמפּ, ניט צו נערוועז. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ יאקאָבנ, א געוועזענעמ ארענדאר פונ בעמענ, אונ אפ קאמילענ, א פרוי פונ ווינער נוישטאט.

באגלייט פונ א וואכמאנ, איז שילינג צוגעגאנגענ צו יאקאָבס ארבעטס-אָרט אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט הינטער אימ. יאקאָב האָט געארבעט באמ רעמאָנטירנ אווטאָמאָבילנ. שילינג איז געשטאנענ הינטער זייַנ פּלייצע מיט א קאָנטראָל-זייגער אינ דער האנט. אינ א פּאָר מינוט ארומ האָט שילינג זיכ גענומענ דורכפירנ זייַנ געדאנק.

— דו גאנוועסט... — האָט ער א ברומ געטאָנ מיט אזא קאָל, וואָס קיינער האָט נאָכ פונ אימ ניט געהערט. עס איז געווענ הארטע אונ רויע אכזאָריעס. — דו גאנוועסט צייַט, דו ארבעטסט בעקיוונ פאמעלעכ. דו ווייסט, וואָס פאר א שטראָפ עס קומט פאר גאנווע-

נען? — און מיט טרוקענער קאַלטקייט האָט ער צוגעגעבן: — פון היינט אָן וועסטו די זעלבע ארבעט אָפּטאָן אין העלכט צייט.

יאקאָב האָט זיך פארלוירן ארומגעקוקט. א שווייס האָט אים באַ־שלאָגן. עס האָט אים געפּייניקט שרעק. בא זיין רעכטער האנט איז ווי א טאליען געשטאנענע דער וואכמאן. שילינג האָט ווידער איינגע־שלאָסן דעם קאָנטראָל־זייגער. ער האָט דערלאנגט יאקאָבן, וואָס האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, א זעץ אין פּלייצע. יאקאָב האָט זיך א וואקל געטאָן. מוירע און אָנשטרענגונג האָבן אים פארהאקט דעם אָטעם. קלאָר, אין קאָן שטייט זיין לעבן. און יאקאָב וויל לעבן. זאָל זיין מיטן פּרייז פון דער לעצטער אָנשטרענגונג, נאָר ער מוז עס קויפן, דאָס לעבן.

עס האָט זיך געפילט, אז יאקאָב קאָן שוין ניט כאפּן דעם אָטעם. זיינע מוסקולן האָבן שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. פינף מינוט זיינען אוועק, די רעגעס האָבן געטריפט מיט אומגעהייערער לאנגזאַמ־קייט. וואָס האסטיקער יאקאָב האָט געפרווט ארבעטן, אלץ ווידער־שפעניקער זיינען געוואָרן די אינסטרומענטן. די פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט. די אויגן האָבן פארלאָרן דאָס געפיל פון סאָף. זיין דערפארונג האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. די פייל האָט זיך געגליטשט, די אָפּצווענגע האָט ניט גענומען, די זעג האָט ניט געשניטן.

— האָסט דיין צייט ניט פארבעסערט אפילע אף קיין צען פּראָ־צענט, — האָט געזאָגט שילינג. אין זיין קאָל האָט ווידער געקלונגען אומגעהייערע אכזאָריעס. — איך וועל מאכן נאָך איין פרווו. אויב דו וועסט אים ניט אויסהאלטן, האָסטו נישט מער אף וואָס צו האָפן.

יאקאָב האָט שווער געאָטעמט. דאָס הארץ האָט פיבערדיק גע־קלאפּט. ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט. אָבער מיט יעדער באוועגונג פון דער האנט האָט ער אלץ מער פארלוירן די פריערדיקע זיכערקייט. דאָס געצייג איז אים קעסיידער געפאלן פון די הענט. די קני האָבן געציטערט. די לונגען האָבן ניט געקענט כאפּן קיין לופט. די פינגער האָבן ניט געפאָלגט. די אויגן האָבן ניט געזען.

— ערגער ווי אין אָנהייב, — האָט שילינג געזאָגט. זיין קאָל האָט געקלונגען, ווי א טויט־אורטייל.

יאקאָב האָט שוין מער ניט געוווּסט, וואָס ער טוט. ער האָט פארלוירן יעדן קאָנטראָל איבער זיין קערפּער. דער שרויפנציִער האָט זיך איינגעבויערט אין זיין אייגן פלייש, די אָפּצווענגע האָט געריסן זיינע אייגענע פינגער. ער האָט א פאָכע געטאָן מיטן האמער. פּלוצעם האָט ער געטאָן א רעווע: דער האמער האָט געטראָפן איבער זיין אייגענער האנט. דער הויכער און קרעפּטיקער מענטש איז גע־פאלן כאַלאָשעס.

דער פּרווו מיט קאמילען איז צוגעגאנגען ניט אזוי אומגעלונגען, אָבער ער האָט אים אויך נישט באפרידיקט.

קאמילע איז געווען א פרוי מיט פלינקע הענט, מיט א מענע־ריש פּאָנעם און גרויסע, שנעל־באגרייפנדיקע אויגן. זי האָט געאַר־בעט אין דער לאקיר־אָפּטיילונג.

נאָך די ערשטע דריי מינוט האָט שילינג אויסגעדריקט זיין אומ־צופרידנקייט. ער האָט זי באשאָטן מיט זידל־ווערטער.

— מע האָט דיך צו גוט באהאנדלט, — האָט ער א זאָג געטאָן. — איצט ווייס איך, וואָס פאר א באהאנדלונג דו פארדינסט.

און בייס קאמילע האָט זיך געצוואונגען ניט צוהערן זיך, קעדיי שילינגס קאָל זאָל איר ניט שטערן ארבעטן, האָט ער אלץ ניט אויפ־געהערט צו דונערן בא איר איבערן אויער:

— גיכער! וואָס זשע, דיר איז שוין מיעס געוואָרן דאָס לעבן?

קאמילע האָט זיך אָנגעשטרענגט. די האָר זיינען ווילד געפאלן אפן פּאָנעם. נישט געקוקט אף איר דערשראָקנקייט, וואָס האָט גע־גרענעצט מיט טויט־שרעק, האָט זי נישט פארלוירן די זעלבסטבאהער־שונג. זי האָט אָנגעשטרענגט אלע קויכעס.

שילינג האָט זיך דערנעענטערט צו איר, ארופגעלייגט זיין פויסט אף איר אקסל.

— דאָס איז גארנישט ווערט... אויב ס׳וועט אזוי גיין ווייטער, וועל איך דיך מוזן אוועקשיקן פונדאנען.

קאמילעס ליפּן האָבן געציטערט. דאָס בלוט האָט צעשפּארט די אָדערן. דער אינסטרומענט האָט וויברירט אין אירע הענט. די פינגער האָבן געברענט.

הינטער איר האָט געטיקעט דער קאָנטראָל־זייגער. איז עס דער אָנזאָג פונעם סאָף פון איר לעבן?

קאמילע האָט נאָך פארמאָגט א מישפּאָכע. איר מאַן איז גע־לונגען אוועקצופאָרן קיין ענגלאנד, און דאָרטן לעבט ער מיסטאמע רויִק, אָן יעסורים. די איינציקע טאָכטער האָט דורכגעמאכט דעם שווערן וועג קיין פאלעסטינע און ארבעט איצט אין א פערמע. קא־מילען האָט זיך אזוי געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל זען זיך מיט זיי פארן טויט.

אָבער אָט דער מענטש וויל איר שטערן. פארוואָס פלאָגט ער זי? פארוואָס שטערט ער איר, אָנשטאָט צו העלפן איר ארבעטן?

ענדלעך איז קאמילען געלונגען זיך צו באפרייען פון אלע שטע־רונגען. זי האָט געארבעט ווי קיינמאָל פריִער. מע האָט געהערט איר

שווערנ אָטעמ, דאָס קלינגענ פונ די אינסטרומענטנ און דאָס טיקענ פונעמ קאָנטראָל-זייגער. מיטאמאָל האָט דאָס טיקענ אופגעהערט. שי-לינג האָט שווייגנדיק געכעזשעבנט.

— צוויי און צוואנציק פראָצענט.

זיינ קאָל איז געווענ רויִק און קאלט.

2

שילינג האָט לאנג געזוכט א פאסיקנ אָביעקט פארנ צווייטנ טייל פונ זיינ עקספערימענט. ענדלעכ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אפּ יאנענ. כאָטש יאנ איז געווענ ערשט א קורצע צייט אינ שלאָס, איז ער שוינ אָבער געווענ פארעכנט צווישנ די בעסטע ארבעטער.

יאנ, פארנומענ מיט מאָנטאזש-ארבעט, האָט ניט באמערקט, אז שילינג שטייט הינטער זיינ פלייצע.

א היפּשע ווײַלע איז שילינג געשטאנענ און געשוויגנ. דערנאָכ האָט ער זיכ געשטעלט אנטקעגנ יאנענ.

— איכ וויל דיכ עפּעס פרעגנ, — האָט ער א זאָג געטאָנ. — ענט-פער מיר אופריכטיק.

יאנ האָט מיט פארוואונדערונג אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ. ער האָט אָבער געארבעט ווײַטער מיט דער זעלבער אָנגעשטרענגטער אופמערקזאמקייט.

— ביכט דאנקבאר דערפאר, וואָס מע האָט דיר געגעבנ אָנ-שטענדיקע ארבעט? — האָט געפרעגט שילינג.

יאנ האָט ברייט צעעפנט די אויגנ. שילינג האָט נאָכ קיינמאָל נישט געשטעלט אזא פראגע. וואָס פאר אנ אנדער ענטפער האָט גע-קאָנט זיינ, כוץ „יאָ”?

— איכ בינ זיכער, אז דו ווילסט דערווײַזנ דיינ דאנקבארקייט.

יאנ האָט געקוקט איינגאנצנ א צעטומלטער. שילינג האָט אימ אָבער ניט איבערגעלאָזנ קיינ צייט צו טראכטנ.

— קענסט בעסער אויסנוצנ דיינ ארבעטס-צייט? — האָט ער געפרעגט.

יאנ האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ, א קוק געטאָנ אפנ שעפ און געפרעגט:

— דאָס איז א באפעל?

— הייב אָנ, — האָט שילינג ווײַטער גערעדט אינ דעמ זעלבנ טאָנ. — איכ דערוואַרט, אז דו וועסט ארבעטנ דאָפּלט שנעל ווי ביז אהער. גיב אלצ, וואָס דו ביסט אימשטאנד צו געבנ.

יאנ האָט טיפ אָפּגעאָטעמט. נישט איבערראשנדיק אפילע אפּ א רעגע די ארבעט, האָט ער געטראכט: פארוואָס פרווט ניט שילינג אויכ אימ אָנשרעקנ, ווי יאקאָבנ און קאמילענ? מאָדנע, ער רעדט

22.255

אימ גאָר צו. ווײַזט אויס, א נײַער מעטאָד פונ פארשטענדיקנ זיכ מיט די ייִדנ. שילינג פּרוּווט אימ אויס אפ אימ; אפ יאנענ.

דער באַוווּסטזײַנ, אז שילינג אָפּערירט שוינ ניט מיט קיינ כטראַ־שונקעס, נאָר מיט גוטנ, האָט געבראכט דערצו, אז יאנ האָט א פּאָר סעקונדעס געארבעט ניט ריטמיש. אָבער באלד האָט ער צוריק גע־פונענ דעם טעמפּ, וועלכער האָט זיכ איצט נאָכ פארשנעלערט.

— בעסער, — האָט שילינג פעסטגעשטעלט, אונ ווידער האָט זיכ אינ זײַנ שטימ געהערט א מענטשלעכער טאָנ, — אָבער נאָכ נישט גענוג.

יאנ האָט זיכ געפילט בעקו״עכ צו ארבעטנ נאָכ שנעלער. די גו־טע באהאנדלונג האָט פארגרעסערט די האָפענונג, אונ האָפענונג וועקט ענערגיע.

— סטארע זיכ. — שילינגס קאָל האָט געקלונגענ קימאט ווי דאָס קאָל פונ א פרײַנט. עס איז געווענ נישט קיינ באפעל, נאָכ ווײני־קער איז עס געווענ א דראָונג, גיכער פונ אלצ האָט עס געקלונגענ ווי א גוטע אייצע.

יאנ האָט באשלאָסנ צו פאָלגנ. ער האָט געארבעט, אָנשטרענגענ־דיק אלע קויכעס.

„איכ ארבעט נישט נאָר פאר זיכ אליינ, — האָט יאנ געטראכט. — איכ ארבעט פאר אלע מײַנע כאווײרימ. פארנ גאנצנ קאָלעקטיוו".

אנ אומגעריכט געפיל פונ גליק האָט באהערשט יאנענ.

צי האָט שילינג פארשטאנענ, וואָס ער טוט? ער האָט דערוועקט האָפענונג אונ מוט בא טויט־פארורטיילטע.

3

אונ ווי גרינג דאָס איז געווענ — דערוועקנ האָפענונגענ בא די ייִדנ! ייִדנ זײַנענ, ווײַזט אויס, צופרידנ, ווענ מע גיט זיי אָנשטאָט עפּעס מאמאָשעסדיקס — סימבאָלנ. האָט זיי שילינג באשאָנקענ מיט סימבאָלנ.

דער אפּעל איז פארקירצט געוואָרנ אפ א פּאָר מינוט, דער אײ־בערײַס איז אפ דעמ כעזשבנ פארלענגערט געוואָרנ. לוינ אונ עסנ זײַנענ געבליבנ נישט פארענדערט. שילינגס קאָל איז אָבער גע־וואָרנ ווייכער.

שילינגס ווערטער צו יאנענ זײַנענ אוועק פונ מויל צו מויל. אונ סאָפּ טאָג האָבנ זיי שוינ באקומענ גאָר אנ אנדער אויסזענ אונ בא־דײַטונג. מע האָט שוינ דערציילט, אז שילינג האָט געזאָגט: ער האָפט, אז ער וועט ניט מוזנ — אָנ א באזונדערער נייטיקײַט — ארָאָפּנעמענ מענטשנ פונ דער ארבעט.

דאָ האָט זיכ ארויסגעוויזנ דער אומדערשעפּלעכער קויעכ פונ גלויבנ. שילינג האָט געזאָגט בלויז איינ וואָרט, אינ וועלכס מע האָט

געקאָנט אַרײַנלייגן מענטשלעכן אינהאַלט. האָט מען שוין אין אַלץ, וואָס שילינג האָט שפּעטער געזאָגט, אײַנגעזען זײַן מענטשלעכקײַט.

אפילו דער בליק שילינגס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נײַע פאַר־העלטענישן. ער איז געווען ניט ווייניקער האַרט ווי פריִער, אָבער נישט אַזוי באַליידיקנדיק. דער קאַלטער גלאַנץ, וואָס האָט יעדער רעגע געדראָעט מיט פאַרניכטונג, איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. אָפן אָרט פון פאַראַכטונג איז געקומען גלײַכגילטיקײַט.

די פּענעמער פון די אַרבעטער האָבן זיך נישט געענדערט, דאָך איז אין זייער בליק געווען עפּעס נײַס. זיי האָבן אויפגעהערט פאַר אַלץ מוירע צו האָבן.

פון דער שווערער לאַסט, וואָס האָט אויף זיי געדריקט, האָט מען אַראָפּגענומען נישט מער ווי אַ שוועבעלע. אָבער זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן גלייבן, אַז ס'וועט זיך נאָך ענדיקן גוט. דאָס, וואָס דער סוינע איז געוואָרן נאָכגיביקער, איז נישט אומזיסט. עס מוז עפּעס שטעקן דערין, ווײַזט אויס, ער האַלט שמאָל.

אפילו די יונגע האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פון דער שטימונג. גאָר זעלטן האָבן זיי זיך איצט דערמאָנט אין די פלוגבלעטלעך און אין אַנדערע מעטאָדן צו פאַרבינדן זיך מיט דער אַרומיקער אומרויִ־קער וועלט.

די פּרוּוון האָבן זיך צו דער ענדערונג אין שילינגס האַלטונג באַצויגן מיט מער אומצוטרוי ווי די מענער. די ייִנגערע צווישן זיי, ווי אַשטייגער רוט, האָבן נאָך ווייניקער געגלייבט, ווי די עלטערע. און דאָך פלעגן זיי זיך צומאָל פּאַקן דערבײַ, אַז אויף צוריקוועגס אַהיים בלײַבן זיי שטיין און האָבן האַנאָע פון בליִענדיקע ביימער.

די זון האָט פאַרגאָסן מיט גאָלד אפילו צעבראָכענע דעכער. די ווילדע פלאַנצן, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן צווישן די רויִנעס, האָבן מיט זייערע לעבעדיקע פאַרבן צוגעדעקט דעם חורבן. נעכט זײַנען געווען ליכטיקע. מע האָט געזען אַ נײַע, צאַרטע, זילבערנע וועלט, אין וועלכער אפילו רויִנעס האָבן געגלאַנצט ווי איידל־שטיינער.

יענע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דרויסן, האָבן אויך געהאַט אַ פּאָר גוטע טעג. כאָטש זייער אַרבעט איז אַבסאָליוט ניט פאַרלײַכ־טערט געוואָרן, האָט די אַלגעמיינע שטימונג געמאַכט אויך זיי דער־טרעגלעכער דאָס לעבן. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער קלימאַט איז געוואָרן מילדער, אינדערפרי האָט געווייעט אַ ליב ווינטל. די זון האָט ווייניקער געבריִענט. די ביימער האָבן מער נישט געהאַט אַזעל־כע האַרטע און ווידערשפּעניקע שטאַמען.

צי האָבן זיך פּריצים הענט געענדערט? איז אים, דעם פּינפּ־

און-פערציק-יאָריקן, צוגעקומענע נײַער קויעך? צי זײַנען די העק און די זעגן געוואָרן שארפער?

מע האָט זיך ארומגעקוקט, אז עס איז פרילינג אפ דער וועלט. די זון-שטראלן זײַנען געפאלן דורך די צווײַגן פון די ביימער, און מע האָט שוין איצט געקוקט אפ די ביימער ניט נאָר ווי אפ בוי-מאטעריאל, נאָר ווי אפ א דערשײַנונג פון דעם שוין לאנג פארגע-סענעם לעבן. מ'האָט זיך פארגונענ אָפצורײַסן א שטיקל מאָך פון דער קאָרע אָדער צולייגן דעם פינגער צו דער קוועלנדיקער סמאָלע.

ווע האָט געשטאמט פון בראטיסלאווע, דער פילשפראכיקער הויפטשטאָט פון סלאָוואקיע. צו אכצן יאָר איז זי ארײַנגעפאלן אין אן ארבעטס-לאגער. צו נײַנצן יאָר איז זי געוואָרן אן ארבעטערן אין די רעמאָנט-ווארשטאטן אין ל.

איר פאָנעם און איר פיגור האָבן בא זייער גאנצער מענלעכקײַט דערמאָנט אין א מאלעך אפ די לײַוונטן פון די גרויסע מײַסטערס.

ווען רײַמונד האָט זי דערזען, איז אים ווידער באפאלן די אלטע לײַדנשאפט צו צייכענען.

נאָך דעם, ווי ער האָט זי גוט דערלערנט, האָט ער זי אָנגע-צייכנט אלס מאלעך מיכאָעל. אין אירע ביידע נאקעטע הענט האָט זי געהאלטן א שווערד. די ברוסט איז געווען באדעקט מיט א פאנ-צער, פון וועלכן עס איז אופגעגאנגען א מאטער גלאנץ.

ווען רײַמונד האָט איר צום ערשטן מאָל באוויזן זײַן ארבעט, איז עווע געווען פון אָנהייב באגײַסטערט. דערנאָך האָט איר גענומען פארדריסן, וואָס דער קינסטלער האָט באמערקט אין איר נאָר דאָס מענלעכע און האָט ניט דערזען דאָס ווײַבלעכע. עס האָט זי אָנגע-נומען א כיישעק צו דערווײַזן אים, אז זי איז א פרוי. און ווײַל רײַמונד איז געבליבן קאלט, האָט זי געלאָזט אין גאנג די גאנצע קונסט פון פארפירונג.

רײַמונד האָט געשמייכלט. דעם מיידלס שפיל איז אים געפעלן. זײַן פארגעניגן איז געווען נאָך ריינער און אומשולדיקער דערפאר, ווײַל דאָס איז געווען דאָס פארגעניגן פון א מאָלער באם אָנקוקן א זעלטענע און אומדערווארטע מאָדעל. ער איז געווען איבערגעטריבן גלײַכגילטיק, און דאָס האָט נאָך מער גערייצט עווען.

דאָס, וואָס איז אין אָנהייב געווען עפשער ניט מער, ווי אינ-סטינקטיווע קאָקעטערײַ, איז פארוואנדלט געוואָרן אין אומגעצוימטן פארלאנג. אומזיסט האָט רײַמונד געטאָן אלץ אָפצוקילן עוועס לײַדנשאפט.

עווע האָט זיך געצווונגען צו פארגעסן דאָס, וואָס אלע יונגע מיידלעך אין די צוואַנגסארבעט-לאַגערן האָבן גוט געוווּסט: ליבע ווינט אין גאַנץ נאָענטער שכנשאַפט מיטן טויט, נעענטער, ווי יעטווידעס אַנדער געפיל. פארגיין אין טראָגן האָט באַטײַט זעלבסט-מאָרד, ווײַל פאר שוואַנגערע פרויען איז אין די ארבעטס-לאַגערן קיין אָרט ניט געווען.

אָט די שפיל מיט פײַער האָט געדויערט אזוי לאַנג, ביז רײַמונד האָט נאָכגעגעבן. און ערשט דעמלט האָט ער זיך ארומגעקוקט, אז ער האָט די גאַנצע צײַט געשטרעבט צו עווען און איז בלויז געווען געטרײַ דעם לאַגער-געזעץ.

אזוי איז געשען דאָס, וועגן וואָס עס האָבן מיט שרעק גע-טראַכט אלע מענער און פרויען אין דער „יודענשטאַט".

ווען רײַמונד האָט שפּעט באַנאַכט פארלאָזן עווען, איז ער גע-ווען דערשראָקן, פארשעמט און דעריקער — אינגאַנצן אויסגעניכטערט. זײַן געוויסן האָט אים ניט באַשולדיקט. אָבער זײַן אָרנטלעכקײַט האָט ניט אנערקענט קיין שום טערוצים. ער האָט איצט געהאַסט עווען פאר דעם, וואָס ער איז ניט בײַגעשטאַנען.

זי אָבער איז געשלאָפן מיטן טיפן און רויִקן שלאָף פון דער יוגנט. זי האָט נאָך אויך דערנאָך א צײַט לאַנג קיין זאַך ניט פאר-שטאַנען. זי האָט זיך געפילט אינערלעך פרײַ און לײַכט.

4

אלע יידן אין געטאָ האָבן געקענט יאַנען. פון דעם טאָג אָן, זינט שילינג איז מיט זײַן הילף אוועק מיט א נײַעם וועג, דעם וועג פון גוטוויליקײַט, איז יעדער מיטגליד פונעם קאָלעקטיוו געוואָרן יאַנס א פרײַנט. אלע זײַנען אים געווען דאַנקבאַר דערפאר, וואָס זיי קע-נען אָפּציִען דעם אָטעם, וואָס זיי פילן א געוויסע זיכערקײַט.

יאַן האָט געוואָלט אויסנוצן די גוטע שטימונג צו דערנעענטערן צווישן זיך די באַוווינער פון געטאָ.

פרײַ פון יעדן פאָרורטייל, האָט יאַן געפונען א געמיינזאַם לשון מיט אלעמען, סײַ מיט די גלייביקע סײַ מיט די אומגלייביקע. דער עיקר איז געווען — דערגרייכן איינִיקײַט. דאָס איז דאָך געווען די איינציקע שוץ, וואָס זיי האָבן פארמאָגט.

מע האָט יאַנען אָפט געקענט זען אין פרעמדע הײַזער. ער פלעגט מיטנעמען אהין זײַן אָרעמע מאָלצײַט און עסן מיט אלעמען צוזאַמען.

אין איינעם א נעפלדיקן אָוונט האָט יאַן איניינעם מיט אימרען און סימאָנען אויסגעקוקט אף וואָלפן. אויך ער מוז געהערן צום קלאַל. אָבער גייענדיק מיט וואָלפן פון וואַרשטאַט אין געטאָ ארײַן,

האָבנ זיי אנטדעקט, אַז אָנהייבנ א שמועס מיט אימ איז ניט פונ די לייכטע זאכנ.

יאַנ האָט זיכ אָבער מוטיק געלאָזט צומ ציל.

— דו האָסט אַ מאָל געהאט א וויקועכ מיט לוריענ. דאָס איז מיס-טאמ געווענ פאר אונדזער קומענ אהער. מע דערציילט, אַז איר האָט זיכ צעקריגט איבער עמונע־זאכנ.

יאַנ האָט פעסט אָנגענומענ וואָלפנ פאר דער האנט.

— איכ קענ נישט פארשטיינ, — האָט ער וויַיטער גערעדט, — ווי קענענ מענטשנ, אַפ וועלכע עס ווארטנ גאז-קאמערנ, זיכ זאָרגנ וועגנ דעמ, וואָס פאר א מיסיע עס האָט דאָס יידנטומ. איכ קענ זיכ פאָר-שטעלנ, אַז שולדיק איז געווענ לוריע. פאר דיר, ווי פאר אונדז אלעמענ, שטייענ פאר די אויגנ קוידעמקאָל די גאז-קאמערנ. די, וועלכע זייַנענ געשטעמפלט מיטנ שטעמפל פונ טויט, געהערנ צו איינ קלאל, אלציינס, צי זייַנענ זיי באשגיטענע צי נישט... דערלויב מיר צו פאר-בינדנ דיכ מיטנ קאָלעקטיוו. דו געהערסט דענ נישט צו אימ?

וואָלפ האָט זיכ העפלעכ אָפגערוקט. ער האָט אָנגענומענ יאנס האנט, געהאלטנ זי א רעגע צווישנ זייַנע טרוקענע אונ ווארעמע פינ-גער אונ דערנאָכ זיכ באפרייַט פונ איר מיט א רויִקער אונ פריַינט-לעכער באוועגונג.

— האָסט א טאָעס, — האָט ער שטרענג געזאָגט. — אויב דו מיינסט, אַז מע דארפ מיכ ערשט איבעררעדנ צו פאריינִיקנ זיכ צומ יידישנ קלאל. אויב איכ בינ פריִער קיינ ייִד ניט געווענ, האָט מיכ שוינ דער זאמל-לאגער געמאכט פאר א הונדערטפראָצענטיקנ ייִדנ. איכ באדאַרפ ניט די הילפ פונ קיינ שומ געזעצנ, געשריבענע אָדער מינד-לעכע, צו וויסנ, אַז נאָר איינ עמעס איז פאראנ: נישט דולדנ, נאָר שלאָגנ צוריק.

וואָלפ האָט גענומענ גיינ לאנגזאמער, ער האָט שארפ א קוק געטאָנ יאנענ אינ די אויגנ.

— דעמ עמעס האָב איכ געשווירנ טרייַהייַט. די איינציקע איי-ניקייַט, אַפ וועלכער איכ קענ איינגייַנ, איז די איינִיקייַט פונ קאמפ... זייַט איר אונ די אנדערע אנטשלאָסנ עפעס צו טאָנ?

יאַנ האָט אומרויִק געזוכט ווערטער, אָבער ניט געפונענ. פונ אָנ-הייב אָנ איז ער געשטאנענ אַפ וואָלפס זייַט. ער האָט אָבער אויכ געפילט, וואָס פאר א באדייַטונג עס האָט פאר דער „יודענשטאט" די אָטעמ־פאוזע. ווער האָט געקענט פאריבל האָבנ אַפ די באוויינער פונ דער געטאָ פאר זייער גענִיסנ פונ דער פאוזע, פאר דולדנ דעמ יאָכ, פאר זייער ווארטנ, שווייַגנ אונ גלייבנ אינעמ לעבנ!

— נאָכ נישט, — האָט יאנ געענטפערט. — ס'איז נאָכ צו פרי. שפעטער. ווייסט דענ נישט, אז אלצ האָט זיכ זיינ צייט.

וואָלפ האָט זיכ לאנגזאמ אויסגעדרייט אפ אוועקצוגיינ.

— ווענ דו אונ די אנדערע וועלנ האלטנ, אז די צייט איז געקומענ, וועלנ מיר זיכ לייכט צונויפריידנ.

ער האָט זיכ געזעגנט, א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ אונ זיכ דערווייטערט.

יאנ אונ זיינע כאווײרימ האָבנ נאָכגעקוקט וואָלפנ. דער וועג איז שוינ געווענ פוסט. די מערהייט ארבעטער איז שוינ לאנג דורכגעגאנגענ דורכנ ייִדנ-טויער. איבער די שפיצנ ביימער זיינענ געהאנגענ דינע שטיקער נעפל. פונ דער קריסטנ-שטאָט האָבנ זיכ דערטראָגנ מילד-געדעמפטע גלעקער-קלאנגענ.

וואָלפ איז געגאנגענ ניט געאײלט, ניט אומקוקנדיק זיכ. דער אלצ געדיכטער ווערנדיקער נעפל האָט אימ ענדלעכ איינגעשלונגענ.

קאפיטל VI

1

געוויס איז דער אומגליק געשענ דערפאר, וואָס גערטרודע האָט זיכ ניט אָריענטירט אינעמ אָרט. דער אייבערשטער שטאָק פונעמ ווארשטאט איז נאָכ אלצ ניט געווענ פארענדיקט. אפ איינ לייטער האָט מענ געקענט גיינ, דער צווייטער איז געבליבנ ניט דערבויט.

גערטרודע איז געגאנגענ ברענגענ געצייג, וואָס איז געלעגנ אפנ אייבערשטנ שטאָק. אפ צוריקוועגס האָט זי אינ אײלעניש א טאָעס געהאט אונ האָט געעפנט ניט די טיר. אנשטאָט אראָפצולאָזנ זיכ מיטנ גאנגבארנ לייטער, איז זי אראָפגעפאלנ אינ אנ אָפגרונט. אפ איר געשריי זיינענ אָנגעלאָפנ א סאכ מענטשנ פונעמ ארבעטס-זאל. מע האָט זי געפונענ ליגנ א צעבלוטיקטע אפ א קופע ציגל אונ אײזנ-ברוכ. מע האָט איר אונטערגעבעט קליידער אונ ארבעטס-כאלאטנ.

אזוי איז זי בא א שאָ צייט געלעגנ, שטיל קרעכצנדיק, אפ אָט דעמ פרימיטיוונ געלעגער. מע האָט געשיקט אינ שטאָט אריינ נאָכ א דאָקטער. איר קאלכ-ווייס פאָנעמ איז ענלעכ געווענ צו א גיפס-מאסקע. נאָר אפ די ליפנ האָט געפינעט א שוימ.

פינפ אזייגער איז געקומענ דער דאָקטער. מארטע האָט אימ געהאָלפנ אויסטאָנ איר כאווערטע. דאָס באטראכטנ האָט געדויערט ניט לאנג. דער דאָקטער, אנ אוקראינער, האָט באדויערנדיק א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ.

— א בעקנ-בראָכ, — האָט ער אײַנגערוימט מארטענ אינ אויער, — נאָר אנ אָפּעראציע קאָנ עפּשער העלפֿנ.

בא יעדנ אָטעמ האָט גערטרודע געקרעכצט.

מארטע איז געשטאַנענ אפּ די קני לעבנ איר כאַווערטע, די אויגנ געווענדעט צו שילינגס קאבינעט, וווהינ עס איז ארײַנ דער דאָקטער.

ניט געקוקט אפּ דער סאקאָנע, האָבנ זיכ א טײל ארבעטער פֿארזאמלט פֿאר דער טיר אונ זיכ צוגעקוקט צו דעמ מענטשלעכנ קלומעק, וואָס איז, קוימ אָטעמענדיק, געלעגנ אינ פֿאָדער-צימער. דורכנ גלעזערנעמ דאכ זײַנענ די שטראלנ פֿונ דער באטאָגיקער זונ געפֿאלנ אפּנ בלייכנ פּאָנעמ פֿונ דער אומגליקלעכער.

פֿלוצעמ האָט גערטרודע אָנגעהויבנ ריידנ. זי האָט גערעדט צו אָפּוועזנדיקע, מעגלעכ — שוינ לאנג געשטאָרבענע. זי האָט אָנגערופֿנ נעמענ, וואָס קיינער פֿונ די אָנוועזנדיקע האָט ניט געקענט. אונ מיטאמאָל האָט זי גענומענ שרײַענ. זי האָט געשריענ אלצ העכער. איר קאָל האָט געקלונגענ איבער דער גאנצער פֿאבריק. די מענטשנ, וואָס האָבנ געארבעט, האָבנ אויכ געמוזט אוועקלייגנ די ארבעט. זיי זײַנענ אויכ צוגעגאנגענ צו דער טיר. זיי האָבנ עפּעס געמורמלט, אבי ניט שווײַגנ. זייערע פּנעמער זײַנענ געווענ ווײַס פֿאר שרעק.

גערטרודע איז אלצ מער ארײַנגעפֿאלנ אינ א פֿיבער-טראנס. עמעצער, האָט זיכ איר געדוכט, איז געקומענ צו איר, עמעצער, וואָס האָט מיט זײַנ אָנוועזנהײַט אלײנ געמאכט גרינגער. זי האָט מער ניט געקרעכצט אפֿילע.

דער דאָקטער, ווענ יאַנ אונ מארטע האָבנ פֿארשטעלט דעמ וועג, האָט דערקלערט קורצ, אז וועגנ אנ אָפּעראציע איז נישטאָ וואָס צו ריידנ. דער שעפּ האָט אָפּגעוואָרפֿנ יעדע דיסקוסיע וועגנ דעמ.

— וואָס זשע טוט מענ? — האָט יאַנ געפֿרעגט.

דער דאָקטער האָט א קוק געטאָנ אפּ יאַנענ. זײַנ בליק האָט אויסגעזאָגט דאָס, וואָס דאָס מויל האָט פֿארשוויגנ: מיט גערטרודענ איז אלצ געענדיקט. זי קענ שוינ מער קיינ נוצנ ניט ברענגענ, הייסט עס, אז דאָס איינציקע, וואָס זי קענ טאָנ, איז שטארבנ וואָס גיכער אונ אָנ לאנגע שיִעס.

באגלייטנדיק דעמ דאָקטער ביז דער טיר, האָט יאַנ א פֿרעג געטאָנ, צי איז נישט מעגלעכ איר צו מאכנ א מאָרפֿיומ-אײַנשפּריצונג. דער דאָקטער האָט זיכ צעלאכט. היגע דאָקטוירימ האָבנ ניט קיינ מאָרפֿיומ. זיי מוזנ נאָכ דעמ אָנקומענ צו די דײַטשנ. פֿאר קיינ ייִדישקע וועט מענ קיינמאָל קיינ מאָרפֿיומ ניט געבנ.

יאַנ האָט זיכ דאָכ נישט אָפּגעזאָגט פֿונעמ געדאנק עפּעס צו

טאָג פֿאַר גערטרודען. מ'האָט אים אַזוי לאַנג אײַנגערעדט, אַז ער קען באַם שעפּ פֿויגלען מער ווי אַן אַנדערער, אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבן צו גלייבן דעריין. ביז אָוונט־אַפּעל איז יאַן פֿלוצעם אַרויסגעטראָטן פֿון דער רײ. שילינג האָט געוואָרפֿן אויף אים אַ בייזן און צאָרנדיקן קוק. אַלע האָבן דאָך געוווּסט, אַז אַ ייִד האָט נישט קיין רעכט אַרויסצוזאָגן פֿאַרלאַנגען אָדער קלאָגן זיך אויף עפּעס.

יאַן האָט נישט באַמערקט שילינגס בליק. אָבער אַלע אַנדערע האָבן אים יאָ באַמערקט. די דרײַ הונדערט און אַכציק מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין די צוויי רייען, האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן איצט אַלע געוואָלט, ער זאָל שווײַגן, האָגאַם זיי האָבן געוווּסט, וואָס ער וויל זאָגן. יאַן האָט גענומען ריידן. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ געבראָכענער שטים האָט ער געבעטן, מע זאָל די פֿאַרוווּנדעטע אָפּשיקן אין אַ שפּיטאָל. דער קאָלעקטיוו וועט אָפּצאָלן פֿאַר דעם גנאָד מיט מער אַרבעט.

שילינגס קאָפּ איז געוואַקסן. שוין זשע האָט די פּיקציע פֿון גוטסקײַט געבראַכט דערצו, אַז די ייִדן זאָלן זיך האָבן דערלויבט אַ מין אופֿשטאַנד? ער האָט צונויפֿגעפּרעסט די ליפּן און געוואָרפֿן אויף יאַנען אַ בליק פֿול רעציכעדיקן צאָרן.

— ווו איז זי? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן באַהערשט.

יאַן איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר און זי געעפֿנט. שילינג איז לאַנגזאַם אַרײַנגעגאַנגען אין פֿאָדער־צימער.

דאָרטן האָבן די פֿרויען געהאַט אַרופֿגעלייגט גערטרודען אויף אַ טראָגבעטל און האָבן איצט געוואַרט אויף ווײַטערדיקע אָנווייזונגען. גערטרודען האָבן די באַוועגונגען פֿאַרשאַפֿט גרויסע ווייטיקן. פֿון אָנהייב האָט זי רעאַגירט דערויף מיט ווילדע געשרייען. ביסלעכווײַז איז דאָס געשריי אַריבער אין אַ קלאָגן פֿון אַ קליין און הילפֿלאָז קינד.

אין דעם מאָמענט איז אַרײַנגעקומען שילינג. דער ערשטער קאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ בייזן אײַנפֿאַל: אָפּשיקן די קראַנקע מיט דער ערשטער בעסטער באַשין צו דער סטאַנציע, זאָלן זיי דאָרט טאָן מיט איר, וואָס זיי ווילן. אָבער, דערזעענדיק אויף דעם טראָגבעטל גערטרודען מיט די פֿאַרגליווערטע שוואַרצאַפּלען און פֿאַרשמאַכטע ליפּן, איז ער געבליבן שטיין. אַ פֿינף סעקונדעס איז ער אַזוי געשטאַנען. גערטרודע האָט אים נישט דערקענט. די פֿרויען לעבן דעם טראָגבעטל האָבן מיט פּאַרטײַעטן אָטעם זיך צוגעקוקט צום אונטערדריקער. יאַן, בײַ דער טיר שטייענדיק, האָט אויך ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון שילינגען. הינטער אים איז געשטאַנען אַ טייל אַרבעטער.

שילינג האָט געקוקט אויף דער אומגליקלעכער, בײַס ער האָט זיך

אזוי צוגעקוקט צו דעם מיידל, וואָס איז געלעגן אַ צעקאַליעטשעטע אויפֿן ווײַסן לײַוונט, האָט ער, אומבאַגרײַפֿלעך פֿאַר זיך אַליין, דערפֿילט צו דער ליגנדיקער אַ שפּור מענטשלעכע באַציִונג. ער האָט זיך אַפֿילע אַליין געפּאַקט בײַ דער באַומרויִקנדיקער און אומגלייבלעכער קאָנסטאַטירונג, אַז ער האַלט אָט־אָט בײַם באַקומען מיטלייד צו דער אומגליקלעכער.

ער איז שיר-שיר ניט אַוועקגעגאַנגען. אָבער דאָ האָט ווידער אויפֿגעפֿלאַקערט זײַן צאָרן קעגן יאַנען. עס איז אים נאָך אַליין ניט קלאָר געווען, ווי ער זאָל באַשטראָפֿן די דאָזיקע אומפֿאַרשעמטע פּראָוואָקאַציע. פֿריִער פֿאַר אַלץ מוז ער אָבער אָננעמען אַ באַשלוס, וואָס צו טאָן מיט גערטרודען. עפּעס מוז געשען, און טאַקע גלײַך אויפֿן אָרט.

שילינג האָט אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער. דער יונג־אָוונט האָט געגלאַנצט איבער בערגלעך און דעכער. דער קלויסטער-טורעם האָט זיך דײַטלעך אויסגעטיילט אויפֿן בלויען הימל.

דער שעף האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, גלײַך ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט רופֿן צו אָרדענונג. אַרום איז געשטאַנען אַ טייל ייִדישע אַרבעטער און געוואַרט, שילינג זאָל ווייטער ווערן. שילינג האָט פֿעסט באַשלאָסן נישט צו ווערן ווייכער.

דאָס ווײַטערדיקע איז געשען אויסערגעוויינלעך שנעל. שילינג האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און איז צוגעגאַנגען נאָענט צום טראָגבעטל. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ געבײַלטע פֿויסט איבער גערטרודס שלייפֿן און האָט זיך אַ סעקונדע לאַנג נאָך ווי געקווענקלט. דערנאָך האָט מען באַמערקט אַ באַוועגונג פֿון זײַן ציַיג-פֿינגער.

עס האָט זיך דערהערט אַ הילך, אַ שטילערער, איידער מע שטעלט זיך געוויינלעך פֿאָר בײַ אַ שאָס. שילינג האָט צוריק אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע.

ער האָט געטראָפֿן גערטרודען פּונקט אין שלייף. מע האָט געזען, ווי זי האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. דאָס מויל האָט זיך שוין מער נישט פֿאַרמאַכט. פֿון דער נײַער וווּנד האָבן אַראָפּגעטריפֿט אַ פּאָר טראָפּנס בלוט.

שילינג איז שנעל אַרויס, נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם.

יאַן האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. קיינער פֿון די אָנוועזנדיקע האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט סימאָנס קאָל:

— וואָס ווילט איר? ער איז דען נישט געווען גענעדיק צו איר? קאָן מען דען פֿון זײַן אַלמעכטיקײַט מער פֿאַרלאַנגען? געלויבט זאָל זײַן שילינג, אונדזער גערעכטער האַר.

סימאָן האָט געלאַכט. זײַן געלעכטער האָט געקלונגען דין און

געשפּענסטיש. קיינער האָט נישט מיטגעלאַכט. דער גאַנצער אוילעם איז געבליבן שטום. מאַרטע האָט זיך אָנגעבויגן איבער גערטרודען, איר פאַרמאַכט דאָס מויל, צוגעמאַכט די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך מיט א געיאָמער א וואָרף געטאָן אפן טראָגבעטל.

גערטרודעס פּאָנעם האָט אויסגעזען געלייטערט. עס האָט אויסגעדריקט קימאַט דאַנקבאַרקייט.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך יאַנ. ער האָט אָנגענומען די פאָדערשטע הענטלעך פונעם טראָגבעטל, צוויי פרויען האָבן אָנגעכאַפּט די הינטערשטע צוויי, און אַזוי האָט מען זיך אוועקגעלאָזט דורכן פאָדערצימער, דורכן הויף, דורכן טויער — פונעם וואַרשטאַט אַרויס. עס איז געווען א לעווייע, ווי אַלע לעווייעס. נאָך דער מיטע זיינען נאָכגעגאַנגען שווייגנדיקע מענטשן.

די מיטע האָט מען אוועקגעשטעלט אין הויף פון די צוויי שטיבלעך. א סאַך מענטשן זיינען געקומען א קוק טאָן אפ דער טויטער. מע האָט זי באַדויערט, — נעבעך אַזוי יונג. ערשט איצט האָט מען דערזען, ווי שיין עס איז איר פּאָנעם. די הויט איז געווען אומענדלעך צאַרט. די נאָז האָט געהאַט א וווּנדער-שיינע פאָרם. דאָס מויל האָט ליידנשאַפטלעך געשמייכלט. אפילו די וווּנד אין שלייף האָט אויסגעזען מער ווי א ראָזער פלעק, א האַלב פאַרדעקטער מיט די צעלאָזענע האָר. מע האָט אָבער אויך געזען די קליינע פאַרהאָרעוועטע הענט מיט די האַלב פאַרהיילטע ווונדן און די לאַנגע פינגער מיט די בלוי־פאַרלאָפענע נעגל.

די מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען, געקוקט אפ דער טויטער און געטראַכט וועגן זייער אייגענעם גורל. די אָטעם-פּאַוזע האָט זיך געענדיקט. זיי האָבן ווידער דערפילט די אַלטע, טעמפּע אומזיכערקייט.

דאָס איז עס געווען די גאַנצע האצלאָכע? מעגן אַרבעטן מיט די לעצטע קויכעס? מע איז געווען ווי א שטיקל געצייג, וואָס קאָסט אַזוי ביליק, אז סע לוינט עס נישט צו פאַריכטן. ווערט עס צעשעדיקט, פאַרשאַפט מען זיך א צווייטס. וואָס נוצט עס שיין צו זיין? די דאָזיקע באַרבאַרן זעען נישט קיין שיינקייט. פאַר זיי איז א ייִד נאָר א פאַרהאַסטע און מינדערווערטיקע באַשעפעניש. וואָס שענער זי איז געפורעמט, אַלץ גרויזאַמער ווערט זי אויסגעראָטן.

קוקנדיק אפ גערטרודען, האָבן די מיידלעך באַוויינט זייער אייגענעם גורל. שטייענדיק לעבן דער טויטער, האָבן זיי געזען זיך אַליין. זיי האָבן דען נישט געוווּסט, אז זייער לעבן געהערט צו פרעמדע?

יאַנאַס דער „יודענראַט" איז געשטאַנען לעבן דער טויטער און באַטראַכט גערטרודעס פּאָנעם. ווען זי וואָלט בלויז געשלאָפן, וואָלט

יאָנאסן געקומען אפן זינען דער פּאָסעק פון שיר-האשירים: „איך באשווער אײַך, טעכטער פון ירושלאַיִם, וועקט נישט מײַן פרײַנדן".

די צארטע אש-בלאָנדע האָר און די אָפּענע ליפּן האָבן אים דער-מאָנט אין די ווײַטערדיקע פּסוקים: „דײַנע האָר זײַנען ווי א סטאדע ציגן, וואָס לאָזן זיך אראָפּ פונעם בארג גילאָד. דײַנע ציין זײַנען ווי שעפּעלעך, פריש געשאָרן, ערשט פון טײַך ארויס. צווילינגען זײַנען זיי און קיינס פעלט ניט".

וואָס פאר א שײַכעס האָט אָבער שיר-האשירים מיט טויטע! אויך יאָנאס האָט געוווסט, וואָס סע קומט פון אים ארויס זײַן מײַעסטעט דעם טויט. קוקנדיק אפ דעם שוואכן שמייכל, וואָס האָט געשוועבט איבער דער טויטערס מויל, האָט יאָנאס געמאכט די אלטע יידישע בראָכע: באָרוך דאיאָן עמעס.

דער שמייכל איז אלץ ניט פארשווונדן פון גערטרודעס פוידלעך און רויִק פּאָנעם.

2

— דו טרויערסט צופיל, — האָט יאָן געזאָגט צו מארטען אין א וואָך ארום נאָך גערטרודעס לעווײַע. — איך ווייס, אז ס'איז שווער. זי איז דיר געווען ווי א שוועסטער. וואָס פאר א באַדײַטונג האָט אָבער אן איינציקע פערזאָן, אפילע א שוועסטער?

— ביסט גערעכט, — האָט מארטע געענטפערט, — וואָס איז איי-נער אין פארגלײַך מיט אלע? איך טרויער אָבער ניט בלויז איבער גער-טרודען. איך האָב דאָס געפיל, אז כ'האָב אלע פארלוירן. זיי זײַנען מער נישט מיט אונדז. זיי זײַנען אריבערגעלאָפן אפ שילינגס צאד. זיי האָבן זיך אים פארקויפט פאר טרינק-געלט.

— דו ביסט צו שטרענג, — האָט יאָן איבערגעריסן. — קיינער טאָר אפ זיי קיין פאריבל ניט האָבן, וואָס זיי ווילן די גוטע באציִונגען מיט שילינגן ניט פאטערן.

— גוטע באציִונגען? — האָט אויסגעשריִען מארטע. — גערטרודעס דערמאָרדונג איז אויך א צייכן פון די גוטע באציִונגען צווישן שי-לינגן און דעם קאָלעקטיוו?

יאן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— שילינגן קאָן מען מיטן האנט ניט אוועקמאכן. פאר דיר א ז ער נישט בעסער, ווי יעדער אנדער מערדער, זיי אָבער געפינען אײַן, אז ער באשיצט זיי פונעם ערגסטן. דו באטראכטסט שילינגן פאר א סוינע, זיי קוקן אויף אים אָנדערש. און פארוואָס זאָלן זיי ווערן עני-דערן א צושטאנד, וואָס פארלײַכטערט זיי דאָס לעבן?

— מיט צוויי כאַדאָשימ צוריק האָסטו אנדערש גערעדט. — מאַר-
טעס קאָל האָט געקלונגענ מיט פאָרוואורפ.

— עמעס, — האָט יאַנ מוידע געווענ, — צוריק מיט צוויי כאַדאָ-
שימ האָב איכ נאָכ נישט געוווסט, ווי אקשאָנעסדיק אונ שטארק
ס'איז די מענטשלעכע נעשאָמע. וויַאזוי מע זאָל זי נישט טרעטנ,
איז גענוג דער קלענסטער ליכטיקער שטראל אונ זי ווערט אופגע-
ריכט. עס איז עמעס: גערטרודע איז טויט. זיי אָבער לעבנ אונ אַר-
בעטנ. קאָנסטו זיי באשולדיקנ דערפאר, וואָס זיי פארגעסנ איר
אומגליק?

— אונ דו? — האָט מארטע סארקאסטיש געפרעגט. — דו ווילסט
זיי העלפנ פארגעסנ?

— געוויס. אויב ארבעט וועט זיי אזוי לאַנג איפהאלטנ, ביז די
רעטונג וועט קומענ.

— אונ איכ גלייב נישט אינ קיינ רעטונג, — האָט געזאָגט מארטע.

עס איז געווענ פארשטענדלעכ, פארוואָס מארטע גלייבט נישט
אינ קיינ רעטונג. זי איז געווענ די איינציק לעבנגעבליבענע פונ א גאנצער
מישפאָכע. די פרייַנטשאפט מיט גערטרודענ האָט א שיינ געטאָנ אונ
ליכטיק געמאכט איר פינצטער לעבנ. זי האָט ווייַטער געהאט צוליב
וואָס צו לעבנ. איר כאַווערטע, פונ איינ עלטער מיט איר, איז אָבער
געווענ ווייניקער פארהארטעוועט אונ האָט זיכ גענייטיקט אינ הילפ.
צומאָל פלעגט זיכ מארטענ דוכטנ, אז זי האָט קיינעמ קיינמאָל ניט
אזוי ליב געהאט, ווי גערטרודענ. ווענ גערטרודע פלעגט זיכ לייגנ
שלאָפנ, פלעגט זי שאָענווייַז זיצנ לעבנ איר אונ אייַנהערנ זיכ צו
אירע גערדאנקענ, ביז יענע פלעגט ניט אנשלאָפנ ווערנ.

איצט האָט זי געפילט ווייניקער פארביטערונג איבער דעמ, וואָס
שילינג האָט געהארגעט גערטרודענ, ווי טרויער איבער דעמ, וואָס די
מענטשנ האָבנ אזוי לייַכט פארגעסנ אָנ דער געשעעניש אונ זייַנענ
אריבער צו דער טאָג-אָרדענונג.

שילינג האָט דענ געשאָסנ נאָר אינ גערטרודענ? דאָס איז דענ
ניט געווענ קיינ שאָס אינ אלעמענס שלייפנ? איז דענ גערטרודע
נישט קיינ קאָרבנ פאר אלע?

אונ דאָכ איז נאָכ דער נעבעכדיקער לעווייַע, צו וועלכער עס
זייַנענ געקומענ קוימ א פאָר טוציג מענטשנ, אלצ אוועק ווי פריער, גלייַכ
ווי גאָרנישט וואָלט נישט געשענ. אינ די ליכטיקע נעכט איז מענ
געזעסנ אינ די שטיבער אונ געקוקט אפ די שטערנ. איז די נאכט
געווענ א קילע, אונ די שטערנ האָבנ אויסגעוויזנ נאָענט, האָט מענ
שוינ מער קימאט קיינ שומ פארלאנגענ ניט געהאט. מע איז געלעגנ,

געזעסנ, אויסגעצויגנ די גלידער. מע האָט געשמייכלט אונ האנאָע געהאט פונעמ שלאָפ.

אונ ס'איז געווענ אָוונט, אונ ס'איז געוואָרנ טאָג. יעדער טאָג האָט איבערגעכאזערט דעמ נעכטיקנ. מענטשנ האָבנ געארבעט אונ קימאט פארגעסנ, אז זיי זײַנענ געפאנגענע. עס איז געוואָרנ בא זיי א געוווינהײַט.

מארטענ איז עס געווענ אומדערטרעגלעכ. צוליב וואָס האָבנ מיליאָנענ געליטנ? פאר וועמענ איז געשטאָרבנ גערטרודע? מיט דער אייגענער דערווידעריקונג האָט מענ פארשעמט די טויטע.

מארטע האָט פײַנט באקומענ אירע מיטארבעטער. זי האָט זיי ניט פארגונענ זייער רו! זי האָט געזענ בעכוש, ווי דאָס טאָגטעגלעכע לעבנ פארסאמט זייערע נעשאָמעס. איז דענ נישטאָ קיינ מיטל קעגנ דער גלײַכגילטקײַט? עס מוז מיט זיי פאָרקומענ עפּעס אזוינס, אז זיי זאָלנ ווערנ צוריק דאָס, וואָס זיי זײַנענ געווענ פונ אָנהייב אָנ: א קאָלעקטיוו פונ טויט-פארורטיילטע!

קאפּיטל VII

1

אינ איינעמ א טאָג האָט שילינג באקומענ דרײַ וואָכנ אורלויב. זײַנ איינציקנ זונ האָט מענ געבראכט פונ מיזרעכ-פראָנט א שווער פארווונדעטנ.

בײַ שילינג האָט זיכ געדרייט אינ וועג ארײַנ, איז אראָפּגעקומענ זײַנ צײַטווײַליקער פארטרעטער ערענפריד בריגאָלא.

שילינג האָט געגעבנ קורצע אָנווײַזונגענ. נאָכ קלענער ווי שילינגס אינטערעס צו געבנ אָנווײַזונגענ, איז געווענ בריגאָלאס אינטערעס צו באקומענ זיי. אז סאכאקל דארפ ער דאָ זײַנ פיר וואָכנ. וואָס קאָנ ער דאָ אופטאָנ? בריגאָלא האָט זיכ געקליבנ טאָנ נאָר דאָס סאמע נויטווענדיקע.

ווי נאָר דער נײַער שעפ האָט צומ ערשטנ מאָל זיכ באוויזנ באמ אפּעל, האָבנ זיכ אלע דערפילט ווי געבונדנ דורכנ קויעכ פונ זײַנ סינע.

בריגאָלא איז געשטאנענ אונ לאנג באטראכט די צוויי שערענגעס מענטשנ. ער האָט נאָכ קיינמאָל ניט געהאט אונטער זײַנ הערשאפט אזויפיל מענטשנ.

לאַנג האָט ער באַ זיך ניט געקאָנט פּויעלן געבן דעם צייכן, אַז מע מעג שוין גיין. ווען ער האָט שוין דעם צייכן געגעבן, זײַנען אַלע אַוועק צו דער אַרבעט מיט העלפּט קויעך ווי פריִער.

מע האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס בריגאָלאַ איז דאָ נאָר צײַטווײַליק. אָבער די טרייסט איז געווען אַ קנאַפּע. דערווײַל האָט מען זיך געמוזט דאָפּלט אָנשטרענגען, קעדיי ביכלאַל צו קאָנען אַר־בעטן אין זײַן אָנוועזנהייט. אָבער וויפל מע האָט זיך נישט אָנגע־שטרענגט, האָט מען נישט געקאָנט דערגרייכן די פריִערדיקע אויס־אַרבעטונג.

אין זײַן יוגנט האָט בריגאָלאַ לעבן דער שטאָט קאַרלסבאַד גע־יאַרשנט אַ גוט. דער גוט האָט געהאַט אַף זיך אַן אַ שיר כויוועס. אַ יאָר צען האָט בריגאָלאַ געפירט אַ קאַמף קעגן די קרעדיטאָרן און סאָפקאָלסאָף פאַרלאָרן דעם פּראָצעס.

ער האָט געפּרוווט ניט דערלאָזן אויספילן דעם אורטייל, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. באַלד זײַנען בריגאָלאַס ביכער און פאַ־מיליען־בילדער, זײַן וואָפן־קאָלעקציע און זײַן גוט פאַרקויפט געוואָרן פון אַאוקציִאָן.

בריגאָלאַ האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך געווענדט צו ווינקל־אַדוואָקאַטן. ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן אַן אָביעקט פון שפּאָט און מיטלײַד. מע האָט זיך שמייכלענדיק צוגעקוקט דערצו, ווי ער נעמט זיך ווידער און ווידעראַמאָל מיט אומגעהייער געדולד צו זײַן אָפּגעטראָגענעם פּאָרטפעל מיט די דאָקומענטן און שלעפּט אַרויס פון דאָרט צעקנייטשטע און פאַרגעלטע פּאַפּירן מיט זײַנע רעכט און פּרעטענזיעס.

אין איין שיינעם טאָג האָט זיך מיטן איניען פאַרינטערעסירט די סודעטן־דײַטשישע פּאַרטיי און האָט גענומען אויסנוצן דעם פאַל בריגאָלאַ. בריגאָלאַ האָט שוין איצט ניט געפירט קיין קאַמף קעגן סטאַם קעגנער, ער האָט מילכאָמע געהאַלטן בלויז קעגן יִידישע אַד־וואָקאַטן און ריכטער.

פון אַ קאָמישער פיגור האָט ער זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ העלד פון אַ לעגענדע. ער איז געווען אַי אַן אָנקלאָגער אַי אַ לעבעדיקער איידעס. זײַן סינע איז געוואָרן אַ באַוועגנדיקע קראַפט. זײַן ליידנס־געשיכטע איז געוואָרן אַ מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע. מע האָט שוין מער ניט כויזעק געמאַכט איבער אים. ער פלעגט זיצן באַ דער רעכטער זײַט פון דעם פאָרזיצער אַף פאַרזאַמלונגען. מע האָט אַף

אימ אָנגעהויבנ, נעמט ער דאָס וואָרט, הערט מענ אימ מיט טיפנ דערעכערעצ.

אנדערע האָבנ זיכ ערשט געמוזט לערנענ די מעלאָכע פונ האסנ. בריגאָלא האָט עס נישט באדארפט. די ליידנ אונ שפּאָט, וואָס ער האָט איבערגעטראָגנ, האָבנ בא אימ ארויסגערופנ דעמ פארלאנג צוזוענ פרעמדנ פּײַנ. אכזאָריעס איז געוואָרנ א טייל פונ זײַנ לעבנ.

נאָכדעמ ווי די סודעטנ זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אינ דײַטשישנ רײַכ, האָט בריגאָלא פארלוירנ א טייל פונ זײַנ קראפט. ער האָט זײַנס אָפּגעטאָנ. די פראָפּאגאנדע האָט זיכ אינ אימ מער נישט גענייטיקט. מאכמעס עפּעס א פיזישנ פעלער האָט ער צו מיליטערדינסט ניט געטויגט. אזוי אז ער האָט זיכ געמוזט זוכנ גליקלעכ, ווענ די גענעראל־גובערנאטאָרשאפט אינ פוילנ האָט אימ ארויסגערופנ אפ ארבעט אינ דער וואָפנ־אינדוסטריע. בריגאָלאס שוואכע אדמיניסטראטיווע פייִקײַטנ האָבנ אָבער ניט געקענט קאָמפּענסירנ אפילע זײַנ איבערגעטריבענע טרײַשאפט. אלעמאָל האָט ער געמוזט אָפּטרעטנ זײַנ אָרט אנ אנדערנ. אינגיכנ איז ער געוואָרנ איינער פונ די, מיט וועלכע מע פארשטעקט אלע לעכער. אונ מאכמעס דעמ, וואָס צו דער צײַט, ווענ שילינג האָט געקריגנ אורלויב, איז בריגאָלא געווענ פרײַ, האָט מענ אימ אוועקגעשטעלט אלס יענעמס צײַטווײַליקנ פארטרעטער.

בריגאָלא האָט ניט געהאט דאָס רעכט צו מאכנ וועלכע־ניט־איז ענדערונגענ אינ דער ארבעט־סיסטעמ, אינעמ צוזאמענשטעל פונ די ארבעט־גרופּעס. ער האָט עס אפילע ניט געפּרוווט טאָנ. פונ לעכאטכילע אָנ האָט ער געשפּילט די ראָליע פונ א שטומענ צושויער.

אָבער שוינ זײַנ שטומ בײַזײַנ איז געווענ אינ א גרויסער מאָס א פּײַניקונג. זײַנ זאכ איז געווענ — געבנ באשטימטע טעכנישע אָנווײַזונגענ. פלעגט ער עס טאָנ מיט אָנ א שיר קאלטנ כויזעק, שטעכיקע פאָרווורפנ אונ פארשטעלטער דראָונג. ער האָט געשטערט ארבעטנ אונ אינ דער זעלבער צײַט געזידלט פאר דער הינטערשטעליקײַט. ער האָט געליימט אונ געטריבנ פאָרויס. געצוווּנגענ צו מאכנ א שפּרונג פאָרויס אונ א שפּרונג צוריק, געהייסנ צעשטערנ דאָס געמאכטע אונ צוריק אופשטעלנ דאָס צעשטערטע. געפלאָכטנ נעצנ אונ געמאכט כויזעק איבער יענע, וועלכע זײַנענ ארײַנגעפאלנ.

ער האָט קיינמאָל ניט דערלאנגט דעמ זעצ מיטאמאָל, נאָר ביסלעכווײַז. צאפּלענדיקע קאָרבאָנעס — דאָס איז געווענ זײַנ פארגעניגנ. פארווונדנ דארפ מענ נאָר בעהאדראָגעדיק. ווי לאנג דער קאָרבנ רירט זיכ נאָכ, איז נאָכ פרי צו דערלאנגענ דעמ לעצטנ קלאפּ.

צומ סאָפ פונ דער צווייטער וואָכ פונ בריגאָלאס צײַטווײַליקער מעמשאָלע זײַנענ אלע ארבעטער געווענ אויסגעשעפּט.

ווי נאָר בריגאָלאַס שאָטנ פאַלט איבער זייער ווערקשטעל אָדער מאַשינ, בייגט מענ זיכ אײַנ נאָכ טיפער איבער דער ארבעט. אמליבסטנ וואָלט זיי געווענ, ווענ זיי קענענ ארײַנקריכנ אינעם ווערקשטעל אָדער אינ דער בויער-מאַשינ.

בריגאָלא קומט צו נעענטער, באַטראַכט די ארבעט, דערוויסט זיכ וועגנ דער אויסאַרבעטונג אונ טאַדלט קאַלט אונ שאַרפ.

שילינג, דער אָפּוועזנדיקער שעפ, איז געוואָרנ א מינ אידעאַל. אפ ווי ווײַט א סוינע קאָנ זײַנ גוט, איז שילינג געווענ א גוטער אונ דערטרעגלעכער סוינע. אינ דער מאָס, אינ וועלכער אנ אופזעער פונ א טפיסע קאָנ געווינענ די סימפּאַטיעס פונ די ארעסטירטע, זײַנענ די סימפּאַטיעס פונ די ווארשטאַט-ארבעטער געווענ אפ זײַנ זײַט.

סאַראַ גליק דאָס איז געווענ צו האָבנ איבער זיכ פאַר א באַלעבאָס אזא מענטשנ. מע האָט שטענדיק געוווּסט, ווו מע האַלט מיט אים. שטענדיק דער זעלבער. שווער, אָבער נישט קאַנטיק. א דריקנדיקע, נאָר א טראָגבאַרע לאַסט.

מע האָט געבעטנ גאָט, שילינג זאָל וואָס גיכער קומענ צוריק.

2

איז אָבער גאָט געווענ טויב צו זייער טפילע.

אפנ צוואַנציקסטנ טאָג נאָכ שילינגס אָפּפאָרנ האָט זיכ פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז ער וועט זיכ נישט אומקערנ. ווירקלעכ, שילינג האָט אינ דער היים, אינ מאַרקטרעדוויץ, געכאַפּט א פּאָפּלעקציע.

אז יאָנאַס האָט, צוריקקומענדיק פונ קרײַז-אַמט, באַשטעטיקט די ידיעה, איז דעמ אוילעמ באַפאַלנ א שרעק.

נאָכ דער קורצער אָטעמ-פּאַוזע האָט זיכ אפ זיי אויסגעגאָסנ א דאָפּלט-שווערער אומגליק. באַטויבנדיקער אימרו האָט אָנגעפילט זייערע קערפּערס פונ די שלייפנ ביז די שפּיצ פינגער.

— מיר האָבנ געזינדיקט, — האָבנ קימאַט קלאַנגלאָז געשעפּטשעט זייערע ליפּנ. — הער אונדז אויס, טאַטע זיסער! מיר זײַנענ אפ דײַנע געבאָטנ איבערגעגאַנגענ, האָב ראַכמאָנעס, טאַטע-פּאָטער, האַר אינ הימל! מישפּעט אונדז נישט צו שטרענג.

אינ וואָס איז אָבער באַשטאַנענ זייער פאַרברעכנ? מיט וואָס האָבנ זיי זיכ אזוי פאַרזינדיקט?

לוריע האָט זיי אויפגעוואָרפנ זייערע כאַטאָיִמ. ווי שווער די שטראָפ זאָל נִיט זײַנ, האָבנ זיי זי פאַרדינט.

זיי האָבנ אראָפּגעלאָזנ די קעפּ. גאָט האָט אויסגעגאָסנ אפ זייע-

רע קעפ זײַנ צאָרנ. ער האָט ניט קײנ ראכמאָנעס. ער האָט בא זײ צוגענומענ דעמ אופזעער, וואָס האָט זײ געשלאָגנ מיט ריטער, אונ האָט אוועקגעזעצט א טאליענ, וואָס וועט זײ שמײַסנ מיט סקאָרפּיאָנענ.

די יונגע אָבער האָט עס מיטאמאָל אופגעוועקט פונ הינערפלעט צומ פולנ באוווסטזײַנ. זײ האָבנ זיכ דערמאָנט אינ פארגעסענע פלענער, באהאלטענע פלוגבלעטלעכ, אינ די נעמענ פונ די פארטיליקטע קעהילעס, אינ די ערטער, ווו עס געפינענ זיכ די טויט-פאבריקנ.

מארטע, וואָס האָט זיכ צוגעקוקט צו יונג אונ אלט, צו פרומ אונ אומגלײביק, האָט מיט ברענענדיקער באפרידיקונג נאָכגעפאָלגט, ווי די איליוזיעס ווערנ צעדונענ. די גאנצע האָפענונג אפ כעסעד דורכ האכנאָע אונ ארבעט איז פארשווונדנ. דער נײַער געצ האָט שוינ פארלאנגט ניט קײנ האכנאָע, ער האָט באגערט מענטשלעכע קאָרבאָנעס.

אפ מאָרגנ, ווענ די ארבעטער זײַנענ געשטאנענ בא דער ארבעט מיט א שווער געמיט, האָט מענ דערזענ מענטשנ אינ פרעמדע אוניפאָרמענ דורכגײנ דורכ די צימערנ אונ זאלנ. בריגאָלא האָט זײ געפירט אונ שטיל געגעבנ דערקלערונגענ. עס איז געווענ קלאָר, אז ער באמיט זיכ צו באווײַזנ זײַנ פײיקײַט זעלבשטענדיק אָנצופירנ מיטנ ווארשטאט.

די פרעמדע האָבנ אויסגעהערט, געמאכט נאָטיצנ. אפ די ארבעטנדיקע יידנ האָבנ זײ ניט געלײגט קײנ שום אכט. זײערע אויגנ האָבנ געקוקט דורכ די יידנ ווי דורכ גלאָז. אינ א האלבער שאָ ארומ האָבנ זײ פארלאָזנ די ארבעט-זאלנ אונ, קוקנדיק גלײַכגילטיק אונ שטײַפ, פארשווונדנ אינ בריגאָלאס קאנצעליאריע. ארומ מיטיקצײַט האָט מענ געהערט, ווי זײער מאשינ איז אָפגעפאָרנ.

צומ אָוונט-אפעל איז מענ געגאנגענ אינ הוילער ציטערניש. דער סיגנאל איז געגעבנ געוואָרנ צו דער צײַט. מע האָט זיכ האסטיק אויסגעשטעלט אינ צוויי רײענ, לינקס די פרויענ, רעכטס — די מענער.

בריגאָלא איז ארײַנגעקומענ, זיכ געשטעלט אינמיטנ זאל. לאנג האָט ער געבלאָנדזעט מיט זײַנ בליק איבער די רײענ.

צומ ערשטנ מאָל איז ער געשטאנענ אלס ווירקלעכער באלעבאָס איבער א קאָלעקטיוו פונ קאָרעוו פיר הונדערט מענטשנ. אלע האָבנ באמערקט זײַנ צופרידנקײַט. ער האָט זי גאָרנישט געפרווט צו באהאלטנ. אפ זײַנ פּאָנעמ האָט זיכ אויסגעגאָסנ א צופרידנ שמײכעלע. זײַנע ליפנ זײַנענ אָבער געבליבנ שטומ. ער האָט געהאלטנ פאר איבעריק עפעס צו זאָגנ.

דערפאר האָבנ גערעדט זײַנע אויגנ.

„היי, איר דאָרט, — האָבנ זײ געזאָגט, — איר דאָרט, אזויגערופע-

נע ארבעטער, איר ווייסט דאָכ גוט, אז פונ הײַנט אָנ בינ איכ באַ־לעבאָס. שוינ לאנג צײַט געווענ. איר האָט בא שילינגנ א צו גוט לעבנ געהאט. איצט נעמט דערצו א סאָפ".

די פענעמער פונ די ארבעטער זײַנענ געווענ פארגליווערט ווי אײַז.

דער נײַער שעפ האָט זיי נאָכ א פאָר מינוט געפרעסנ מיט די אויגנ. דערנאָכ האָט ער קורצ אונ מיט א מיליטערישנ טאָנ באפוילנ:

— פאנאנדערגיינ זיכ.

קאפיטל VIII

1

בריגאָלאס ערשטער אופטו איז געווענ אײַנפירנ א נײַע ארבעטס־אָרדענונג. נישט נאָר די שטראָפנ זײַנענ געוואָרנ גרעסער, עס איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל פאלנ, פאר וועלכע סע קומט שטראָפ. פונ איצט אָנ איז מענ באשטראָפט געוואָרנ, אפילע אויב די פראָ־דוקציע פונ דער לעצטער וואָכ איז געווענ גרעסער, ווי די פראָ־דוקציע פונ דער פארגאנגענער... פאר יעדנ איינציקנ זײַנענ געווענ פאראנטוואָרטלעכ אלע, דער גאנצער קלאל.

דאָס ערגסטע איז געווענ דאָס, וואָס די נאָרמע האָט געמוזט שטײַגנ פונ וואָכ צו וואָכ. דער קאָנטראָל־זייגער, מיט וועלכנ שי־לינג האָט אזוי אָפט מיסברויכט, האָט זיכ אינ בריגאָלאס הענט פאר־וואנדלט אינ אנ אינסטרומענט פונ פײַניקונג.

יעדע באוועגונג פונ דער האנט האָט געהאט איר צײַט־טאריפ, וועלכער האָט אראָפגעוואונקענ פונ דער וואנט. דער טאריפ איז גע־ווענ אויסגעדריקט אינ סעקונדעס אונ אינ טיילנ סעקונדעס. א יעדנ טאָג האָט דער זייגער געשוועבט איבער אנ אנדער גרופע. מע האָט נית געהערט קיינ שום אָנווײַזונגענ, מע האָט נאָר געהערט דאָס אומופ־הערלעכע טיקענ פונעמ קאָנטראָל־זייגער, געזענ די באוועגונגענ פו־נעמ סעקונדע־ווײַזער.

שטיל אונ קוים צו הערנ איז אויכ געווענ בריגאָלאס קאָל, אָבער ווי איז געווענ צו דעמ, וואָס האָט עס נישט דערהערט. עס האָט גערעדט נאָר פונ נישט גענוגנדיקער ארבעט, פונ שווערע שטראָפנ.

אלדאָס איבעריקע האָבנ געדארפט דערליידיקנ די צענ אויסגע־ווילטע יידנ — „פאָרמענער". יעדנ אינדערפרי פלעגנ זיי באקומענ שריפטלעכע אינסטרוקציעס. זיי האָבנ באדארפט באקענענ מיט זיי די

אַרבעטער אונ האָבנ געטראָגנ די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַרנ פינקט-לעכנ אויספילנ זיי.

זיי האָבנ נישט געהאַט קיינ צייַט צו ריידנ מענטשלעכ מיט זייערע אַרבעט-גרופּעס. זיי האָבנ באַדאַרפט פּראַקטיש אָנווענדנ דעמ געוואַלט, וואָס איז געגאַנגענ פונעמ שעפ. זיי האָבנ געפּאָכעט מיט דער בייַטש אונ אַלס לוינ באַקומענ די סינע פונ די, איבער וועלכע מע האָט זיי אַוועקגעשטעלט.

די פייַנטלעכקייַט צו וואָלפנ איז פאַרשוואונדנ. איצט האָט מענ געהאַט אַנדערע צענ, וועמענ פייַנט צו האָבנ. ווי נאָר דער „פּאָר-מאַנ" האָט זיכ אומגעקערט אינ דער „יודענשטאַט" אַרייַנ, איז ער געוואָרנ אויס מאַכט. אַלע יענע, וואָס האָבנ זיכ באַטראַכט פאַר באַ-אוולטע, האָבנ זיכ געווענדט קעגנ אימ. עס זייַנענ שוינ מער נישט געווענ קיינ פרידלעכע אָוונטנ אינ דער „יודענשטאַט". מענער אונ פרויענ פלעגנ באַפאַלנ איינע די אַנדערע מיט נעגל אונ ציינ. פונ די ענגע געסלעכ האָבנ זיכ געטראָגנ ווילדע געשרייענ. צווישנ די אייַנ-וווינער האָט געהערשט ביטערע סינע אונ אומצוטרוי.

אַ שטריק איז געווענ פאַרוואָרפנ אַרומ זייער האַלדז אונ האָט זיכ פאַרצויגנ אַלץ ענגער.

אויב אַלע האָבנ געליטנ פונ בריגאָלאַס הערשאַפט, האָט עווע דערצו נאָכ געליטנ פונ איר שוואַנגערשאַפט... אינ דער ערשטער מינוט איז זי געווענ איבערצייַגט, אַז באַ אַזאַ שווערער אַרבעט, ווי אירע, וועט די פרוכט, וואָס זי טראָגט אינ איר לייַב, ניט קענענ צייַטיקנ. אָבער וואָכנ זייַנענ געגאַנגענ, אונ זי האָט נישט מאַפּל געווענ.

איר פאַרצווייפלונג איז געוואַקסנ פונ טאָג צו טאָג. דאָס, וואָס האָט געצייַטיקט אינ איר לייַב, האָט נישט נאָר נישט געהאַט קיינ שומ אויסזיכטנ אַפ לעבנ, עס וועט נאָכ ברענגענ אויכ איר, אויב ס'וועט וואַקסנ ווייַטער, זיכערנ טויט.

אינ איינ שיינעמ טאָג וועט דאָכ בריגאָלאַ באַמערקנ איר צו-שטאַנד. בריגאָלאַס אָנראַכמאָנעסדיקע אויגנ וועלנ זי באַטראַכטנ מיט שפּאָט, אונ אַפ מאָרגנ וועט זי שוינ שטיינ אַפ דער פראַכט-סטאַנ-ציע אינ ר. אונ זיכ גרייטנ צו יענער געהיימניספולער רייַזע, פונ וועלכער קיינער איז נאָכ קיינמאָל צוריק ניט געקומענ.

עווע האָט געאַרבעט אינ דער קוזניע אונ האָט געפּאָכעט מיט שווערע האַמערס. פונדעסטוועגנ איז דאָס קינד אינ איר געוואַקסנ. איר האָפענונג איז פאַרשוואונדנ. זי האָט מיט קיינעמ נישט געקענט

ריידן וועגן דעם. עס האָט נישט געהאַט קיין שום זין צו פאַרטרויען דעם סאָד דעם פאָטער פונעם קינד. ער איז געווען א סאך וויני- קער שולדיק, ווי זי. קיין זאך האָט זי מיט אים נישט פאַרבונדן.

דער דרוק, וואָס האָט זי באלעסטיקט, איז געווען שווערער ווי בא די אנדערע. דאָס, פאַרוואָס אנדערע האָבן געציטערט, האָט מען עפשער געקענט אויסמײַדן. אָבער איר איז גענוג געווען א קוק צו טאָן אפן קאַלענדאר, זי זאָל אויסרעכענען, ווען דער אומגליק וועט אָנקומען.

וואָס מער זי האָט זיך איבערצײַגט, אז די שוואַנגערשאַפט ברענגט איר דעם טויט, אלץ גיריקער האָט זי זיך געקלאַמערט אין לעבן. זי האָט זיך נאָך אלץ געוואָלט אײַנריידן, אז בא אזא שווערער ארבעט קען דאָס קינד נישט וואַקסן און לעבן. ווען זי פלעגט אָבער בא- נאכט צולייגן א פינגער צום בויך, פלעגט זיך איר דאכטן, אז זי הערט, ווי דאָס קינד וואַקסט. מעגלעך, אז ס'איז שוין פאַראַן א קערפערל מיט א האַרץ, וואָס קלאַפּט... זי איז שאָענוויַז געלעגן מיט א פאַרטײַעטן אָטעם, געוואָלט פאַרנעמען דאָס דאָזיקע קלאַפּן. גע- הערט האָט זי אָבער בלויז דאָס פאַרטויבטע קלאַפּן פונעם אייגענעם אופגערעגטן האַרצן.

עווע האָט נאָך אלץ געטראַכט, אז הילף מוז קומען. אָבער פון- וואַנען? ווער קאָן זי ברענגען?

2

נאָר א בלינדער און בייזער צופאַל האָט געקענט ברענגען דער- צו, אז בריגאַלאַס ערשטער קאָרבן איז געווען פריץ ברושווײַלער, דער וואַלד-ארבעטער. מאָדנע איז געווען אויך דאָס, וואָס בריגאַלא האָט געהאַרגעט נישט ווילנדיק און אפילע נישט וויסנדיק.

פון צײַט צו צײַט פלעגט מען אין וואַרשטאַט אַרײַן ברענגען האָלץ פון וואַלד. פיר וואַלד-ארבעטער פלעגן ברענגען דעם אָנגע- לאָדענעם וואָגן אין שלאָס.

ווען פריץ האָט צום ערשטן מאָל דערהערט בריגאַלאַס נאָמען, האָט ער זיך קוים דערמאָנט, אז ער האָט אמאָל געקענט א מענטשן מיט אזא נאָמען און אז ער האָט זיך לאַנג מיט אים פּראָצעסירט.

אין איינעם א טאָג האָט פריץ אויסגעלאָדן האָלץ אין הויף פון- נעם שלאָס. אין דער צײַט איז איבערן הויף דורכגעפאָרן בריגאַלאַס קליינע מאַשין. ער האָט געעפנט דאָס טירל פון דער מאַשין און איז ארויס צורייכערן א ציגאַר. זײַנע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אפ

פויצנ. כאָר שרעק, אַז ער וועט אימ דערקענענ, האָט זיכ פריצ א וואָרפ געטאָנ לעבנ א קלאָצ, אונ איז אַזוי געבליבנ ליגנ, ביז ברי-גאָלא איז אוועקגעפאָרנ.

פריצ איז קלאל ניט געווענ זיכער, אַז דער שעפ האָט אימ באַ-מערקט אונ דערקענט אינ אימ איינעמ פונ זײַנע אמאָליקע קעגנער. טאָמער יאָ, האָט זיכ פריצ געמעגט ריכטנ אפ דאָס ערגסטע. טאָמער ניִשט, איז די געפאר נאָר אָפגעלייגט געוואָרנ, נאָר זי האָט ניט געמיטנ.

פריצס כאַווײרימ האָבנ זיכ ארופגעוואָרפנ אפ אימ מיט זידלע-לערײַענ, ווײַל מיט זײַנ אופירונג האָט ער זיי אלעמענ געשטעלט אינ סאַקאָנע. ברודשווײַלער האָט אָבער שטומ פאָרגעזעצט זײַנ ארבעט. ער האָט זיכ געסטארעט אונ אופגעטאָנ מער ווי זיי אלע. אינ א שאָ ארומ האָבנ זיי פארלאָזנ דעמ שלאָס. די שרעק האָט זיכ אָבער פונ אימ ניט אָפגעטאָנ. ער האָט זיכ געפילט מיד אונ אויסגעשעפט. אנענ האָט ער באַשלאָסנ וועגנ דער באַגעגעניש ניט צו דערציילנ.

א גאנצנ טאָג האָט פריצס קערפער געצוקט פאר שרעק. זײַנ הארצ האָט געקלאפט האסטיק אונ ניט רעגלמעסיק.

אפדערנאכט האָט ער אויסגעזוכנ אַזוי שלעכט, אַז אנע האָט זיכ אָנגעהויבנ באַאומרויקנ. זי האָט געטאפט זײַנ פולס, צוגעלייגט אימ די האנט צומ שטערנ, אימ אויסגעפרעגט. פריצ האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערנ. ער איז געווענ שווײַגנדיקער ווי געוויינלעכ. עס איז אומעגלעכ געווענ צו פועלנ בא אימ, ער זאָל ארויסגיינ אפנ גאס כאפנ א ביסל לופט. ער האָט זיכ גלײַכ געלייגט שלאָפנ.

באנאכט איז ער געלעגנ אפ זײַנ געלעגער לעבנ דער נאסער שטיינערנער וואנט. א קאלטער שווייס האָט באַשלאָגנ זײַנ גאנצנ קערפער. פאר די אויגנ האָבנ זיכ געדרייט בונטע קרײַזנ, געווירבלט, זיכ געענדערט. ער האָט געפילט, ווי עמעצער רײַסט אימ ארויס דאָס הארצ פונ ברוסט, אונ ער האָט קיינ קויעכ ניט געהאט זיכ קעגנ-צושטעלנ.

ווענ אנע האָט אפ מאָרגנ אינדערפרי א קוק געטאָנ אפ אימ, האָט זי זיכ דערשראָקנ. זי האָט אָבער באַשלאָסנ שווײַגנ. גלײַכער, האָט זי געטראכט, אימ ניט צו זאָגנ, אַז ער איז קראנק. זי האָט אימ שנעל צוגעגרייט דאָס איבערבײַסנ.

— טרינק, — האָט זי אימ א זאָג געטאָנ מיט אומגעווינטער ווייכקײַט אונ אימ צוגעטראָגנ א פולע גלאָז. ער האָט געפאָלגט. דאָס הייסע געטראנק האָט אימ אופגעמונטערט.

נאָכ מער האָט אימ דערפרישט די קילע פרימאָרגנ-לופט. א צײַט לאנג האָט זיכ אימ געדוכט, אַז ער איז בײַגעקומענ דעמ נאכט-

קאָשמאַר. די גאַס איז געווען פּוסט. נאָר עטלעכע טריט פאַר אים זײַנען געגאַנגען אַנדערע צוויי וואַלד־אַרבעטער.

פּלוצעם האָט פריץ ווידער דערפילט א גרויסע מידקײַט. ער האָט זיך געפּרוּווט אָנשטרענגען און גיין ענערגישער. אָבער דאָס געדריש פון די אייגענע טריט האָט אים געפּלאָגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען. ער האָט זיך ווידער געשטאַרקט. איצט זײַנען זיי אַרײַן אין וואַלד.

דער טוי איז געהאַנגען אויף די צווײַגן. א דין־ער זון־פּאַס האָט זיך דורכגעשניטן דורך זיי. דער וועג האָט געפירט פאַרבײַ אָפּגעהאַקטע ביימער. אין די גריבער האָט געגלאַנצט קלאָר, פריש וואַסער. פריץ האָט דאָס אַלץ געזען און פאַרגעדענקט.

פּעטער „דער פאָרמאַן" האָט געמאַכט צייכנס אויף די ביימער, וואָס מע האָט געדאַרפט אָפּזעגן. א היכער, מיט א פרידלעכן אויסדרוק פון זײַן פּנים, איז ער געשטאַנען באַם ראַנד פון אַן אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד און אָנגעוויזן יעדער גרופּע אַרבעטער, וואָס זי האָט צו טאָן.

פריץ און אַנע האָבן געאַרבעט מיט די העק. פריץ האָט נאָכגעשפּירט נאָך זיך אַליין. איצט איז די צײַט צו קאָנטראָלירן, צי ער איז טאַקע קראַנק. פון אָנהייב איז די אַרבעט אַוועק ווי געוויינלעך. די העק האָבן זיך אײַנגעשניטן אין די שטאַמען און געמאַכט אַלץ טיפערע קאַרבן.

מיטאַמאָל איז פריצן באַפאַלן א שטאַרקער דאָרשט. די פאָרשטעלונג וועגן א גלאָז קאַלט וואַסער האָט אויפגעוועקט זײַנע נערוון.

פון יענער זײַט וועג, טיף אין וואַלד, איז געווען א טײַך. פריצן האָט געצויגן צו לויפן צום טײַך און זיך אָנטרינקען.

איצט האָבן די העק זייערס אָפּגעטאָן. אַנע האָט זיך גענומען צו דער זעג.

פריץ האָט שוין מער ניט געקאָנט גוווער זײַן זײַן דאָרשט. ער האָט זיך שנעל אַוועקגעלאָזט צום טײַך. דאָרט האָט ער זיך מיט אַזא אימפּעט א וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אַז די וואָרצלען האָבן צעדראַפּעט זײַן פּנים. ער האָט זיך אָנגעבויגן צום וואַסער־שפּיגל.

ער האָט געטרונקען מיט ווילדער לײַדנשאַפט. דאָס וואַסער איז אים גערונען איבערן פּנים, איבער דער ברוסט. ער האָט ניט אויפגעהערט טרינקען, ביז ער האָט ניט דערפילט, אַז ער איז פול ביז די ברעגן מיט וואַסער.

איצט האָט פריץ באַשלאָסן זיך אומקערן. די פיס זײַנען געווען שווער. ער האָט זיך אָבער געצוווּנגען צו גיין שנעלער. די צווײַגן האָבן אים געשמיסן איבערן פּנים און פאַרשטעלט דעם וועג. ער

האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין די וואָרצלען. ווי קומט עס, וואָס ער איז נאָך ניט אָנגעקומען צום אָרט? ער הערט די קלעפּ פֿון א האַק. ס'איז אָבער ניט אונדזער האַק. ווײַזט אויס, ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט. ער איז געבליבן שטיין אין אָפּגעגאָסענער מיט שווייס. דער עכאָ פֿון די העק האָט אים גענאַרט. ער איז געקומען פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, אין פֿאַרשיידענע פּאַוזעס.

א פֿאַרצוווײַפֿלטער האָט פֿריץ זיך אָנגעשפּאַרט אין א שטאַם. א לאַנגע קייט מורעשקעס איז געקראָכן איבער דער קאָרע, לאַנגזאַם, גלײַכמעסיק, אין מאָנאָטאָנער ענדלאָזיקייט. זײַנע שלאָפֿגיריקע אויגן האָבן א ווײַלע נאָכגעפֿאָלגט די מורעשקעס.

פֿריץ האָט זיך אָנגעטאָן א קויעך און האָט זיך ווידער געלאָזט לויפֿן. די שטאַמען זײַנען געוואָרן שיטערער. די זון האָט אהער אַרײַנגעלויכטן פֿריילעכער. ער איז געשטאַנען און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. מיד האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּ די קני. איצט האָט ער געהערט דאָס קריכצן פֿון א זעג. איז עס ווירקלעכקייט אָדער האַ-ליוצינאַציע?

ער האָט דערהערט א גערודער, ווי זאַמד זאָל זיך שיטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ערגעץ נאָענט וועט באַלד אומפֿאַלן א בוים. דער עכאָ פֿון וואַלד האָט הונדערטפֿאַך פֿאַרשטאַרקט דאָס קראַכן פֿון דער הענגענדיקער בוים-קרוין.

פֿריץ האָט א קוק געטאָן אַף אַרויף. שאָטנס האָבן זיך איבער אים באַוועגט, ווי א מעכטיקער פֿינגער וואָלט אָנגעוויזן אַף אים. ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דעם פֿינגער, אָבער ניט געקענט.

א קאָלאָסאַלע מאַסע האָט זיך אַרופּגעוואַלגערט אַף זײַנע אַקסלען, ער האָט זיך אויסגעגליטשט, זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די צווײַגן, און אין נאָענטסטן אויגנבליק איז ער באַגראָבן געוואָרן אונטער צווײַגן און בלעטער.

דרײַ שעה נאָך פֿריצס טויט האָט מען געפֿונען זײַן טויטן קערפּער. אַנע האָט אַוועקגעלייגט זײַן קאָפּ צו זיך אַף די קני. א בלייכע, האָט זי ניט געקענט אָפּרײַסן פֿון אים דעם בליק. דער באַוווּסט-זײַן פֿונעם פֿאַרלוסט האָט זי אינגאַנצן פֿאַרכלינעט.

— דו ביסט דאָך געווען אַזוי שוואַך, — האָט זי געבורמלט מיט בלוטלאָזע ליפּן, — וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן און מיך מיט זיך ניט מיט-גענומען?

זי האָט באַטראַכט זײַן פּנים, — דאָס אומדערוואַרט פֿרידלעכע און אויסגערוטע פּנים. אירע געפֿילן האָבן זיך געוואַקלט צווישן האַס און טרויער.

איז ער, הייכט עס, אנטלאָפן, ווי ער פלעגט צומאָל סטראשען. ער האָט זיך אויסגעוויילט דעם בעסטן גורל. און זי האָט ער גע־לאָזט אליין. איצט האָט זי נישט מער קיינעם פאר וועמען צו זאָרגן. זי איז אינגאנצן אליין. אליין און אין געפאנגענשאפט. וואָס וועט זי טאָן איינע אליין אין דער דאָזיקער ריזיקער טפיסע, וואָס הייסט וועלט?

3

צו די מערקווירדיקסטע פארבינדונגען, וועלכע זיינען ווען-ניט-איז געשלאָסן געוואָרן אין דער „יודענשטאַט", האָט געהערט די פריינטשאפט צווישן ריימונדן, דעם מאָלער, און פעניעסן דעם מענטשן פון די קארפאטן. ער האָט זיך יינגלווייז ניט געוואָלט לערנען, און מע האָט אים דעריבער אויסגעשלאָסן פון שול. אזוי־ארום האָט זיך פעניעס גאָרנישט מער אויסגעלערנט כוץ פאשען די שאָף פון זיין דאָרף אף די אָפהאנגען פונעם בארג מאַקאָוויצא.

זומערצייט פלעגט ער ליגן אין קילן שאָטן פוןביימער, די אויגן צום הימל, ניט פארגעסנדיק דערביי אין דער טשערעדע. ווינ־טערצייט פלעגט ער אוועק אין שטאָט אריין, ווו ער פלעגט לעבן פון נעדאָוועס און גנייווע.

ערשט אין געפאנגענשאפט בא די דייטשן האָבן זיך אנטפלעקט זיינע טעכנישע פייקייטן. ער האָט געהאט גאָלדענע הענט. זיינע פינגער זיינען געווען אויסערגעוויינלעך געשיקט אין וויקלען דראָטן און פלעכטן נעצן. זיי האָבן זיך אן אייצע געגעבן מיט די קלענס־טע שרייפעלעך און אפילו מיטן קאָמפליצירטן מעכאניזם פון זייגערס.

גייסטיק איז פעניעס פארבליבן הינטערשטעליק. ער איז געווען א גלייביקער ייד, אָבער זיין גלויבן איז באשטאנען פון פאנטאסטי־שע פאָרשטעלונגען. ער האָט נישט געקענט פארגעדענקען די איינ־פאכסטע טפילע. אפילו „שמע ישראל" האָט מען אים אויך געמוזט אונטערזאָגן. אָבער געארבעט האָט ער אזוי פלינק, אז ער האָט שטענ־דיק געקענט עמעצן אָפטרעטן א טייל פון זיין אויסארבעטונג.

ריימונד האָט געארבעט זייער שלעכט. זיינע הענט זיינען גע־וואָרן אלץ מידער. אָפטמאָל פלעגט אים באפאלן א שארפער פאר־דראָס: צו וואָס איז אָט די גאנצע אומזיניקע ארבעט? אף א פאָר סעקונדן פלעגט ער בלייבן שטיין און דערנאָך א דערשראָקענער זיך נעמען אָניאָגן.

אָבער וואָס מער האפסאָקעס ער האָט געמאכט, אלץ שווערער איז אים געווען דערנאָך אָניאָגן. דאָס איז געווען די שולד פון זיין הארץ, א פויל, אקשאָנעסדיק און אומרויק הארץ.

א פאַרטיפטער אינ דער שווערער ארבעט פונ אויסשלייפנ צילינדערס, פלעגט רייַמונד קוימ באמערקנ, ווי א פרעמדע האנט שטופּט אוועק זייַנע, נעמט זיכ געניט צומ געצייַג אונ טוט זייַנ ארבעט.

פעניעס איז געווענ שטאָלצ, וואָס ער איז בעקוויעמ צו באַזיצנ א מענטשנ. ער האָט זייַנ נייעמ פרייַנט נישט באַלעסטיקט מיט קיינ סאַכ דיבורימ. זייַנ ליבע איז געווענ א פּראַקטישע. ווענ ער פלעגט באַגעגענענ רייַמונדס בליק, פלעגט ער פרווונ צו אימ א שמייכל טאָנ. דאָס איז געווענ א ווילדע גרימאסע. אָבער יענע, וועלכע האָבנ אימ געקענט, האָבנ געוווסט דעמ פשאט פונ פעניעסעס ברויגעז צונויפגעצויגענע ברעמענ.

אייגמאָל האָט צו רייַמונדס אומגליק פאסירט, אז ער האָט זיכ אונטערגעגעבנ זייַנ שוואכקייַט פונקט אינ דעמ מאָמענט, ווענ בריגאָלא איז פארבייַגעגאנגענ. דער שעפ האָט גיט געזאָגט קיינ וואָרט. בייַכנ אָוונט-אפּעל האָט אָבער רייַמונד באקומענ א באפעל: א וואָכ נאכט-ארבעט.

רייַמונד האָט זיכ נישט דערשראָקנ. ער האָט זיכ געריכט דערופ. אָנשטאָט צו גייג אהיימ האָט ער איצט געמוזט בלייַבנ אינ ווארשטאט. דאָס זעלבע מאזל האָבנ געהאט נאָכ אכציק מענטשנ. א טייל האָבנ פאָשעט געארבעט אינ דער נאכט-וואכטע. די אנדערע זייַנענ געווענ באַשטראָפט מיט נאכט-ארבעט.

דער וועכטער האָט קאָנטראָלירט זייערע נעמענ לויט זייַנ צעטל. דאנ האָט ער פארשלאָסנ די טיר אונ זיי געלאָזנ אליינ. יעדער איז אוועק צו זייַנ ארבעטס-פלאצ. די באַשטראָפטע האָבנ געמוזט ארבעטנ ביז איינס אזייגער. דערנאָכ האָבנ זיי געמעגט שלאָפנ ביז פארטאָג.

די לאָמפּנ איבער די ווערקשטעלנ האָבנ געגעבנ א שוואכ, געלבלעכ ליכט. רייַמונד האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ אָנגעשפּארט די הענט אפנ ווערקשטעל. שוינ איצט האָט דאָס הארצ אָנגעהויבנ זיכ בונטעווענ. רייַמונד האָט געזוכט דעמ צילינדער, וואָס ער האָט באדארפט אויסשלייפנ. ער האָט אימ נישט אזוי באלד געפונענ. אז ער האָט זיכ אופגעהויבנ, איז אימ געוואָרנ שווארצ פאר די אויגנ.

דער אָנפאל איז איבערגעגאנגענ. ער האָט זיכ גענומענ צו דער ארבעט. דער צילינדער האָט אָנגעהויבנ באקומענ די נייטיקע פאָרמ. רייַמונדס אויגנ האָבנ געבלאָנדזעט איבערנ זאל. זייַנע כאווייריִמ האָבנ געארבעט שטומ, ווי פארשלאָפנ אינ א דורכזיכטיקער קאמער. שווער אָטעמדיק, האָט ער געפרווט בייַקומענ די אימ פארגעבענע ארבעט. מע וועט זי דאָכ אינדערפרי וועגנ אונ מעסטנ.

רייַמונד האָט געפילט א מינ מידע גלייַכגילטיקייַט. ער האָט גע-

ארבעט, אָבער ער האָט געמאַכט אַלץ נײַע און נײַע האַפּסאָקעס. אים איז געוואָרן אַלץ שווערער צו אָטעמען. די הויט פון עם שטערן האָט געברענט. ער האָט געבענקט נאָך פּעניִעסן. ווי גערן וואָלט ער דער־זען לעבן זיך יענעמס געשיקטע האַנט. זײַן באַענטקײַט וואָלט אים באַרויִקט. זײַן שווײַגן וואָלט, דאַכט זיך, צוגעגעבן אַ פֿוּד געזונט.

רײַמונד איז געוואָרן אַלץ מידער. און ער האָט דאָך אָפּגעאַר־בעט סאַכאַקל אַ שאָ אָדער אַ ביסל מער. ער האָט דײַטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פון עם טורעם־זייגער אין ל. עס האָט געשלאָגן צען.

ער האָט געפילט, אַז עס קומט אָן אַ נײַער אָנפאַל. די אינסטרו־מענטן זײַנען אַרויסגעפאַלן בײַ אים פון די הענט. רײַמונד האָט גע־זוכט אַן אָנשפּאַר. אָבער דער באָדן האָט זיך אַרויסגעגליטשט בײַ אים פון אונטער די פֿיס. פּלוצעם האָבן עמעצנס אַ פּאָר הענט אָנ־געכאַפּט דעם פאַלנדיקן. דאָס איז געווען פּעניִעס. דער מאָלער האָט געהערט זײַן אָטעם לעבן פּאָנעם. דער נידעריטשקער באַרג־מענטש האָט אוועקגעלייגט זײַן פרײַנט מיטן קאָפּ אויף אַ זאַק זעגעכץ. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און אים געררופן באַם נאָמען.

רײַמונד איז געווען באַם פולן באַוווסטזײַן. ער האָט געוואָלט וויסן, וויאַזוי פּעניִעס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַהער. דער טראָגלאָ־דיט האָט פאַרקרימט זײַן פּאָנעם אין איינעם פון זײַנע שרעקלעכס־טע שמייכלען.

נאָך דער ארבעט איז ער ניט אוועק מיט די אַנדערע, ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז ס'איז געוואָרן גוט פינצטער. דערנאָך איז ער בי־גנייווע צוריקגעקומען. ער האָט פעסט באַשלאָסן אָפּצוטאָן דעם מאָ־לערס ארבעט, און ער האָט פאַרזיכערט רײַמונדן, אַז ער איז אויס־געדרוט און קאָן אַרבעטן כאָטש ביז פאַרטאָג.

רײַמונד האָט אָבער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'איז מער נישט נײ־טיק צו טאָן זײַן ארבעט.

רײַמונד האָט געקוקט אויף זײַן פרײַנט, וואָס איז אויף די קני גע־שטאַנען לעבן אים. דעם פּאַסטעכס אויגן האָבן באַקומען אַ הונגע־ריקן און בעטנדיקן אויסדרוק. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז זײַן פרײַנט וויל אים פאַרלאָזן. פאַר וועמען וועט ער איצינד אַרבעטן!

ער האָט אוועקגעלייגט רײַמונדן באַקוועמער, אונטערגעבעט אונ־טערן קאָפּ צעריסענע טיכער, אים געווישט דעם שווייס פון שטערן און פאַרוויקלט דעם לאָמפּ, אַז די שײַן זאָל רײַמונדן נישט שנײַדן די אויגן.

רײַמונד האָט אויסגעשטרעקט די הענט און האָט אוועקגעלייגט פּעניִעסעס הייסע האַנט אויף זײַן קילער ברוסט. דעמלט האָט זײַן האַרץ

ווידער אָנגעהויבנ קלאַפּנ. פּעניעס האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי דאָס איז געשענ. דער שטאַרבנדיקער האָט אימ צוגעצויגנ צו זיכ. ער האָט זיכ פּלוצעמ אוועקעלייגט לעבנ אימ, גענומענ וואַרעמענ ריימונדס גליוועדיקנ קערפּער.

פאַרטאָג, ווענ ריימונדס קערפּער איז שוינ לאַנג געווענ קאַלט, האָט דער קאַרפּאַטנ־ייִד פאַרלאָזנ דעמ טויטנ.

4

באַלד נאָכ ריימונדס טויט האָט רוּט אָנגענומענ א באַשלוס. גייענדיק אַהיימ פונ וואַרשטאַט, האָט זי זיכ געווענדט צו רוּטנ אונ געזאָגט, אַז זי וויל זיכ מיט איר דורכשמועסנ אונטער פיר אויגנ. עס גייט, האָט זי געזאָגט, אינ לעבנ אונ טויט.

א דערשראָקענע, האָט רוּט באַטראַכט דאָס יונגע מיידל פונ סלאָוואַקיע, וועלכע האָט, איידער מ'האָט זי צוליב איר קראַפט אונ געשיקטקייט אַריבערגעפירט אינ דער קוזניע, געהאַט געאַרבעט בײַשכיינעס מיט רוּטס ווערקשטעל.

עוועס פּאָנעמ האָט זיכ פאַרענדערט. ס'איז נישט געוואָרנ עלטער, נאָר פאַרקערט, קינדערשער: דאָס פּאָנעמ פונ א מענטשנ, וואָס האָט זיכ אַנטוויקלט אָפּ צוריק.

רוּט האָט איר צוגעזאָגט קומענ. אַרומ ניינ אינ אָוונט איז זי געווענ אינ עוועס לופטיקער וווינונג. עווע האָט אפילע ניט געוואַרט, ביז רוּט וועט זיכ אַוועקזעצנ אָפּ דעמ איינציקנ שטול, וואָס איז געשטאַנענ אינ צימער.

— איכ וועל האָבנ א קינד, — האָט זי אויסגעשאָסנ.

רוּט האָט זיכ דערשראָקנ. זי האָט געוווּסט, וואָס דאָס באַטייט. אינ דער „יודענשטאַט” האָט א קינד ניט געטאָרט ניט אויסגעטראָגנ ווערנ, ניט געבוירנ ווערנ.

— ביסט זיכער? — האָט זי א פרעג געטאָנ.

עווע האָט אָנגעקוקט איר גאַסט. זי איז אַלצ מער ענלעכ געווענ צו אַנ אומגליקלעכ קינד, וואָס האָט זיכ עפּעס פאַרשולדיקט, קענ זיכ קיינ אייצע ניט געבנ אונ סטראַשעט איצט, אַז עס וועט זיכ אַרויסוואַרפנ דורכנ פענצטער.

— איכ בינ אינ דריטנ כוידעש... — האָט זי געזאָגט.

רוּט האָט דערפילט א היצ אינ גאַנצנ קערפּער. אַמליבסטנ וואָלט איר געווענ, ווענ זי קאָנ אַנטלויפנ, וואָרעמ וואָס קאָנ זי טאָנ פאַר עווענ?

— איכ פרעג נישט, ווער דער פאָטער איז... — האָט זי געמורמלט.

— ער איז טויט.

— דאָס איז אלציינס. אויב דו אליין האָסט זיך ניט געקאָנט העלפֿן, טאָ ווער זשע קאָן דיר העלפֿן?..

— איך האָב געטאָן אלץ, וואָס כ'האָב געקאָנט...

רוט האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן.

— כוץ איינס... — האָט עווע צוגעגעבן און האָט אויסגעבראָכן א געוויין. אלץ, וואָס זי האָט אין זיך פֿארשלאָסן אין מעשעך פֿון וואָכן, האָט זי איצט דערציילט.

איר קלאָג איז געווען אלט, ווי די מענטשהייט. זי האָט געשאָלטן איר גורל. זי האָט באוויינט דעם טאָג פֿון איר געבוירן. זי האָט זיך געוואָרפֿן אף דער ערד און געריסן די האָר פֿון קאָפּ. זי האָט איינגעפּרעסט איר פּאָנעם אין רוטס שויס. און דערנאָך, ארומנעמענדיק מיט אירע הענט רוטס פֿיס, האָט זי אָנגעהויבן שטיל און פֿארצווייפֿלט צו וויינען.

— פֿארוואָס מוזן מיר אזוי אומגליקלעך זיין? — האָט זי שטיל געטייַנעט און נאָך שטילער צוגעגעבן: — דו ווייסט ניט, וואָס דאָס הייסט ווארטן אף זיכערן טויט און זיך פֿאָרצושטעלן, אז דיין אייגן קינד וועט דיך דערצו ברענגען. איך שלאָף ניט, ווייל איך האָב מוירע פֿאר דער נאכט. איך קאָן זיך ניט דערווארטן, ביז די נאכט וועט זיך ענדיקן. כ'האָב אָבער מוירע אויך פֿארן טאָג. נאָך א פּאָר מאָנאטן — און א סאָף. אָט דער קערפּער צוזאמען מיטן נאָך ניט געבוירענעם קינד וועט פֿוילן אין א גרוב. מיר איז שוין קיינמאָל אין מיין לעבן קיין פֿרידלעכע שאָ ניט באשערט. קיין פֿרידלעכער טאָג...

זי האָט אופגעהויבן איר פֿארוויינט פּאָנעם. עס האָט איצט געשטראַלט פֿול מיט אומשולד און יוגנט-רייץ. עס איז אומעגלעך געווען זיך פֿאָרשטעלן, אז איר שרעק פֿארן נאָענטן טויט האָט עפּעס א שטיקל גרונט.

פּלוצעם איז עווע אופגעשפּרונגען. זי איז געפֿאלן רוטן אפֿן האַלדז און איר אייַנגערוימט, אז ס'איז נאָך מעגלעך א הילף. עמעס, דאָס איז געפֿערלעך, אָבער ס'וועט איין מאָל פֿאר אלעמאָל נעמען א סאָף: אהין אָדער אהער.

כוץ רוטן קאָן איר קיינער ניט העלפֿן. זי האָט דאָך אמאָל שטודירט מעדיצין...

רוט איז בלייך געוואָרן. דאָס, וואָס מע פֿארלאנגט פֿון איר, איז אומעגלעך. זי האָט געהערט וועגן אזעלכע פֿאלן. אָבער דאָקטוירים מאכן אבאָרטן נאָר אין אויסערגעוויינלעכע פֿאלן. וואָס אָבער קאָן זי טאָן? זי האָט אפֿילע ניט קיין מעסער, שוין אָפּגערעדט פֿון מעדיצין-אינסטרומענטן. זי ווייסט ניט, וואָס מע באדארף טאָן. אירע הענט זיינען פֿון שווערער ארבעט פֿארגרעבט, וויאזוי קאָן זי אף זיך

נעמען אזא אכריַיעס? ס'איז דאָך פאראנ א סאקאָנע אריַינצוטראָגנ אנ אינפעקציע, וועלכע פירט צו זיכערנ טויט. וואָס וועט עס ביכלאל געבנ, אויב עווע וועט ווערנ ניט ארבעטספייִק?

אָבער עווע האָט זיך ניט געלאָזט איבעררייִדנ. זי איז גרייט אפ אלצ. האָט זי א ביסל מאזל, וועט זי אינ דריַי טאָג ווידער זיַינ געזונט.

רוט האָט געצווייפלט. א בלייכע האָט זי זיך געמוזט אָנשפארנ אינ דער וואנט. זי האָט געוויזנ אפ אירע צערעפעטע פינגער. זי קאָנ נישט מיט אָט די הענט טאָנ דאָס, וואָס עווע פארלאנגט. רוט האָט געוואָלט אוועקגיינ.

אָבער עווע האָט זיך א וואָרפ געטאָנ אפ דער ערד לעבנ דער שוועל. זי האָט געקניט פאר דער פריַינדנ. זי האָט איר דערלאנגט אנ אינסטרומענט, וועלכער האָט אויסגעזענ שרעקלעך. דאָס איז געווענ א פאָשעטע פייל. זי האָט געשלוכצט אונ באשווירנ רוטנ צו האָבנ אפ איר ראכמאָנעס.

רוט האָט פארלוירנ דעם קויעך זיך קעגנצושטעלנ. זי האָט נאָך געפרוווט אנטלויפנ, נאָר עווע האָט זיך מיט איר געראנגלט, ניט געלאָזט.

אינ מעשעך פונ א פערטל שאָ איז עס צו שטאנד געקומענ. עווע איז געווענ אָנ באוווסטזיַינ. רוט האָט געהאט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט באגאנגענ א מאָרד. זי האָט זיך אפגיך ארומגעוואשנ די הענט אונ באשפריצט עווענ מיט קאלט וואסער. עווע האָט געעפנט די אויגנ. א שטיקל צייַט האָט זי געקעכפט מיטנ ווייטעק. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט, וואָס ס'איז געשענ. זי האָט געוואָרפנ אפ רוטנ א דאנקבארנ בליק.

— נו, מיר זיַינענ עס איבערגעקומענ, — האָבנ געפליסטערט אירע ליפנ, — איך ווייס, אז דו האָסט געליטנ מער פאר מיר.

— וואָס טוט מענ איצט? — האָט רוט מיט ווייטעק געזאָגט. — דו ביסט קראנק. איך בינ באגאנגענ אזוינס, וואָס איך וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זיַינ. וואָס וועל איך זאָגנ די איבעריקע?

— גאָרנישט, — האָט דערקלערט עווע, — נאָר, אז דו האָסט מיך אינ דעם צושטאנד געפונענ.

— דו מוזט האָבנ א דאָקטער.

— איך גלייב נישט, אז איך האָב רעכט ארויסצורופנ א דאָקטער. ווער וועט אים ברענגענ פונ שטאָט? בריגאָלא וועט קיינמאָל ניט דערלויבנ...

— מע דארפ אים גאָרנישט פרעגנ. אויסער דעם וואָרשטאט האָט יאָנאס דאָס רעכט צו רופנ א דאָקטער. כוצ דעם איז ער דער

איינציקער, וואָס מעג באַנאַכט אַרויסגיין פֿון געטאָ. אָט גיי איך גלײַך צו אים.

— זאָג אים נאָר דאָס נייטיקסטע! — האָט עווע געבעטן. — ער וועט אַליין פֿאַרשטיין דאָס, וואָס דו וועסט פֿאַרשווײַגן.

ווען יאַנאָס האָט אויסגעהערט, אין וואָסער צושטאַנד עווע געפֿינט זיך, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווער קאָן גיין קעגן דער מענטשלעכער נאַטור? מע קאָן קיינעם ניט באַשולדיקן, אַפֿילו נישט די נאַטור. זיך קלאָגן קעגן יענע, וואָס זײַנען ווירקלעך שולדיק — צו וואָס וועט עס ברענגען? מע מוז ראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען.

אַפֿן וועג צום דאָקטער האָט יאַנאָס אַלץ געטראַכט וועגן די קאַוואָנעס פֿון דער האַשגאָכע. איִעווס ליידן האָבן אויך געהאַט אַ סאָף. דער ריבוינע-שעל-אוילעם האָט געגעבן איִעוון צען מאָל אַזוי פֿיל, וויפֿל ער האָט פֿאַרלאָרן. קיינמאָל אָבער וועט דער ריבוינע-שעל-אוילעם ניט בעקויעך זײַן צו באַצאָלן זײַן פֿאָלק. ער וועט ניט אויפֿלעבן די קעהילעס, וואָס זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן, ער קאָן נישט צונויפֿקלײַבן דאָס אַש פֿון מיליאָנען אומגעקומענע מענטשן און צוריק אַרײַנהויכן אין זיי לעבן.

אויב אָבער דאָס אַלץ, וואָס איז געשען, איז געשען לויט זײַן ווילן, האָט ער דען אויך געוואָלט, אַז מאַמעס זאָלן מוזן אויסשנײַדן די פֿרוכט פֿון זייער אייגן לײַב?

אָט דאָס איז שוין דאָס ערגסטע, האָט זיך יאַנאָסן אויסגעוויזן. וואָס קאָן זײַן ערגער, ווי מוזן דערשטיקן דאָס אייגענע קינד, וואָס וואַקסט בײַ דער מוטער אין לײַב, מוזן אויסראָטן דאָס הייליקע און צוקינפֿטיקע, פֿאַרשאָלטן צו זײַן אויף צו ווערן אַ קינדער-מערדערן, פֿאַרניכטן דעם זאָמען און פֿאַרוויסטן די אייגענע פֿרוכטבאַרקײַט.

יאַנאָס האָט געבראַכט אַ דאָקטער. עס האָט אַרויסגערופֿן גרויס איבעראַשונג אין געטאָ, ווען יאַנאָס האָט שפּעט באַנאַכט אַרויסגערופֿן פֿיר מענטשן און זיי געהייסן אוועקטראָגן עווען אין שפּיטאָל אין דער קריסטנשטאָט.

פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען עווע איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, איז זי אַרויס פֿון בריגאָלאָס רעשוס. איר צושטאַנד האָט זיך שנעל פֿאַרערגערט. אַ גאַנצע נאַכט האָט עווע געטראַכט וועגן דעם גורל פֿון איר קינד, וואָס זײַן לעבן האָט זיך אַזוי שלעכט אָנגעהויבן און אַזוי פֿרי פֿאַרענדיקט.

זי האָט זיך אויסגעמאָלט דאָס לעבן, וואָס איז פֿאַרגעשטאַנען דעם קינד אויף דער פֿרײַהײַט. זי איז געווען זיכער, אַז עס וואָלט

געוועג א זונ. זי האָט דורכגעלעבט די עקזיסטענצ פונ אָט דעמ זונ אינ א נייער, א גליקלעכער אונ פרידלעכער וועלט.

סאָמ נאכט איז דאָס בילד פונעמ זונ געוואָרנ מעטושטעש. ער האָט זי געלאָזנ אליינ מיטנ באוווסטזיינ פונ איר שולד אונ מיט אירע לײדנ.

אפ מאָרגנ אינדערפרי האָט עווע פארלוירנ דעמ באוווסטזיינ. די הויכע טעמפעראטור איז געווענ פאר איר א גליק. זי האָט איר געבראכט ליבע אונ פריינטלעכע בילדער. ארומגערינגלט פונ טרייסטנ-דיקע וויזיעס, האָט זי געהאט א שטילנ אונ רויִקנ סאָמ.

צווייטער טייל

קאַפּיטל IX

1

בריגאַלאַס רעזשים איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. מידקייט, שרעק און ייִעש זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די טרייסט, — דאָס צײַטווײַליקע פאַרגעסן זיך אין שלאָף, — האָט מער ניט געגאָלטן. דער קאָפּ האָט געוואָלט פאַרגעסן, אָבער די מוסקולן און די אָדערן האָבן ניט געפאָלגט.

אַז מע האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז מע שטאַרבט פון מידקייט. אַז מע איז אויפגעשטאַנען, האָט מען זיך געפילט פונקט אַזוי מיד, ווי באַם לייגן זיך. אַפילו די ייִנגסטע, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט אין אַ שטראַלנדיקן יונ-פרימאָרגן און האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, האָבן זיי געזען, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זײַן יונג.

שרעק איז ווי אַ וואָלקן געהאַנגען איבער דער „יודענשטאַט".

דער אינדערפֿרײַיִקער אַפּעל איז געווען אַ געטרײַ בילד פונעם קומענדיקן טאָג. זיי זײַנען געשטאַנען, אַ שטראָף-באַטאַליאָן פון געפאַנגענע, ערגער ווי געפאַנגענע. ווײַל עס האָט ניט עקזיסטירט קיין שום רעגלאַמענט, וואָס זאָל פעסטשטעלן די גרענעצ און די מאָס פון זייערעליידן. בריגאַלאַ פלעגט אָנרופן די, וואָס ווערן באַשטראָפט פאַר געבן נישט די פולע מאָס אַרבעט.

בעשאַס-מײַסע האָט ער געשמייכלט, און די ווערטער האָבן געטריפט פון זײַנע ליפּן, גאָר ווי האָניק. אָבער פאַר די אַרבעטנדיקע זײַנען זיי געווען ווי שמיץ פון בײַטשן, וואָס האָבן געטריבן פאָרויס, אַרײַנגעבראַכט שיגאָען אין די באַוועגונגען.

סאָף טאָג זײַנען זיי ענלעך געווען אויף עפּילעפּטיקער. זיי האָבן זיך באַוועגט מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט און שוים-באַדעקטע ליפּן.

דאָס אַלץ האָט אין איינער אַ נאַכט געטאָן אַ רייד אַרויס פון רוטן. עס איז געווען פאַר אַ געוויטער, די דושנעקייט האָט געדריקט, ניט געלאָזן פרײַ אָטעמען. באַדעקטע מיט שווייס, טויט-מידע, איז מען געלעגן אין דער הייסער לופט.

מיכאעל האָט צונויפגעפרעסט די ציין. זיין טיפער אָטעם האָט אים ניט גרינגער געמאכט. ער האָט שטיל געסאָפּעט. אזוי ווי ער האָט ניט געוווסט, צי רוט שלאָפט צי ניט, האָט ער נישט געוואגט צו רייזן. ניט ווייט פון אים איז געשטאנען א קענדל וואסער. ער האָט זיך צו דעם צוגעכאפּט. דאָס וואסער האָט אים אָבער ניט דערפרישט. עס איז געווען מאָדנע ביטער.

דער שווייס האָט געהאלטן אין איין רינען איבער די שלייפן און האָט געברייצט די הויט. חאָט מיכאעל אופגעהויבן די האנט אָפּ־צווישן דעם שווייס, האָבן די מוסקולן גענומען אזוי ווי טאָן, אז ער האָט געמוזט אוועקלייגן די האנט אין דער פריערדיקער לאגע. אפילע דאָס אָטעמען האָט פארשאפט ווייטעק. אפ דער ברוסט האָט געדריקט אן אומזיכטבארע לאסט. צומאָל האָט מיכאעל אומבאוווסט־זיניק געפּרווּוט אראָפּוואַרפן די לאסט פון ברוסט, ער האָט אָבער אָנגעטראָפן נאָר אנטבלויזטע ריפּן.

פונדערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קראכן פונעם דונער, אָבער דער רעגן האָט געלאָזט אפ זיך ווארטן. די דושנעקייט איז געוואָרן אלץ שווערער. מיט פארמאכטע אויגן האָט מיכאעל געווארט אפן רעגן. מיטאמאָל האָט זיך רוט א ריר געטאָן.

— דו קענסט עס אריבערטראָגן? — האָט זי געפרעגט. — איך — נישט!

— האָב געדולד, — האָט מיכאעל געבעטן. — דער רעגן הענגט אין־דערלופטן. באלד וועט ווערן קילער, און דו וועסט קענען אָפּכאפּן דעם אָטעם.

— אָפּכאפּן דעם אָטעם? — האָט רוט געקרעכצט. — ווען וועט שוין קומען אונדזער צייט אָפּצוכאפּן דעם אָטעם?

אן אומצופרידענער האָט מיכאעל אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ. זי האָט זיך געבאָדן אין שווייס.

דאן האָט זי ווידער געזאָגט אפ א קאָל:

— עפשער וועט אונדז טאקע אויסלייזן א געוויטער... — זי האָט אוועקגעלייגט דאָס פּאָנעם אפ די הייסע, פייכטע הענט און ווייטער גערעדט. — עס מוז דאָך אמאָל קומען צו אן אויסברוך...

— נישט דאָ! — האָט מיכאעל אויסגעשריגן. — מיר זיינען צו קלוג זיך צו לאָזן ארייננציען אין נארישקייטן. זאָל אונדז גאָט היטן פון אויסברוכן.

אפֿ מאָרגן נאָך מיטיק איז א מענטש אוועקגעפֿאלן נאָענט לעבן טורעם. דאָס איז געווען א שטילער מענטש, א גרויסער שווייַגער. קיינער האָט ניט געוווּסט, פֿונוואַנען ער איז. מע האָט נאָר געוווּסט זייַן נאָמען. גערופֿן האָט מען אים ביבער. קאָן זייַן, אז ער האָט טאקע אזוי געהייסן. און עפּשער האָט מען אים אזוי גערופֿן צוליב זייַן שטענדיקער געבויגנקייַט, צוליב זייַנע קליינע שרעקעוודיקע אויגן און ארויסשטארצנדיקע ציין. ער איז געווען האכנאָעדיק און געדולדיק, געדולדיקער ווי ווער־ניט־איז אנדערש פֿונעם קאָלעקטיוו.

אנע האָט אים געפֿונען פֿאר דער טיר. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אפֿ דער ערד, דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אין טויער, דאָס מויל — האלב אָפֿן, ווי פֿון פֿארווּנדערונג. עס האָט זיך געדאכט, אז ער פֿרעגט: „איז עס מעגלעך, אז איך בין שוין פֿון יענער זייַט שרעק און האָפֿענונג? האָט דער טויט מיך נישט אָפּגענארט? בין איך שוין בעמעס אויסגעלייזט און געראטעוועט?"

עס האָט זיך געדאכט, אז די דינע ליפּן האלטן אין איין כאַזערן די פֿראגע און די אויגן בעטן, מע זאָל עס באשטעטיקן. א שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך געשפּרייט איבער דעם א ביסל טאַמעוואטן פּאָנעם.

אנע האָט לאנג געקוקט אפֿ ביבערס פּאָנעם. ביז איצט האָט זי אים געזען נאָר צופֿעליק, ווייַל ביבער האָט געארבעט אין דער וואָלקאַניזיר־אָפּטיילונג און אפּדערנאכט פֿלעגט ער זעלטן פֿארלאָזן זייַן שטיבל. אָבער זייַן פּאָנעם איז געווען אזוי איינפֿאך און גלייַכצייַטיק האָט עס זיך אזוי אייַנגעקריצט אין זיקאָרן, אז נאָך דער ערשטער באגעגעניש האָט מען זייַנע שטריכן גוט פֿארגעדענקט. איצט האָט דאָס פּאָנעם זייַנס געהאט א נייַעם אויסדרוק — א מין ביטערער טריומף איז געלעגן אויסגעגאָסן אפֿ דעם: ער, ביבער, איז שוין דאָס ערגסטע איבערגעקומען.

— טוט נאָר א קוק אפֿ ביבערן, — האָט אנע געזאָגט, — ווי ער פֿרייט זיך עס דערמיט, וואָס ער איז טויט. ער גלייבט זיך אַזש אליין ניט.

זי האָט אים פֿארמאכט די אויגן און צונויפֿגעצויגן די קינבאקן...

עטלעכע מענטשן האָבן זיך פֿארזאמלט ארום דעם מעס און האָבן באטראכט זייַן ביטערע שמייכלענדיק פּאָנעם.

אנע האָט פֿאַרזיכטיק אוועקגעלייגט זייַן קאָפּ אפֿ דער ערד.

— ווי אייַך, מענער, קומט עס אָן גרינג צו שטארבן! געגוג זיי איבערצולאָזן אליין, און זיי מאכן פֿליטע...

זי האָט געטראכט וועגן פֿריצן, איר פֿארשטאָרבענעם מאן, וועל-

כער איז דאָ ניט לאנג צוריק געשטאָרבנ פונקט אפ אזא אומדער-
ווארטנ אויפנ. זי איז געווענ טיפ פארביטערט.

— ווער פונ אונדז איז ניט מעקאנע ביבערנ! — האָט אנע גע-
זאָגט. איר שטימ האָט געקלונגענ הייס אונ אנטשלאָסנ. — ווער איז
נישט גרייט צו בײַטנ זיך מיט אימ? ווער וואָלט ניט געוואָלט, פונקט
ווי ער, פּאָטער ווערנ פונ אלע ליידנ?

אנעס שטימ איז געווארנ אלצ שטארקער, הארטער אונ שנײַדנ-
דיקער. די מענטשנ, צו וועלכע זי האָט גערעדט, האָבנ זיך געבויגנ
אונטער דעמ רוישעמ פונ דער שטימע.

— ווער וואָלט איצט ניט גערנ געוואָלט זײַנ ביבער? — האָט אנע
ווידער געפרעגט.

יאָ, הונדערטער זײַנענ מעקאנע געווענ דעמ טויטנ. א סאך וואָלטנ
זיך פארגונענ צו זײַנ אפ ביבערס אָרט. וועגנ וואָס נאָך האָט א ייִד
אינ פּוילנ געקאָנט טרוימענ, אויב ניט וועגנ אזא טויט ווי ביבערס?!

2

יאנ האָט אינ יענע טעג ארויסגעוויזנ אנ אויסערגעוויינלעכע ווי-
דערשטאנד-קראפט. נישט נאָר ער אליינ איז ניט אראָפּגעפאלנ בא זיך,
ער האָט אויכ אנדערע געהאָלפנ ניט פארלירנ דעמ מוט.

יונגע האָבנ זיך אויסגערעדט פאר אימ דאָס הארצ. ער האָט גע-
וווסט, וועלכע ווערטער אונ ווענ צו באנוצנ, קעדיי דורכצוברעכנ די
פארהארטעוועטקײַט פונ זייערע נעשאָמעס.

יאנ האָט זיך באמיט בלײַבנ אומבאמערקט. כאָטש מע האָט אימ
שטילשווײַגנדיק אנערקענט פארנ פארטרויונגס-מאנ פונעמ קאָלעקטיוו,
איז ער נאָך קיינמאָל אלס אזעלכער ניט ארויסגעטראָטנ.

אונ דאָך איז געווענ אומפארמײַדלעך, אז יאנ זאָל צוציִענ צו זיך
בריגאָלאס אויפמערקזאמקײַט. זײַנ אפּאָסטאָל-קאָפּ האָט זיך צופיל גע-
וואָרפנ אינ די אויגנ. אינ זײַנע ברעמענ איז געלעגנ א שפּור פונ
אקשאָנעס.

וואָס מער אונ אָפטער בריגאָלאס אויגנ האָבנ נאָכגעשפּיאָנירט
נאָכ יאנענ, אימ שטודירט אונ אָפּגעשאצט, אלצ דײַטלעכער האָט זיך
געלאָזט פילנ דעמ שעפס פײַנטלעכקײַט צו אימ. ווענ שילינג זאָל
ניט אָנווײַזנ אפ יאנענ, ווי אפ איינעמ פונ די בעסטע ארבעטער,
וואָלט בריגאָלא שוינ לאנג געזוכט פונ אימ פּאָטער צו ווערנ. כאָטש
ער האָט אימ געמוזט פּאָרלויפיק דולדנ צוליב זײַנ נוצלעכקײַט, האָט
ער אָבער באשלאָסנ צו האלטנ יאנענ א געוויסע צײַט אויסער דעמ
ווארשטאט.

יאנ האָט באקומענ א באפּעל אָפּצוטרעטנ זײַנ אָרט אינ ווארשטאט אונ זיכ שטעלנ ארבעטנ צווישנ די טראנספּאָרט־ארבעטער, אינ זייער גרעסטנ טייל אָרטיקע אײַנוווינער. בא דער נײַער ארבעט איז אים אויסגעקומענ יעדנ טאָג עטלעכע מאָל דורכצומאכנ דעמ וועג אהינ אונ צוריק צווישנ שלאָס אונ דער פראכט-סטאנציע אינ ר. ער פלעגט ברענגענ פארשיידענע מאטעריאלנ אינ ווארשטאט ארײַנ.

די גאנצע צײַט האָט ער געהאט א וועכטער לעבנ זיכ. אָבער דער שוימער, א גרויהאָריקער פויער פונ אויבערשלעזיע, האָט זיכ צו זײַנ מיסיע באצויגנ נישט שטארק ערנסט. בייס יאנ פלעגט ארבעטנ באמ וואָקזאל, פלעגט זיכ דער שוימער פארגינענ נעלעמ צו ווערנ אפ א האלבער שאָ.

אָבער אויכ דעמלט איז יאנ געווענ אונטער א שמירע. אפ טריט אונ שריט זײַנענ שטענדיק געשטאנענ אוניפאָרמירטע געסטאפּאָ-לײַט. זיי האָבנ מיט גאדלעס געקוקט אפ דער האָרעוואניע פונ די יידנ אונ פונ די אָרטיקע אײַנוווינער.

אינ פארגלײַכ מיט דער ארבעט אינ ווארשטאט איז די ארבעט אפנ וואָקזאל געווענ אנ אָפּרו. קיינער איז נישט געשטאנענ הינטער יאנענ אונ אימ ניט צוגעטריבנ צו דערלאנגענ מער ארבעט. לעבנ אימ איז מענ נישט געשטאנענ מיט קיינ קאָנטראָל-זייגער, נישט געמאכט אימ נישט קיינ פארדיגנטע פאָרוווּרפנ. די אוקראַינער, מיט וועלכע ער האָט געארבעט, זײַנענ געווענ מערסטנטייל שווײַגעוודיק אונ צוריקגעהאלטנ. יאנ האָט זיכ געקענט אומגעשטערט איבערגעבנ צו זײַנע געדאנקענ.

זײַנע ארבעטס-כאווייריִמ האָט יאנ איצט געזענ נאָר בייסנ אָוונטאפּעל. אפנ וועג אהיימ פלעגט ער הערנ, וואָס זיי ריידנ צווישנ זיכ. יעדנ טאָג האָט מענ מיט אלצ גרעסערער בענקשאפט גערעדט וועגנ טויט.

זײַנענ זיי שוינ בעעמעס דערגאנגענ דערצו, אז זיי זײַנענ מעקאנע די טויטע?

איינמאָל, אהיימ גייענדיק, האָט יאנ פּלוצעמ דערזענ לעבנ זיכ וואָלפנ. יאנ האָט פארשטאנענ, אז דאָס איז ניט צופעליק.

וואָלף האָט פרײַנטלעכ באגריסט זײַנ יינגערנ כאווער אונ א שטיק צײַט געגאנגענ לעבנ אימ מיט זײַנ רויִקנ געמאָסטענעמ גאנג.

— זעסט אויס פריש, — האָט וואָלף א זאָג געטאָנ אָנ קינע. — אונ דו מוזט טאקע זײַנ פריש אונ געזונט. דו האָסט די לעצטע טעג באקומענ א סאכ פרײַנט.

יאנ האָט ארויפגעלאָזט דעמ קאָפּ.

— אונ דאָכ קאָנ איכ קיינעמ ניט העלפנ, — ער האָט אָנגעקוקט

זײַנע מיטגײער פֿון דער זײַט. — איז נאָך ביכלאַל מעגלעך א שטיקל הילף?

זײ זײַנען געגאַנגען װײַטער, צװישן קוסטעס און אראָפּהענגיקע צװײַגן.

— כוץ אײן־און־אײנציק מיטל... — יאַן האָט זיך אײַנגערעדט, אַז אָט דער געדאַנק, װעלכן ער האָט איצט פּלוצעם ארויסגעזאָגט, האָט שוין לאַנג אין אים געריפּט. — װי מײנסטו, עפּשער איז שוין צײַט צו פּרוּװן ענדערן די לאַגע אַף דעם אופן, װי דו האָסט אַמאָל פֿאָרגעלײגט?

— נײן. — װאָלף האָט פֿאָרזיכטיק אראָפּגענומען דאָס שפּינװעבס, װאָס איז געבליבן הענגען אַף די ברעמען.

— דו פֿאַרגעסט אָבער, — האָט יאַן א זאָג געטאָן װאָלפֿן אַפֿן אויער, — אַז זינט אונדזער לעצטן שמועס זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דעמלט האָבן זײ נאָך דערװאַרט אַלץ פֿונעם לעבן. הײַנט טראַכטן זײ נאָר װעגן טויט.

— גלײַב נישט אין דעם, — האָט װאָלף װאָרענענדיק א זאָג געטאָן. — זײ װילן זיך אײַנרײדן, אַז זײ װילן שטאַרבן. אינדערעמעסן קלאַמערן זײ זיך איצט אין לעבן מער װי װען־ס׳ניט־איז.

— איז װאָס זשע װאָלט זײ געקאָנט שטױסן צו טאָט? — האָט יאַן דערהערט זײַן אײגענע שטים.

זײ זײַנען געגאַנגען אונטער א דאַך פֿון בײמער־קרוינען. איצט האָבן זײ דערזען דעם ייִדן־טויער. ריכטיקער — דאָס, װאָס פֿון אים איז געבליבן. כאָרעװע בוידעמער, שטיקלעך װענט, קוימענס האָבן געשטאַרצט צװישן גרינס.

— ניט קײן בסורעס פֿון אעראָפּלאַנען אָדער אונטערערדישע פֿלוגבלעטלעך, — האָט װאָלף באַטאָנט מיט לײַכטן שפּאָט. — אַזעלכע בסורעט האַלט מען פֿאַר צו אַלגעמײנע. זײ דאַרפֿן א בסורע א פּערזענלעכע, נאָר פֿאַר זײ א באַשטימטע. א באַפֿעל, װאָס מע מוז אים אויספֿירן. אָבער װער װעט שיקן בסורעס אין דער „יודענשטאַט“? װער װעט זײ אַרײַנברענגען אַהער? װער װעט זײ גלײבן?..

3

א בסורע איז דער „יודענשטאַט“ אָנגעזאָגט געװאָרן, און געבראַכט האָט זי יאַן.

פֿון א געװיסער צײַט אָן האָט מיט יאַנען אײנעם געאַרבעט אַן אוקראַינער, דראַגאָמאַנאָװ. לעהײַפּעך צו זײַנע לאַנדסלײַט, װאָס האָבן

דאָ געארבעט, איז דראגאָמאנאָוו געווען שטארק בארעדעוודיק. ער פלעגט האלטן אין איין פרעגן, און יאַנ האָט געמוזט ענטפערן. אין אָנהייב איז זיי געווען שווער צו פארשטיין איינס דאָס אנדערע מאכ־מעס דעם, וואָס יאַנ האָט גערעדט אַפּ טשעכיש און דראגאָמאנאָוו — אַפּ אוקראַיִניש. באלד אָבער האָט עס אָנגעהויבן צוגיין א סאך לײַכטער.

דראגאָמאנאָוו האָט געוואָלט וויסן וועגן די ליידן פון די ייִדישע ארבעטער אין שלאָס. יאַנ האָט אים געמוזט גענוי דערציילן וועגן דער ארבעטס-אָרדענונג און וועגן דעם, ווי זי ווירקט אַפּ די ייִדן. ער האָט געבעטן באשרײַבן אים, וויאַזוי דער שעפּ פירט דורך דעם אַפּעל; וואָס איז געווען דער גורל פון די אוועקגעשיקטע; ווי לאַנג וועלן עס נאָך די מענטשן דולדן.

יאַנ האָט רויִק געענטפערט אַפּ אלע פראגן.

איינמאָל האָט זיך דער אוקראַיִנער צוגעבויגן נאָענט צו יאַנען און שטיל א פרעג געטאָן:

— ס'איז אײַך קיינמאָל ניט אײַנגעפאלן, אז איר דארפט זיך אליין העלפן?

יאַנ האָט זיך דערשראָקן. וויאַזוי האָט דער-אָ מענטש געקאָנט טרעפן, וועגן וואָס יאַנ טראכט? עפּשער איז אָט דער געדאַנק גע־האנגען אין דער לופט?

— איך ווייס ניט, צי האָבן מיר די מעגלעכקײַט זיך צו העלפן! — האָט יאַנ לאַנגזאם געזאָגט.

דעם אוקראַיִנערס האלב-טאָטעריִשע באקנביינער האָבן זיך אָנ-געשטרענגט. ער האָט זיך געקווענקלט. ווײַזט אויס, ער האָט געקעמפט מיטן רעשט אומצוטרוי. יאַנ האָט ניט ארויסגעוויזן קיין נײַגיר. פּי־בערהאַפּט האָט ער געטראָגן די שווערע פּעק.

אויך דראגאָמאנאָוו האָט זיך צוריק גענומען צו דער ארבעט. ער האָט אָבער ניט אופגעהערט זיך צוקוקן צו יאַנען. בייס זיי האָבן ביידע ארויסגענומען שווערע קאסטנס מיט געצײַג פון א וואגאָן און אוועקגעשטעלט זיי לעבן די רעלסן, האָט דער אוקראַיִנער דערעכ־אגעוו א פרעג געטאָן בא יאַנען, צי ער קען ניט די קאזעמאטן פונעם שלאָס.

יאַנ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַפּ יאָ. ער האָט געארבעט אונטן. לעבן דער טפיסע זײַנען געווען א סאך גרויסע רעזערוו־צימערן.

דער אוקראַיִנער האָט געהיימניספול געשמייכלט. קען ער עפּשער יענעם טייל פון די קאזעמאטן, וואָס זײַנען שיס-פענצטער גייען ארויס אַפּן מארק-פּלאץ פּ'ן דער שטאָט ל.?.. האָט ער נישט באמערקט

דאָרט א נײַ־געבויטע וואנט מיט אן אײַזערנער טיר, אפֿ וועלכער עס הענגען שלעסער?

יאַן האָט זיך דערמאָנט. דעמלט האָט אים פארכאפּט די גראָטעס־קישע ראָמאנטיק פונעם אָרט. די סטעליע איז געווען הויך און גע־וועלבט. געדרייטע טרעפּ האָבן געפירט אין דער הייך. און יאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט א פוילישן פאַן, ווי ער שטייט אפֿן אייבערשטן ברייטן טייל פון די טרעפּ און בייגט זיך אראָפּ, קעדיי צו זען, ווי מע פארהערט אין אָט דעם אונטערשטן צימער געפאנגענע; אָדער אן אלטן אלכימיקער, וואָס פארנעמט זיך דאָ אונטן מיט מאגיע, מיט באשווערן גײַסטער אָדער מיט מאכן גאָלד אין ריזיקע אלטערטימ־לעכע רעטאָרטעס.

דראגאָמאנאָוו האָט אָנגעהויבן ריידן מיטן פולן מויל. ער האָט פארטרויט יאַנען, אז הינטער יענער טיר געפינט זיך א גרויסער טייל פון דעם געווער, וואָס די דײַטשן האָבן מיט צוויי יאָר צוריק קאָנ־פיסקירט דאָ אינעם קרײַז. ער אליין, דראגאָמאנאָוו, לויט דער פּראָ־פעסיע א מויערער, האָט איינגעמויערט מיט אנדערע אופגעשטעלט אָט די וואנט.

יאַן האָט זיך אײַנגעהערט און האָט ניט אופגעהערט אויסצולאָדן די קאסטנס. דערנאָך האָט ער פארמאכט דעם פוסטן וואגאָן. א היץ האָט אים באשלאָגן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט ארויסווײַזן זײַן אופרעגונג.

— איך דאנק דיר, — האָט ער שטיל געזאָגט. — ס'איז שטענדיק גוט צו וויסן, ווו ס'געפינט זיך געווער.

איצט האָט ער אָנגעהויבן אָנלאָדן זײַן לאסטמאשין. יעדע ריי אינסטרומענטן־קאסטנס האָט מען צוגעבונדן מיט שטריק, דראגאָמאנאָוו האָט זיך נאָר צוגעקוקט און האָט ניט צוגעלייגט קיין האנט.

— וועסט דאָך מיך פרעגן, — האָט ער פּלוצעם א זאָג געטאָן, — וואָס איר זאָלט טאָן מיט דעם געווער?

יאַן האָט געשמייכלט און האָט גאָרניט געענטפערט.

דראגאָמאנאָווס פּנעם איז געוואָרן פינצטער און דראָענדיק.

— דאָס, וואָס איך האָב דיר ביז איצט דערציילט, ווייסן נאָך איי־ניקע דאָ. דאָס, וואָס כ'וועל דיר איצט זאָגן, ווייסט קיינער ניט.

יאַן איז געבליבן רויק. ער האָט אופגעהויבן די הענט און גע־בונדן די שטריק. דערווײַל איז אָנגעפּאָרן א פּראכטצוג. אן אלטמאָ־דישער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך סאָפּענדיק דערנעענטערט צו זיי.

— מיט עטלעכע טעג צוריק, — האָט דראגאָמאנאָוו געשעפּטשעט, — זײַנען אנטלאָפן צוויי פון אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געארבעט.

יאַן איז געוואָרן אומגעדולדיק. זײַן אופֿזעער האָט זיך דערמאָנט

אין אים און איז שוין איצט געווען גאָר נאָענט. דער פּראַכטצוג האָט זיך געריידט פון אָרט. דער רויך האָט זיך אויסגעמישט מיט ווייסן דאַמף.

— הײַנט, — האָט דראַגאָמאַנאָוו צוגעגעבן, — זײַנען זיי באַ באָגדאַנען.

באָגדאַן איז געווען איינער פון די מוטיקסטע אוקראַיִנישע פּאַרטיזאַנער. זײַן אָטריאַד האָט אָפּערירט אַ סאַך מיזרעכדיקער פון די שטעט ל. און ר. ביז איצט איז ער נאָך קיינמאָל אהער ניט דערגאַנגען.

אין דעם היגן קאַנט האָט מען ביכלאַל ווייניק וואָס געהערט וועגן פּאַרטיזאַנער. די פּאָליאַקן זײַנען אהער ניט געקומען. און די אוקראַיִנער האָבן זיך גרענער אופגעהאַלטן אין די געדיכטע וועלדער און באַ די ברייטע טײַכן אין מיזרעך.

באָגדאַן, וואָס זײַן נאָמען איז געווען באַוווּסט נאָר אייניקע ייִנגערע באַווינער פון דער „יודענשטאַט”, איז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור. יאַן האָט ביז איצט ניט געגלייבט אין דעם, אַז ער עקזיסטירט ווירקלעך. איצט האָט ער געגלייבט.

— באָגדאַנס מענטשן זײַנען פאַראַן ערגעץ נאָענט? — האָט יאַן געשטאַמלט מיט טרוקענע ליפּן.

— זיי זײַנען דאָ און וועלן דרײַ טעג וואַרטן אַף אײַך.

— וווּ? — האָט, קימאַט וואָרגנדיק זיך פון אופרעגונג, געפרעגט יאַן.

יאַנס וועכטער איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט נאָך געקענט דערהערן. דראַגאָמאַנאָוו האָט אָנגעכאַפּט יאַנען פאַר דער האַנט. זײַנע ליפּן האָבן עטלעכע מאָל אויסגעפּליסטערט צוויי זילבן, ביז יאַן האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער מיינט. דאָס איז געווען אַ נאָמען פון אַ מיט וואַלד באַוואַקסענעם באַרג, אַ צוואַנציק מײַל ווײַט פון ל.

יאַן האָט געהאָלפן זײַן שוימער אַרופקריכן אַף דער מאַשין, אַלייך אַ שפּרונג אַרופ געטאָן. פון דער קאַבינע אַרויס האָט ער אַ קוק געטאָן אַף דראַגאָמאַנאָוו. אַף יענעמס ליפּן האָבן נאָך אַלץ געשוועבט די צוויי זילבן. יאַן האָט זיך געלאָזט צוריק.

ער האָט געיאָגט אין אַ מעשוגענעם טעמפּ. דאָס האַרץ האָט אופגערעגט געקלאַפּט. דאָס רודער-ראָד האָט זיך געדרייט אין זײַנע הענט. ער האָט זײַן שליכעס באַקומען.

פון צווישן ביימער און בערגלעך איז אַנטקעגנגעקומען דער באַרג, אַף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער שלאָס. כאָטש אַ האַלב-כאָרעווער, האָט זיך דאָך זײַן טונקעלער סילועט מעכטיק און אימפּאָזאַנט אויסגעטיילט אַפן העלן הימל.

מע האָט שוין געקאָנט זען דעם הויפּט-טייל פונעם שלאָס. ער איז געווען באַלויכטן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די צוויי צעשעדיקטע

טורעמס האָבן געוואָרפן לאנגע שאָטנס. עס האָט אויסגעזען, ווי די פיגורן פון די קיניגן און זייערע פרויען, וואָס האָבן באפוצט דעם פאָרטאל, וואָלטן געשטאנען אין פלאמען.

עס האָט זיך באוויזן די מיטלסטע וואנט. דאָ האָט זיך דייטלעך געזען די פארוויסטונג, וואָס האָט אָנגעמאכט א פוגאס-באָמבע. א העלפט פון דער וואנט איז געווען הויל. עס האָבן זיך געזען בלויז ברוכשטיקער פון ריזיקע שטיין-פלאטן. אפן אונטערשטן טייל האָבן זיך געזען רעשטן פון פרעכטיקע שניצערייען.

אויסגעוויטערטע שטיינערנע פיגורן, באלעבטע דורך דער שפיל פון ליכט און שאָטן, האָבן זיך ארויסגערוקט פון די האלב-רונדע נישעס. אייניקע זיינען געזעסן אפ גריפן און פלעדערמייז. זינדיקע זיינען געהאנגען איבער גענעמדיקע פלאמען. הייליקע האָבן זיך פארזאמלט אין וווּנדערלעכע כאָרן.

פארבייפאָרנדיק דעם פאָרטאל, האָט יאן אפ קיין רעגע ניט פארגעסן, אז ער קומט אָנזאָגן די גרויסע בסורע.

קאפיטל X

1

אין די נאָענטסטע פאָר טעג זיינען יאנס שעלוכים געגאנגען איבער דער „יודענשטאט". זיי האָבן אופגעפאָדערט די מענטשן אויסצוויילן צען פארטרויונג-מענער, וואָס וועלן וועגן אלץ אינפאָרמירט ווערן און וועלן זיך בעראטן וועגן די מיטלען, וואָס מע האָט אָנצונעמען.

די איינוווינער פון דער „יודענשטאט" האָבן זיך אין הארצן געריכט אפ אזוינס. זיי האָבן אליין געפילט, אז עפעס מוז פאָרקומען. זיי האָבן אָבער ניט גערעכנט, אז זיי וועלן דארפן אָנטייל נעמען אין לייזן דעם אייגענעם גורל. דאָס האָט בא זיי געבוירן א צווייפל. ווי קאָן מען פון זיי פארלאנגען, זיי זאָלן אנטשיידן! ווער זיינען זיי! אין וואָס קאָן זיך אויסדריקן די אנטשיידונג!

דעריבער האָבן זיי געלייגט ווייניק אכט אפ דעם, ווועמען אויסצוויילן. קיינער האָט זיך ניט געשטופט צו פארנעמען דאָס אָרט. עס איז נישט געווען ניט קיין באגייסטערונג, ניט קיין ווידערשטאנד בא די אויסגעוויילטע. זיי האָבן אָנגענומען דעם אונטראָג, נישט וויסנדיק רעכט, וואָס זיי דארפן טאָן.

די צען דעלעגאטן האָבן זיך פארזאמלט בא יאנען אין צימער. די, וואָס זיינען דאָ געזעסן אפ בענקלעך און קעסטלעך, זיינען שוין ניט געווען קיין אָנגעשראָקענע קאָרבאָנעס פון זייערע פייניקער, נאָר

מענטשן, וועלכע האָבן זיך פּיוּגענומען צו זײַן זאַכלעך. אין דעם האַלב-טונקל האָבן זיי געבילדעט איין געשלאָסענע מאַסע.

נאָכדעם, ווי יאַן האָט זיי באַגריסט, האָט ער צוגעוואַרט א רגע, איידער ער האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט געוווּסט, וואָס ער וויל. ער האָט דאָך א בסורע אָנצוזאָגן!

— מאַכמעס וואָס, — האָט ער געפרעגט, — מעגן זיי אַרבעטן אין דעם וואַרשטאַט אין ל. און לעבן? מאַכמעס וואָס טיילן זיי ניִשט דעם גורל פון זייערע ברידער אין די אַנדערע ערטער? פאַרוואָס ווערן זיי קלוימערשט געשוינט?

דער סוינע האָט אײַנגעזען, אַז מאָרד אַליין איז ניִשט קיין פּראָ-דוקטיוו געשעפט. מיט נייטן די צום טויט פאַרורטיילטע, זיי זאָלן זיך אַליין גראָבן די קוואָרים, האָט נאָך דער סוינע גאָרנישט דער-גרייכט. אַנדערש איז אָבער, אויב מע צווינגט זיי פאַרן טויט נאָך שאַפן ווערטן, וואָס וועלן ברענגען נוצן זייערע מערדער.

יאַנס בלויע אויגן האָבן געשפּריצט פײַער.

— יעדע מאַשין ווערט געשוינט. מע אייִלט, מע רייניקט, מע לאָזט אָפּרוען. וויאַזוי אָבער באַגייט מען זיך מיט ייִדישע צוואַנגס-אַרבעטער? מע פאַרגרעסערט קעסיידער זייער לאַסט, מע פאַרקירצט זיי בעקיוון די יאָרן. איצט שטייען זיי, גלײַך ווי א צופיל אָנגעהיצטע קאָלבע, וואָס אָט-אָט פּלאַצט זי. זיי קענען אַליין זאָגן, ווען זיי וועלן ווערן ברוכוואַרג.

יאַן האָט א ווײַלע געוואַרט. ער האָט באַטראַכט די דעלעגאַטן, ווי זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און פאַרפּינצ-טערטע פּנעמער. דאָס אַלץ האָבן זיי אַליין געוווּסט. קעדיי דאָס אויסצוהערן, האָט מען זיי ניִשט באַדאַרפט צוזאַמענרופן.

שטיל און פאָרזיכטיק האָט יאַן ווײַטער גערעדט:

— מיר מעגן מעקאַנע זײַן די טויטע. טויטע זײַנען פרײַ. עס פרעסט זיי ניִשט דער זשאַווער פון צעשטערנדיקער אַרבעט, קיינער שפּעט ניט אָפּ פון זייער פּײַן, צעשמעטערט זיי ניט מיט קיין דראָנג-גען, פּילט זיי ניִשט אָן מיט שרעק, יאָגט זיי ניִשט פאָרויס, ניִשט קימערנדיק זיך ווען בלינד געוואָרענע אויגן, צעקאַליעטשעטע אייווע-רים, צעווייטעקטע מוסקולן. טויטע געפינען זיך שוין מער ניִשט אין רעשוס פון זייערע פּײַניקער, זיי זײַנען אויסער אַנגסט, פּײַן און שרעק.

יאַן האָט גערעדט מיט א גלײַכמעסיקער שטים און האַלב-פאַר-שלאָסענע אויגן. זײַנע רייד האָבן געקלונגען פאָרזיכטיק און צוריק-געהאַלטן.

— פאַרשטייט מיך ניט שלעכט! עס איז אין דער נאַטור פון מענטש לעבן, אַז עס וויל דויערן. ווי לאַנג א מענטש האָט מעגלעכקײַט צו

לעבן, ווײל ער די מעגלעכקײט אויסנוצן. אָבער ווען ער באַנעמט, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער? אַז ער האָט נישט מער וואָס צו דער־וואַרטן? אַז דאָס, וואָס אים שטייט פאָר, איז נאָר אײנס: אומקומען מיט דעם טויט, וואָס דער סוינע האָט אים באַשטימט. מוז ער נישט דעמלט לעכאָלאַפּאָכעס פּרוּוון שטאַרבן אַזוי, ווי ער אַלײן געפינט פאַר נייטיק?

יאַן האָט באַטראַכט די שווײַגנדיקע צוהערער. זײַנע אויגן האָבן געוואַנדערט פון אײנעם צום צווייטן. זיי האָבן אָבער אויסגעמיטן זײַן בליק. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— ווען מע פרעגט בא מיר, וויאַזוי איך וויל שטאַרבן, — האָט דערקלערט יאַן מיט גרויסע פּאַוזעס צווישן די ווערטער, — וואָלט איך געענטפערט: איך וויל נישט וואַרטן, ביז איך וועל שוין מער נישט פעיִק זײַן צום ווידערשטאַנד.

יאַן האָט זיך אַ רעגע געקווענקלט. דערנאָך האָט ער צונויפגע־נומען זײַן גאַנצע ענערגיע, קעדיי איבערצוגעבן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט איבערצוגעבן:

— איך, — האָט יאַן אַ געשריי געטאָן, — איך קען אײַך געבן פרײַהײַט. איר האָט די מעגלעכקײַט צו פאַרכאַפּן דעם שלאָס. האָט איר דעם שלאָס פאַרכאַפּט, איז בא אײַך די ברירע: אָדער אומקו־מען אונטער זײַנע כורוועס אָדער דורכשלאָגן זיך צו באַנדאַנען, וואָס אָפּערירט צוואַנציק מײַל פונדאַנען.

די דעלעגאַטן זײַנען אופגעשפּרונגען פון די ערטער און האָבן גענומען אײנער דעם צווייטן איבערשרײַען. דאָס קלײנע כיידערל איז פּלוצעם פול געוואָרן מיט געשריי און אופגערעגטע זשעסטן. ביסלעכווײַז האָט אײן שטימע גענומען הערשן איבער די איבעריקע. דאָס איז געווען לוריע. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו יאַנען. מיט זײַן געזונטן קאַרק און צאָרנדיקן בליק האָט ער דערמאָנט אין אַ צערייצטן אָקס.

— איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז דו ביסט אַן אַמהאָרעץ. נאָר אַן אַמהאָרעץ קאָן מאַכן אַזוינע פאָרשלאָגן.

יאַן האָט באַגעגנט לוריעס פאַראַכטלעכן בליק מיט אַ שמייכל.

— זאָג נישט, — האָט ער געבעטן, — אַז איך בין אַן אַמהאָרעץ. איך הער אַ בסורע. זי קומט פון דאָרטן, פונוואַנען עס קומען אַלע בסורעס. אומוויסנדיק ביסטו, לוריע. דו קלאַמערסט זיך אין אַלטע שיימעס. אָבער יעדע צײַט האָט זיך איר צייכן. דו ביסט אין פאַר־בלענדעניש, און דײַן כויוו איז נישט נאָר אויסהערן די בסורע, וואָס איך זאָג אָן, נאָר אויך פאָלגן.

יאַנ האָט איבערדערציילט זײַנ שמועס מיט דראַגאָמאַנאָוונ. ער האָט געגעבנ באַוויזנ, אַז מע מעג אים גלייבנ. דאָס, וואָס דראַגאָ־מאַנאָוו האָט פאַרטרויט, קומט פּונקט צו דער רעכטער צײַט. עס איז נישטאָ קיינ אויסוואַל. ווענ ס׳זאָל אַפילו נים פירנ צו קיינ רעטונג, איז עס אויכ פונ גאָט. דאַרפ מענ פּרוּונ. וואָס באַדײַט דער־פאַלג אינ אַזוינע אומשטענדנ, וואָס באַדײַט רעטונג? וואָס קאָנ זיי דענ דערוואַרטנ ערגערס פונ שטאַרבנ?..

יאַנס שטימ האָט צומ סאָפ גענומענ קלינגענ טריומפירנדיק. דער־נאָכ האָט ער זיכ אָוועקגעזעצט אונ האָט גענומענ וואַרטנ.

דאָס שווײַגנ האָט געדויערט אַ היפשע ווײַלע. ענדלעכ האָט זיכ אופגעהויבנ אַנ עלטערער מענטש, ענגעל האָט ער געהייסנ. ער האָט געהאַט ראָזע באַקנ אונ קינדערשע אויגנ.

— דו זאָגסט, אַז דו האָסט אונדז אָנצוזאָגנ אַ בשורה. מעגלעכ — אַז יאָ, מעגלעכ — אַז ניט. ווענ דו וואָלסט געווענ אַ נאָווי, פונ אַלע־מענ אַנ אַנערקענטער, וואָלט איכ דיר עפּשער געגלייבט. אָבער אַפילו געוויסע אונ צאַדיקימ, וועלכע האָבנ געפּריידיקט געוואַלט, זײַנענ זיכ טויע געווענ אונ האָבנ אונדז, יידנ, געשטעלט אינ גרויס סאַקאָנע. איכ בינ קעגנ געוואַלט. ווענ דו ווייסט בעסער די יידישע געשיכטע, וואָלסטו געוווּסט, אַז געוואַלט האָט אונדז קיינמאָל ניט געהאָלפנ, ווײַל די אַנדערע זײַנענ שטענדיק געווענ שטאַרקער פונ אונדז, אונ מיר האָבנ שטענדיק געמוזט פאַר געוואַלט באַצאָלנ דרײַפאַכ. נישט געקוקט אַפ אונדזער שוצלאָזיקײַט — אונ עפּשער טאַקע מאַכמעס איר — האָבנ מיר זיכ אופגעהאַלטנ. זאָלנ מיר דורכ ווידערשטאַנד פאַרשנעלערנ אונדזער אונטערגאַנג? ענטפער! דערווידער מיר! שלאָג מיכ, אויב איכ בינ אומגערעכט.

— איכ בינ ניט קיינ נאָווי, אונ איכ שטאַמ ניט פונ קיינ נע־וויִימ, ווי אַ טייל פונ אײַכ, — האָט יאַנ רויִק געענטפערט, — אונ באַ־שולדיקט מיכ נישט קעסיידער אינ אַמהאַראַצעס. איכ האָב ווייניק געלערנט די ביבל אונ די ביכער וועגנ אונדזער געשיכטע. אָבער דאָס, וואָס איכ ווייס פונ דאָרט, איז קעגנ אײַכ. עס גייט דאָ ניט אינ רע־טונג אָדער אונטערגאַנג, נאָר אינ דעמ, צי זאָלנ מיר ווײַטער, ווי שימשנ אינ דער טפיסע, דרייענ די שטיינער פונ דער מיל, אָדער טאָנ ווי ער — אומקומענ צוזאַמענ מיטנ סוינע.

יאַקאָב, דער געוועזענער אַרענדאַר, איז אופגעשטאַנענ. די טונקל־קײַט האָט פאַרצויגנ זײַנ האַמעטנע געזיכט.

— עס קימערט מיכ זייער ווייניק, צי עס איז פּראָנ געווער אונ צי קענענ מיר דערצו צוקומענ. איכ פרעג ניט, צי עקזיסטירט באַג־דאַנ, נאָכ ווייניקער — צי אונדז וועט געלינגענ צו אימ זיכ דער־

שלאָגנ. איכ האָב גאָרנישט קעגנ שטאַרבנ אײנײנעמ מיט די פּליש־טימ, ווי שימשנ, אָפּ וועלכנ דו פאַרופסט זיכ, אָבער וואָס דערוואַרט יענע, וועלכע וועלנ בלייַבנ לעבנ? מיט א שנעלנ טויט וועלנ דאָכ גע־האָלפנ ווערנ נאָר מיר אַליינ. עפשער וועלנ דערפאַר די איבעריקע שטאַרבנ מיט נאָכ א לאַנגזאַמערנ אונ שרעקלעכערנ טויט?

די דערווידערונג זייַנע האָט יאַקאָב איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל: מע איז נית אַליינ. מע טאָר זיכ נית רעכענענ נאָר מיט זיכ אַליינ. ערגעצ אַנדערש לעבנ אַנדערע מענטשנ אינ די זעלבע באַדינגונגענ. וואָס מע זאָל נית טאָנ, גייט עס אָנ אויכ אַנדערע. ביז מע וועט נית וויסנ, וואָס פאַרא פאָלגנ דאָס וועט האָבנ פאַר די איבעריקע, טאָר מענ גאָרנישט פאָרנעמענ.

אויכ די דערווידערונג האָט יאַנ אָפּגעוואָרפנ. געדולד האָט נאָכ קיינעמ קיינ נוצ נית געבראַכט. די מאַכט פונ שוצלאָזיקייַט, וואָס באַצווינגט ווילדע כייַעס, איז א באָבעמייַסע. געוואַלט קאָנ באַזיגט ווערנ נאָכ דורכ געוואַלט.

דאָ האָט גענומענ דאָס וואָרט לוריע. מיט צונויפגעצויגענע ברע־מענ אונ דאָכ מיט מיטלייַד אינ שטימ, האָט ער געמוסערט יאַנענ:

— יאַנ האָט געהאַט די כוצפע צו זאָגנ, אַז די טוירע איז פאַרעל־טערט. נאָר אַמהאַראַצימ קאָנענ אַזוינס זאָגנ. די טוירע איז געגעבנ פאַר אַלע צייַטנ. ווער וועט העלפנ יידנ, אויב נית די טוירע. אונ זי לערנט אונדז געדולד. האָבנ דענ די פריערדיקע דוירעס שוינ נית איבערגעלעבט אַזוינס, ווי די איצטיקע? נאָכ מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק פלעגנ אונדזערע כאַכאָמימ אונ זייערע טאַלמידימ אומקומענ פונ ראָצכישע הענט פאַר לערנענ טוירע.

די טוירע פאַרווערט זינלאָזנ קאַמפּ. מערידע איז פרעמד דעמ יידנ. וויי איז דעמ יידנ, וואָס האָט פאַרלאָרנ דאָס געדולד. פאַרלירנ דאָס געדולד הייסט פאַרלירנ דעמ גלויבנ. גאָט אַליינ הערט אופּ צו שיצנ דעמ אומגעדולדיקנ.

נאָכ לוריענ האָט גערעדט דאָנער, אַנ עסטרייַכישער ייד, א גע־וועזענער בוי־מייַסטער, וואָס האָט איצט געאַרבעט אַלס מעטאַל־שווייסער. ער האָט זיכ געשטעלט אָפּ יאַנס צאַד.

— לאָזט גאָט צורו, — האָט ער געזאָגט, ציטערנדיק פאַר אופרע־גונג, — מיר זייַנענ דאָ נישט אָפּ צו דיסקוסירנ וועגנ אויספּילנ די דינימ פונ דער טוירע. עפשער האָבנ זיי ערגעצ געגאָלטנ. דאָ גילטנ זיי נישט. גאָט האָט אונדז איבערגעגעבנ אינ די הענט פונ אונדזערע פייַנט. איכ קלאָג זיכ נישט אָפּ אימ. איכ האָב נישט קיינ טייַנעס צו אימ. אָבער איכ בינ אימ אויכ גאָרנישט שולדיק. מיר מוזנ נעמענ אונדזער גוירל אינ אונדזערע אייגענע הענט. מיר דאַרפנ באַשליסנ, צי וועלנ מיר

בלײַבן װײַטער פּאַסיװ, אָדער זײ װעלן מיר אָנהײבן עפּעס צו טאָן. האָט איר שױן אײנגאַנצן פאַרגעסן, װאָס עס הײסט טאָן? האָט איר שױן פאַרגעסן, װאָס אָט דאָס װאָרט באַטײַט? אונדזער ברודער רופט עס געדולד. איך רוף עס פּאַכדאָנעס. באַטראַכט זיך: איז דען ניט פאַרבליבן אין אײַך קײן שפּור פון די אַמאָליקע אופשטענדלער? הײבט זיך אוף! נאָר דער האָט רעכט צו לעבן, װער עס פאַרמאָגט מוט! נאָר דער מוטיקער האָט רעכט אַפּ אַ העלדישן טױט!..

מיט פלאַקערנדיקע אױגן איז דאָנער געשטאַנען אינמיטן צימער.

— איך זאָג נישט, אַז איר לעבט נאָך. איר און איך, גיר אַלע, די הונדערטער אַהער געבראַכטע פון גאָר דער װעלט, מיר זײַנען שױן לאַנג טױט, כאָטש מיר אָטעמען נאָך. אָבער װער עס אָטעמט, קאָן נאָך האָסן. און װער עס האָסט, קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט דער ראָליע, װאָס איר שפּילט. איר װילט זײַן נאָר צושױער פון אײַער אײגענער שאַנד? איר װילט זײַן אײדעס פון אײַער אײגענעם אומקום? איר װילט זיך אַלײן לעבעדיקערהײט באַגראָבן?

דאָנער האָט מיטגעריסן דעם גרעסטן טײל דעלעגאַטן. ער האָט דערמאָנט די אָנװעזנדיקע זײער פליכט. עס איז ניט געװען קײן פראַגע פון לעבן און טױט, נאָר פון דולדן אָדער שטעלן אַ װידערשטאַנד. עס איז לײַכטער צו שטאַרבן, װען מע האָט נעקאָמע גענומען. װער עס קעמפט, פילט ניט קײן װוּנדן.

דער רױשעם איז געװען אַ שטאַרקער. ליפּן האָבן געציטערט, הענט האָבן זיך געהױבן. אַ געמורמל האָט באַשטעטיקט דאָנערס רײד. יאָ, לענגער אַריבערטראָגן איז שױן אומעגלעך.

די שטימונג איז געװאָרן נאָך געהױבענער, בײַס נאָװאַק, אַ געװעזענער באַרג-אינזשעניער, איז אופגעשטאַנען און איז מיט ברײטע טריט צוגעגאַנגען צו יאַנען. ער האָט אים אַרומגענומען און געקושט אין בײדע באַקן. דאָס איז געװען זײַן ענטפער אַפּ יאַנס פאָרשלאָג. שױן יאָרן, אַז ער פילט זיך נישט מער פאַר קײן מענטשן. דאָס באַװוּסטזײַן פון דער דערנידעריקונג האָט אים געפרעסן װי זשאַװער. איצט קאָן ער װידער טראָגן הױך דעם קאָפּ. נאָװאַק האָט מיט דאַנקבאַרקײַט געגלעט יאַנס הענט.

זײַנע אומבאַהאָלפענע רײד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. װען ער האָט זיך געזעצט אַפּ זײַן אָרט, האָט מען אים פון אַלע זײַטן געװוּנקען.

עס איז נאָך ניט געװען אײנגאַנצן פינצטער, װען מיכאַעל האָט גענומען דאָס װאָרט. קײנער האָט נישט דערװאַרט, אַז ער װעט רײדן. ער האָט מיט גאָרנישט ניט אַרױסגעװיזן, אַז יאַנס פאָרשלאָג זאָל האָבן געמאַכט אַפּ אים אַ שטיקל רױשעם.

— דאָס, וואָס דו לייגסט פאָר, — האָט ער זיך געווענדט צו יאַ־נען, — איז ניִשט מער, ווי אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג. דאָס, וואָס דו לייגסט אונדז פאָר, איז אין בעסטן פאַל אומקום. דו שילדערסט אונדז דעם טויט ווי אַ גליק. וועמען רעכנסטו צו פאַרפירן? שטאַרבן איז ניט קיין ציל. אין דער „יודענשטאַט" וווינען באַ פינף הונדערט מענטשן. פינף הונדערט מענטשן... פול מיט האָפענונג און דאָרשט צום לעבן, איז פאַר זייווירקלעך נישטאָ קיין בעסער אויסוועג ווי שטאַרבן? איך לייקן נישט, אַז מיר ליידן אָן אַ שיר. אָבער ווער עס ליידט, דער לעבט. און דער, וואָס הערט אויף צו ליידן, האָט מער נישט אויף וואָס צו האָפן. דער ווערט מער קיינמאָל ניט זען זיין פרוי און קינד, זיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער. דער ווערט ניט דער־לעבן דעם טאָג פון געריכט!

די שטימונג האָט אָנגעהויבן זיך צו ענדערן. מיכאעל האָט עס באַמערקט. ער האָט געפילט גלייכציַיטיק אַ צופרידנקייט אַ פאַראַכ־טונג צו יענע, וועלכע האָבן אַזוי שנעל געביטן זייער מיינונג.

ער האָט קיינמאָל זיין מיינונג ניט געענדערט. ער איז געשטאַ־נען אויף איינעם, אַ גאַנץ באַשטימטן שטאַנדפונקט. ער מוז איבער־לעבן, אום יעדן פּרייז, ווי הויך דער פּרייז זאָל ניט זיין.

מיכאעל האָט געזען, אַז ער האָט די אויבערהאַנט. העפלעך שמייכ־לענדיק, האָט ער זיך געווענדט צו יאַנען:

— איך פאַרשטיי דיך. ביסט יונג. ווילסט עפּעס טאָן. אָבער צו וואָס נוצט אַ טאַט, וואָס פירט צום אונטערגאַנג? איז אומקום אַ ציל פאַר זיך?.. באַפעל זשע, מע זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד! צוליב דעם האָבן מיר זיך דען ביז איצט אופגעהיט, אַז מיר זאָלן איצט באַגיין זעלבסטמאָרד?!

יאַן האָט אומרויִק באַטראַכט די פאַרזאַמלטע.

מיכאעל האָט ווייַטער גערעדט:

— דו, יאַן, ליידסט אויף אומגעדולד. גלייב מיר, אומגעדולד איז קינדעריש. איך בין נישט אַזוי פרום, איך זאָל רעקאָמענדירן געדולד אין נאָמען פון דער טוירע. אָבער איך האָב גענוג דערפאַרונג צו פאָדערן דאָס פון יעדן פאַרנינפטיקן מענטשן אין נאָמען פון זיין אייגן לעבן. מיר אַלע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינע פאַר די אַנדע־רע. קיינער פון אונדז איז דאָ נישט פאַר זיך אַליין. מיר מוזן אויסהאַלטן צוליבן קלאַל. מיר זיינען שולדיק אַ כּיוון נישט נאָר די לעבעדיקע, נאָר אויך די טויטע. איך באַטראַכט דעריבער דיין פאָרשלאָג נישט נאָר אַלס ליַיכטזין, נאָר אויך אַלס פאַראַט קעגן אָט דעם כּיוון אונדזערן. ווער עס ווערט גיין נאָך דיר איז אין מיינע אויגן אַ דעזערטיר.

די דעלעגאטן, אויסער נאָוואקן און דאַנערן, האָבן זיך פאַר־שטענדיקט מיט די בליקן. אפ די פענעמער האָט מען לײַכט געקאָנט איבערלייענען, אז מיכאעל האָט געזיגט.

יאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און געוואַרט, ביז ס׳איז געוואָרן שטיל.

— דו האָסט גערעדט וועגן פינף הונדערט, — האָט ער געזאָגט, באַמיִענדיק זיך צו בלײַבן רויִק, — וועגן פינף הונדערט, אין וועלכע עס שטעקט אזויפיל האָפענונג און דאָרשט צום לעבן. שטעל זיך פאָר, אז מאָרגן ווערן פופציק פון זיי פאַרשיקט. וואָס וועסטו דעמלט טאָן, מײַן פרײַנט?

מיכאעל איז געוואָרן אומרויִק. וואָס האָט ער געקאָנט יאַנען ענטפערן? ער האָט בא זיך געוווּסט, אז פון די פינף הונדערט גייען אים פאַקטיש אָן נאָר צוויי: ער און רוט. ער האָט זיך גאָרנישט גע־שעמט דערמיט.

— דו וועסט מיך מיט דער פראַגע נישט פאַקן! — האָט ער גע־ענטפערט שארף. — לאָמיר אָנעמען, אז מע וועט ווירקלעך, גאָט זאָל היטן, פאַרשיקן פופציק מענטשן, צווישן וועלכע איך וועל ניט זײַן, וואָלט איך אויך נישט געקאָנט טאָן עפּעס אנדערש, ווי צוקוקן און לײַדן. דו פאַרגעסט, אז עס וועלן בלײַבן נאָך פיר הונדערט און פופציק, וועלכע שטעלן צו מיר אַרויס געוויסע פאָדערונגען. איז דען נישט גלײַכער צו ראַטעווען פיר הונדערט פופציק איידער קיינעם נישט?

יאַנס ענטפער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גאַל.

— איך ווייס נישט, צי די איבערגעבליבענע וועט צוקומען גע־זונט פון צוקוקן, ווי איין טייל ווערט איבערגעלאָזן אפן באַראָט פון גורל. צי דאַכט זיך דיר ניט, אז דאָס צוזען דערנידעריקט דיך? צו־זען איז פיל ערגער, ווי זײַן צווישן די פאַרשיקטע.

מיכאעל האָט זיך באַמיט גויוער צו זײַן דעם קאַס.

— טראַכט נישט קעסיידער וועגן יענע, וואָס זײַנען פאַרפאַלן, — האָט ער געזאָגט קאַלט. — טראַכט וועגן יענע, וועלכע קאָנען געראַ־טעוועט ווערן. מיר זײַנען נישט אזוי רײַך, מיר זאָלן קאָנען טרענצ־לען לעבנס. און פאַרוואָס זאָלן מיר שיקן אונטערן כאַלעף גראָד די יונגע? זיי האָבן דאָך אַלע שאַנסן צו בלײַבן, אויב זיי וועלן האָבן סייכל?

מיכאעל האָט אַרויסרופעריש אַ קוק געטאָן אפ יאַנען:

— דו אַליין ביסט דאָך איינער פון זיי.

די פינצטערניש איז געוואָרן געדיכטער. מע האָט שוין ניט גע־זען קיין פענעמער.

— וואַרף מיר נישט אוף קעסיידער מײַן יוגנט! — האָט יאַן אַ זאָג געטאָן, זיך ווערגנדיק מיט די ווערטער. — איך האָב קיינמאָל ניט

פארלאנגט קיין באזונדער רעכט פאר דער יוגנט. מיר, יונגע, האָבן זיך אפילע אָפגעזאָגט פון אייגענע פארטרויונגס-מענער. איך קען נישט לייקענען, אז די מערהייט איז אף דיין זייט. פון היינט אָן ביסטו פאראנטוואָרטלעך פאר זיי. דו הערסט? דו, און מער קיינער. איך ווייס נישט, וואָס דו רעכנסט צו טאָן מיט זיי. קיין רעכט אף לעבן האָבן זיי שוין לאנג ניט. קיין רעכט צו שטארבן האָבן זיי, לויט דיין מיינונג, אויך נישט. אזוי צווינגסטו זיי צו אן עקזיסטענץ, וואָס איז נישט לעבן און נישט טויט.

מיכאעל האָט געוווסט, אז ער שטייט ניט אף קיין זיכערן באָדן. נעמענדיק אין אכט די ניט שטאנדהאפטיקייט פון די דעלעגאטן, האָט ער געהאלטן זיין דערפאָלג ניט פאר קיין פעסטן. „מע מוז זיין דאָפלט פאָרזיכטיק", — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט.

— איך דערלאָז, — האָט ער געטענהט, — אז קיין איינציקער אין דער „יודענשטאט" איז ניט גאראנטירט פון פארשיקונג. איך האָב זיך קיינמאָל נישט איינגעבילדעט, אז מע קאָן אלעמען ראטעווען. איך בין גרייט מודה צו זיין: איך רעכן, אז נאָר א העלפט וועט איבערלעבן, די איבעריקע וועלן אומקומען פון אָפשוואכונג און אנדערע סיבות. אָבער עס איז מעגלעך, אז איך האָב אפילע בא אָט דער פעסימיסטישער אויסרעכענונג אויך געהאט א טאָעס אין כעזשבן. נעם דעם ערגסטן פאל, אז עס בלייבט בלויז א פערטל-טייל! דו מוזט אנערקענען, אז בא דער ערגסטער לאגע וועלן נישט אלע אומקומען. און אויב נישט אלע וועלן אומקומען, מוזן דאָך אייניקע איבערבלייבן. איך זאָג אייניקע. איך וואָלט מיט דעם זעלבן רעכט געקאָנט זאָגן: איינער!

מיכאעל איז צו צו יאנען, אים אָנגעכאפט בא דער רעכטער האנט, וועלכע יאן האָט האסטיק ארויסגעריסן.

— נעם אָן, אז עס גייט נאָר אין דעם לעבן פון דעם איינעם. אויב עס וועט אויסגעפילט ווערן דיין פאָרשלאָג, וועט דאָך נישט בלייבן אפילע דער איינער. ווילסטו דעם איינציקן אויך נישט פארגינען צו בלייבן לעבן? גיב אים א שאנס! לאָז אים איבער די אויסזיכט זיך צו ראטעווען! אויב דער איינער וועט בלייבן, וועלן מיר, די איבעריקע, גערן נעמען אף זיך דאָס, וואָס אונדז איז באשערט!

מיכאעלס שטימע האָט געקלונגען הייס און איבערצייגעוודיק. אָבער יאן איז געווען אזוי אָנגעשטרענגט, אז ער האָט דערפילט די גאנצע נישט אופריכטיקייט פון די רייד. יאנען איז געווען קלאָר, אז מיכאעל קעמפט נישט פאר דעם איינעם, נאָר פאר זיך אליין. יאן האָט זיך געשעמט און געהאט כיישעק זיך צו באהאלטן.

יאנס קאָפ איז טיף און אנטוישט אראָפגעהאנגען. זיין שטים האָט געקלונגען אלץ מידער:

— אלע! — האָט ער געזאָגט. — אלע פינף הונדערט נעפּאשעס.
מיטאמאָל האָט ער אויסגעשטרעקט א האנט און אָנגעוויזן אפ דער טיר.
— גייט שלאָפן, ברידער, — האָט ער געזאָגט, — די אויגן קלעפּן זיך שוין בא אײַך. גייט אפגיכ. פארלירט נישט די טײַערע צײַט. איך האָב נישט מער וואָס צו זאָגן.
שטום האָבן זיך אופגעהויבן די פארטרויונג-מענער. ס'איז געווען פינצטער, איינער האָט דעם אנדערן ניט געזען.
— איך וועל אָנצינדן א ליכט, — האָט יאן געזאָגט.
— נאָך וואָס? — האָט מיכאעל געפרעגט. — מיר וועלן אזוי אויך טרעפן.
יאן האָט אָבער אָנגעצונדן א קאנעצל און ארויסגעבאגלייט זײַנע באזוכער.
— איך גלייב, — האָט מיכאעל געזאָגט, פרוווּנדיק אָנצונעמען יאנס האנט, — אז מיר האָבן אלע געטאָן אונדזער כויוו און קיינע טײַנעס איינער צום אנדערן דארפן מיר נישט האָבן.
יאן האָט אָפּגעווענדט דאָס פּאָנעם. אפילע דער אָטעם מיכאעלס האָט אים באליידיקט. ער האָט געזען אויסמײַדן מיכאעלס אויגן. און אז מיכאעל האָט געוואָלט אפ אים א קוק טאָן, האָט יאן זיך פארשטעלט דאָס פּאָנעם, קלוימערשט פאר דער שײַן פונעם קאנעצל.
די פארטרויונגס-מענער האָבן געמורמלט עפּעס אנטשולדיקונגען און פעסט געדריקט יאנס האנט.
שטיל און פאָרזיכטיק זײַנען די מענטשן געגאנגען איבערן פינצטערן פירהויז. ארויס אפ דער ענגער גאס, האָבן זיי אופגעהויבן די אויגן. איבער דער „יודענשטאט" האָט געשטראלט דער נאכט-הימל.
עטלעכע מינוט איז יאן געשטאנען מיטן קאנעצל אין דער האנט און האָט פארלאָרן געקוקט אפן פלאַם.
— לעבן! — האָט ער ביטער געזאָגט. — זיי ווילן לעבן... די דאָזיקע נאראָנים ווייסן נאָך אלץ ניט, אז זיי זײַנען מייסים.
ציטערנדיק איז ער ארײַן צוריק אין שטוב.

2

— דער סייכל האיאָשער האָט געזיגט, — האָט מיכאעל געזאָגט, ווען ער איז געקומען אהיים. זײַנע אויגן האָבן געגלאנצט. רוט איז געזעסן אפ איר געלעגער, מיט די הענט ארומגענומען די אופגעהויבענע קני. די שײַן פונעם קליינעם לעמפל האָט פון א זײַט באלויכטן איר געזיכט.
— דאָס באטײַט, — האָט מיכאעל ווײַטער גערעדט, — אז מיר ווילן מער ניט דולדן קיין נארישקײַטן.

רוט האָט געשוויגנ.

מיכאעל איז געוואָרנ צעמישט. ער האָט געפּרוּווט איבערכאַזערנ עטלעכע פראַזעס, וועלכע האָבנ מיט א שאָ צוריק געמאַכט אַזאַ שטאַרקנ איינדרוק.

— זיי זיכ נישט מאַטריעכ מיכ צו איבערצייגנ, — האָט רוט געבעטנ. — מיר קענענ נישט מער. מיר טאָרנ נישט מער. אונ מיר ווילנ נישט מער. צו וואָס צווינגענ אונדז ווייטער צו לעבנ?

זי האָט אימ אָנגעקוקט מיט מידע אויגנ. דאָס מאַטע ליכט האָט געטריפט איבער די מאָגערע באַקנ, שמאָלע אַקסלענ, קינדערשע הענט.

— האָסטו א טראַכט געטאָנ וועגנ דעמ, וואָס אונדז דערוואַרט, אויב מיר וועלנ אַפילע בלייבנ לעבנ? דו מיינסט, אַז מע קאָנ אונדז נאָכ ראַטעווענ? אַז מיר זיינענ נאָכ פייִק צו פירנ א פרידלעכ לעבנ, צו האָבנ קינדער אונ גרינדנ פאַמיליעס?

— וואָס רעדסטו וואָס? — האָט מיכאעל געמורמלט, — דו ווילסט פאַרלירנ גיינ פאַרנ לעבנ?

רײדנדיק צו איר, האָט ער פונ איר קײנ אויג ניט אַראָפּגענומענ. איר אויסזעונ האָט אימ געשראָקנ.

עס איז אוממעגלעכ געווענ אָפּצוּווענדנ רוטנ פונ אָט דעמ געדאַנק. זי האָט אימ נאָכאַמאָל אונ ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט אונ באַטאָנט. זי אונ איר גאַנצער דאָר זיינענ פאַרפאַלענע. וואָס יינגער זיי זיינענ, אַלצ ווייניקער אויסזיכטנ זיינענ פאַראַנ זיי צו ראַטעווענ, אַפילע אויב זיי וועלנ לעבנ בלייבנ. אונ אויב עס קומענ אומ יונגע פרויענ, וואָס דאַרפנ ערשט מוטערס ווערנ, וויאַזוי קענענ געבוירנ ווערנ קינדער?

רוט האָט אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ גערעדט אינ דער פינצטערניש אַרײנ:

— פונ די צעמאָלענע, צעטרעטענע באַשעפענישנ, פונ אָט די מענטשלעכע כורוועס קענ מענ שוינ קײנ מענטשנ צוריק ניט מאַכנ. וואָס בא אַנדערע דויערס איז געווענ שטאָלצ, מוט, שטרעבונג צו רומ, איז באַמ איצטיקנ דאָר געוואָרנ איינ אייטערדיקע וווּנד.

זיי זאָגנ גאָט — אונ קענענ זיכ פאָרשטעלנ נאָר א הענקער אינ אַנ אוניפאָרמ. זיי זאָגנ מאָרגנ — אונ מיינענ עפּעס אומקלאָרס אונ גרויעס. זיי זאָגנ האָפענונג אונ זיינענ אומבאַהאָלפנ. וואָרעמ וואָס פאַר א זינ האָט פאַר זיי אָט דאָס וואָרט?

רוטס שטימע האָט געקלונגענ אַלצ שטילער. דעמ קאָפּ האָט זי אַראָפּגעלאָזנ אַלצ נידעריקער.

אינ די ווינקלענ פונעמ טורעמ האָבנ זיכ אַרומגעיאָגט שטשורעס. ווייטע אַעראָפּלאַנ-מאָטאָרנ האָבנ אָנגעפילט די לופט מיט א קלאָגנדיק

געוויש. דער ווינט האָט געבויגן די שפּיצן פון די ביימער. יעדער קלאַנג האָט אין די פאַרלאָזענע צימערן אַרויסגערופן אַ פילפאַכן עכאָ.

מיכאעל האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך. ער האָט זיך געפילט אַלץ מער פאַראַטן און באַרויבט. ער איז אָבער געווען צו ווייניק נאָכגיביק, ער זאָל דערלאָזן, אַז עמעצער אַן אַנדערער קאָן זײַן גערעכט, ניט ער. מענטשן פון זײַן שניט גיבן קיינמאָל ניט נאָך מיטן גוטן ווילן. ער איז נישט געווען דערשראָקן, נאָך ווייניקער — איבערצײַגט. ער איז געווען טיף פאַרוווּנדעט.

יאַן, סימאָן און אימרע האָבן זיך געדרייט אַף זייערע געלעגערס, ניט געקענט בעשום-אויפן אַנטשלאָפן ווערן. קיינער האָט נישט גערעדט. אַלע האָבן געטראַכט וועגן איינס. עפּשער זאָל מען זיך ניט רעכענען מיט דער אָפּשטימונג און אַוועקגיין צו באָגדאַנען, אַז קיינער זאָל ניט וויסן? ס'איז זיכער פאַראַן אַ געוויסע צאָל אויסגעפּרוּווטע מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט צו וואָגן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. סאַראַ קישעף ס'איז געלעגן אין דער פאָרשטעלונג — ניט זײַן מער קיין צוואַנגס-אַרבעטער, נאָר אַ קעמפער!

מיטאַמאָל האָבן אימרע און סימאָן פאַרלאָזן זייערע געלעגערס און זײַנען צוגעגאַנגען צו יאַנען. זייער הייסער אָטעם האָט אים געבריט ווי פײַער.

— מיר גלייבן אין באָגדאַנען ניט ווייניקער ווי דו, — האָט אימרע אויסגעפּליסטערט.

— און ווײַל מיר גלייבן אין אים, לייגן מיר דיר פאָר, — האָט סימאָן צוגעגעבן, — צוזאַמען אַוועקצוגיין צו אים.

— נאָך היינטיקע נאַכט, — האָט זיך אימרע אַזש געשטיקט פון אויפרעגונג, — אויב מיר וועלן זיך אין אַ שאָ אַרום לאָזן אין וועג אַרײַן, וועלן מיר ביז טאָג זײַן שוין ווײַט פון דאַנען.

יאַן האָט געקוקט ערגעץ אין דער פינצטערניש. עס האָט זיך אים געמאָלט די טיפקייט פונעם אורוואַלד, באַהעלטענישן און טאָלן, זומפּן און טײַכן, ווענט פון געדיכטע ביימער און הויכן טשערעט.

און פּלוצעם האָט יאַן אַ פרעג געטאָן:

— און די איבעריקע? ווי קענען מיר זיי איבערלאָזן?

— וואָס הייסט — מיר לאָזן זיי איבער? — האָט זיך אָפּגערופן אימרע. — מיר נעמען מיט יעדן, ווער ס'איז גרייט צו גיין מיט אונדז. איך בין זיכער אין דאָנערן און נאָוואַקן. איך וואָלט נאָר נישט געוואָלט וואַרטן ביז מאָרגן. איך האָב מוירע פאַר אַ ווידערשטאַנד מיצאַד מיכאעלן.

— מיך קימערט ניט מיכאעל, — האָט יאַן פאַרזיכערט, — מיר גייט אָן דער קאָלעקטיוו. ווי קענען מיר גיין קעגן דעם ווילן פונעם קאָלעקטיוו?

— צוליב זייער נארישקייט דארפן מיר זיך אָפּזאָגן פון דער איינציקער מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען?

— אויב עס וועט אונדז אפילו געלינגען זיך צו ראטעווען, — האָט יאַן שווער און מיט פארצווייפלונג אין שטים געזאָגט, — וועלן מיר עפשער ווערן די מערדער פון די איבעריקע. דו ווייסט, אַז שטענדיק לייגן זיי ארויף די פאראנטוואָרטלעכקייט אַף די געבליבענע. מיר זיינען אָרעוו איינער פארן אנדערן. דער פּרווו זיך אליין צו ראטעווען, ווייזט מיר אויס, וועט זיין פאראַט קעגן די אנדערע.

אימרע האָט געוואָלט דערווידערן. ער האָט אָבער נאָר אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אין יאַנס שטימע האָט געקלונגען טעמפּע אנטשלאָסנקייט, עטוואָס אזוינס, קעגן וואָס עס האָט קיינער ניט געהאט צו קעמפן.

— דו פאַרדערסט פון אונדז א גרויסן קאָרבן, — האָט סימאָן געזאָגט. יאַן האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

XI

1

יאַן האָט אָפּגעטראָטן מיכאעלן זיין שטילשווייגנדיק אנערקענטן אוטאָריטעט אַלס פאָרשטייער פונעם קאָלעקטיוו.

אַפן וועג אהיים איז ער שוין מער ניט געגאנגען אינמיטן א גרופּע יינגערע און עלטערע כאוורים.

נאָך דער ארבעט פלעגט ער זיך שטילערהייט ארייננגאנווענען דורכן יידן-טויער. ער האָט געזען אויסצומיידן באגעגענישן. און טאָמער איז שוין עמעצן יאָ געלונגען אים צו געפינען, איז יאַן געבליבן שטום. האָט זיך עמעצער געווענדט צו אים נאָך אן אייצע, האָט אים יאַן מיט א ביטערן שמייכל אָפּגעשיקט צו מיכאעלן. דער איז געוואָרן דער פאקטישער פאָרשטייער פונעם קאָלעקטיוו. דארפן די יידן באקומען א באפעל אָדער געבן א דערקלערונג — מיכאעל איז דאָ.

אזא לאגע האָט אים באפרידיקט. ער האָט געהאָפט, אז דאָס וועט אים געבן א שטיקל זיכערקייט. מיכאעל האָט דעריבער ניט געשוינט קיין שום מי, אבי צו גילטן אלס פאָרשטייער פונעם קאָלעקטיוו. ער האָט זייער גערן געשמועסט מיט די, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין אן אייצע, ער איז שטענדיק גרייט געווען יעדן איינעם אויסצוהערן. עס איז אים ניט געווען אזוי לייכט ווי יאַנען צו פארשטיין זיך מיטן עולעם. אָבער קיינער האָט ניט דערווידערט קעגן זיין לאגע.

פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן אלץ שווערער צו זײַן דער פּאָר־שטייער פונעם קאָלעקטיוו, וואָרעם די פּראָדוקציע האָט אָנגעהויבן קאַטאַסטראָפאַל צו פאלן.

די ארבעטער האָבן זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן עס פעסט־געשטעלט. זיי האָבן יעדע וואָך געמאַכט א סאַכאַקל, און דער סאַ־כאַקל האָט אלץ געוויזן איינס: די פּראָדוקציע פאלט.

זיי האָבן אומבאהאָלפן געצוקט מיט די אקסלען. מע האָט דאָך שוין אָפּגעגעבן אלץ, וואָס מע האָט געקענט, אלץ, וואָס מע האָט פארמאָגט.

זײַנען זיי שוין אזוי אויסגעשעפּט? וואָס לענגער און גרינטלע־כער מע האָט געזוכט די סיבעס, אלץ פארלוירענער און הילפלאָזער האָט מען זיך געפילט.

מיכאעל איז נאָכאמאָל און ווידעראמאָל געשטאנען פאר בריגאָ־לאַן, קעדיי צו באקומען באפעלן. ער האָט געדולדיק פארטראָגן ברי־גאָלאַס דראָונגען, זײַן שפּאָט, זײַן הארטקייט. מיכאעלס אקשאָנעס האָט זיך ארויסגעוויזן אומדערווארט גרויס. בריגאָלא האָט אפּראָבירט, ווי ווײַט דאָס איז ביכלאל געווען אין זײַן כאראקטער, מיכאעלס האַלטונג, ווײַל ער האָט אים געזען אַפּ דורך און דורך, געוווּסט, אז מיכאעל איז ניט קיין העלד, געוווּסט, אז זײַן אקשאָנעס שטאמט בלויז פון זײַן גוואלדיקער גיריקייט צו לעבן. ער איז אָבער געווען בריגאָלאַן נוצלעך.

ער האָט שוין איצט געהאַט נאָר העלפט האנאָע פון פּײַניקן. עס איז געגאנגען אין זײַן פּאָכטן אלס אָנפירער פון דער אונטערנעמונג. פונקט אזוי גרויס, ווי ס׳איז געווען זײַן בעריעשאפט אין פּײַניקן, אזוי קליין איז געווען זײַן פייִקייט צו הייבן די פּראָדוקציע. ער האָט בא זיי אויסגעצאפּט דאָס גאנצע בלוט און צוגערויבט זייער לעבנס־קראפט. איצט האָט ער צו טאָן מיט האלבע מייסים. צוריק צו באלעבן זיי האָט ער ניט קיין שום מיטלען. ער האָט געוווּסט נאָר פון איין מעטאָד: דראָונג און שטראָף.

יאַן האָט אלץ געפירט מאסע פונעם וואָקזאל און צום וואָקזאל. יעדן אָוונט פלעגט ער שטיין באם אפּעל שטום, ווי ניט קיין היגער. ער האָט באטראכט זײַנע כאווײרים און געזען זייער בראָך, פארע־גיכטרירט יעדע ענדערונג. ס׳האָבן אים נאָך אלץ באגעגנט בעטנדיקע בליקן, בליקן, פולע מיט פאָרוואורפן. ער האָט ניט געענטפערט.

איינמאָל, בײַס ער האָט אויסגעלאָדן א וואגאָן אַפּ דער פראכט־סטאנציע, האָט זײַט בא זײַט מיט אים ווידער געארבעט דראגאָמאַנאָוו. מיט פארייניקטע קויכעס האָבן זיי ארויסגעשלעפּט א שווערן קאסטן.

— האָסט מיך, ווײַזט אויס, דעמלט ניט פאַרשטאַנען? — האָט גע־פרעגט דער אוקראַיִנער און שאַרף אָנגעקוקט יאַנען.

— איך האָב יאָ פאַרשטאַנען, — האָט געענטפערט יאַן, — איך האָב די בסורע איבערגעגעבן ווײַטער.

— אַ שאָד, וואָס איר האָט גאָרניט געטאָן... אַזוי גיך וועט באָג־דאַן נאָכאַמאָל אין דער געגנט ניט זײַן...

— קיינער ווייטעקט ניט דערפאַר אַזוי, ווי איך, — האָט יאַן גע־מורמלט, שלעפּנדיק דעם קאַסטן צו דער לאַסט־מאַשין, — איך האָב אָבער מיט אונדזערע גאָרנישט נישט געקאָנט מאַכן.

— פאַרוואָס?

— ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן? זיי קלאַמערן זיך פאַר יעדער רעגע לעבן. עס איז זיי מער ניכע צו לײַדן, איידער צו טאָן עפּעס.

— איר זײַט נאָך ניט מיד צו שפּילן די ראָליע פון הייליקע? הייליקע פאַרלײַכטערן דעם טײַוול זײַן שטיקל אַרבעט.

יאַן איז אַרופגעשפּרונגען אַף דעם אווטאָמאָביל, קעדיי אײַנצו־לייגן דאָרט די קאַסטנס.

— ס׳איז ניט זייער שולד, — האָט ער שטרענג געזאָגט, — פאַרוואָס צווינגט זיי גאָט צו זײַן הייליקע?

— נו, גוט, — האָט דערווידערט דראַגאָמאַנאָוו, — זאָלן די הייליקע בלײַבן. אָבער ניט אַלע זײַנען דאָך גרייט לאָזן זיך רײַסן אַף שטי־קער פון אוילעמהאַבע וועגן. פאַרוואָס אַנטלויפט איר ניט? אויב צו באָגדאַנען קאָנט איר שוין ניט צוקומען, זײַנען עפּשער פאַראַן אַנ־דערע אָטריאַדן דאָ ניט ווײַט. עפּשער זאָל איך פּרוּוון אײַנשטעלן מיט זיי אַ פאַרבינדונג?

יאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַף דער מאַשין און זיך געפּאָר־קעט בײַ די קאַסטנס.

— קיין זאַך וואָלט מיך ניט אָפּגעהאַלטן נאָך הײַנט צו אַנטלויפן. איך ווייס ניט פון קיין גרעסערן גליק, ווי צוזאַמען מיט פרײַע מענטשן קעמפן קעגן סוינע. אָבער עס איז דאָ אַ גרויסע שטערונג, איבער וועלכער איך קאָן ניט אַריבער.

דראַגאָמאַנאָוו האָט מיט צווייפל אין קאָל געפרעגט:

— וואָס קאָן דאָס זײַן פאַר אַ שטערונג?

— שטעל זיך פאָר, אַז מיר, איך און פיר טוץ אַנדערע, וואָס ווילן אַנטלויפן, זײַנען צוזאַמענגעשמידט מיט די, וועלכע קלאַמערן זיך אין זייער אַרבעטס־פּלוצער.

— ניטאָ אַזאַ קייט, — האָט געזאָגט דער אוקראַיִנער, — וואָס מע זאָל ניט קאָנען צערײַסן.

— דו וואָלסט געלאָזן, — האָט יאַנ שאַרף געפרעגט, — אַז אַנדערע זאָלנ פאַר דיר באַצאָלנ?

— שטענדיק צאָלנ די אָפּשטייענדיקע, — האָט דראַגאָמאַנאָוו גע־זאָגט מיט קאַס, — זייער כויוו איז צאָלנ. ווער האָט זיי געהייסנ אָפּ־שטיינ!

— ניינ, — האָט יאַנ אַנטשיידנ געזאָגט. — איכ געהער צו זיי. אויב ס'וועט מיר ניט געלינגענ זיי צו איבערצייַגנ, וועל איכ טיילנ מיט זיי זייער גורל. בעשום־אויפנ וועל איכ ניט קאָנענ אַוועקגיינ אונ איבערלאָזנ זיי אָפנ באַראָט פונ זייער גורל.

— דו האָסט דאָכ געוויס געטאָנ אַלצ, וואָס דו האָסט געקאָנט, קעדיי זיי צו איבערצייַגנ?!

— צי האָב איכ געטאָנ אַלצ, וואָס איכ האָב געקאָנט? איכ ווייס ניט. ווייַזט אויס, אַז איכ האָב עס שלעכט געטאָנ. איכ בינ געוועזנ אַ שוואַכער רעדנער, אַ שלעכטער איבערצייַגער, ניט קיינ דערפאַרע־נער אַגיטאַטאָר. פאַרוואָס זאָל איכ ניט פרווונ פאַריכטנ מייַנע פע־לערנ? אונ אויב ס'וועט ניט געלינגענ — וועל איכ אומקומענ צוזאַ־מענ מיט די אַנדערע.

2

ווי פאַמעלעכ עס איז ניט געגאַנגענ די האַסראָע, וואָס מע האָט געשיקט צו בריגאָלאַנ, איז זי דאָכ סאָפּקאָלסאָפּ אָנגעקומענ.

אַ סטאַטיסטיקער פונעם אַרבעטס־קאָנטראָל באַם דיסטריקט האָט ניט געשוינט קיינ מי פאַרצושטעלנ גראַפיש די רעזולטאַטנ פונ דער פראָדוקציע אינ די וואַרשטאַטנ פונ ל.

ווער עס פאַרשטייט זיכ אָפּ אָט די צייכנס, האָט געקאָנט לייַכט זיכ פאָרשטעלנ, וואָס פאַר אַ דראָונג עס שטעקט אינ די שטומע אַראַ־בעסקנ. דער אופשטייַג פונ דער פראָדוקציע, וואָס איז פאָרגעקומענ, בייַס שילינג איז געווענ אָנפירער, האָט זיכ איבערגעריסנ נאָכ ברי־גאָלאַס איבערנעמענ די מאַכט. די קרומע ליניע האָט זיכ באַוועגט אַפּ און אָפּ.

מע האָט געפאָדערט באַ בריגאָלאַנ, ער זאָל אויספירלעכ דער־קלערנ די סיבעס. מע האָט געפרעגט באַ אים, ווי קומט עס, וואָס דער זעלבער פערסאָנאַל אַרבעט אַלצ ערגער און לאַנגזאַמער, זינט שילינג איז אַוועק. וואָס פאַרא מיטלענ לייגט ער פאָר אָנצונע־מענ, קעדיי צו ענדערנ די לאַגע? צי האָט ער ריכטיק אויסגענוצט די וויַטגייענדיקע מעגלעכקייַטנ פונ דיסציפּלינאַר־שטראָפנ, וואָס ער האָט אינ זייַנ רעשוס?

בריגאָלא איז דעם גאנצנ נאָכמיטיק געזעסנ אינ זײַנ קאנצעליאַריע איבער די ציפערנ פונ דער אויסארבעטונג. ער האָט געטראכט וועגנ אלע מעגלעכע שטראָפ-אקציעס, ביז ער איז געקומענ צו א באשלוס. עס איז געווענ די צײַט פונעמ אָוונט-אפּעל. לאנגזאמ איז ער ארײַנגעגאנגענ אינ גרויסנ זאל ארײַנ. פונ קאס איז ער געגאנגענ גלײַכ, ווי ער וואָלט אײַנגעשלונגענ א שטעקנ. זײַנ פּאָנעמ איז געווענ געל אונ פארוועלקט.

— אכטונג! — האָט ער באפוילנ אונ האָט פּאמעלעכ פאנאנדער-געוויקלט א פּאפּיר. מיט א בייז הוסטעלע האָט ער כּאָרגעלייענט די צוגעשיקטע ציפער. דערנאָכ האָט ער פּונקט אזוי פּאמעלעכ צונויפ-געוויקלט דאָס פּאפּיר אונ ארײַנגעשטעקט אימ אינ קעשענע.

זײַנ בליק האָט געוואנדערט איבער די אראָפּגעלאָזטע קעפּ. זײַנע ליפּנ האָבנ זיכ געקרימט.

— אכטונג! — האָט ער איבערגעכאַזערט. — דער מאנגל אינ אר-בעטס-קראפט דערלויבט מיר ניט צו באשטראָפנ דעמ גאנצנ פּערסאָנאל אזוי, ווי עס קומט אימ פאר ניט אויספילנ זײַנ פליכט. אלס באזונדערנ כעסעד באפעל איכ אראָפּנעמענ פונ דער ארבעט ניט יעדנ צענטנ, נאָר יעדנ צוואנציקסטנ מאנ אונ יעדע צוואנציקסטע פרוי.
בריגאָלאס בליק האָט געטראָפנ אפּ מיכאעלנ.

— פאָרויכטרעטנ! — האָט באפוילנ די הייזעריקע שטימ. — דו ציילסט די מענטשנ פונ לינקס אפּ רעכטס, צוערשט די מענער, דערנאָכ די פרויענ. דאָס איבעריקע וועט שוינ טאָנ די קאנצעליאַריע.

א ציטער איז דורכגעלאָפנ איבער די רייענ. זיי זײַנענ אָבער געבליבנ אפּ זייערע ערטער ווי צוגעוואקסנ.

מיכאעל האָט צוערשט זיכ געטאָנ א וואָרפ אפּ צוריק. א פלוצעמדיקע שרעק האָט אימ באַרירט ווי אנ עלעקטרישער שטראָמ. עס האָט זיכ אימ געדאכט, אז זײַנע כושימ פארלירנ זייער פייִקײַט צו פילנ. אָבער די קראפט פונ געהאָרכזאמקײַט האָט אימ א וואָרפ געטאָנ פאָרויס. פלאָנטערנדיק מיט די פיס, איז ער צוגעלאָפנ צומ לינקנ פליגל פונ דער מענער-שורע, מיט איבערגעטריקנטע ליפּנ האָט ער גענומענ ציילנ. מיט יעדער ציפער איז געשטיגנ זײַנ אופרעגונג. בעשאסנ ציילנ האָט ער אויסגעמיטנ די בליקנ פונ די מענטשנ.

ווענ ער האָט אָפּגעציילט די ערשטע צוואנציק, האָט ער דערהערט עמעצנס א נאָמענ. ניִשט ווילנדיק האָט ער אופגעהויבנ דעמ קאָפּ. דער מענטש האָט אימ אָנגעקוקט מיט ברייט צעעפנטע, קײַלעכדיקע אויגנ אונ האָט באלד שווער אראָפּגעלאָזנ דעמ קאָפּ.

מיכאעל האָט לאנגזאם פארצייכנט דעם נאָמען. דאָס איז געווען א מענטש פון זײַנע יאָרן. אויך ער האָט געהאט א יונגע פרוי. נאָר זי איז פארבליבן אין פראָטעקטאָראט. מיכאעל האָט מער נישט גע־וואגט צו קוקן אף אים.

דער אנדער צוואנציקסטער האָט נישט געהאט קיין קויעך אָנ־צורופן זײַן נאָמען. מיכאעל האָט אים נישט געקענט. ווײַזט אויס, א נישט לאנג אָנגעקומענער. מיכאעל האָט לאנג געווארט אפן נאָ־מען. דער מענטש האָט געפרווט עפענען דאָס מויל, אָבער די קאָנ־ווולסיוו צוקנדיקע קינבאקן האָבן צעמאָלן דעם נאָמען. ענדלעך האָבן די ארומיקע אָנגערופן זײַן נאָמען. בישכיינעס מיטן דריטן איז געשטאנען יאַן. ער האָט זיך געהאלטן ווי איינע פון די ריטער־סטא־טועס אין די נישעס. פונקט אזוי אומנאטירלעך שלאנק, מיט דעם זעלבן טויטן און רעזיגנירטן אויסדרוק פון פּאָנעם.

אין דער זעלבער ריי איז געשטאנען אויך וואָלף. ער האָט זיך נעפּילט אזוי, ווי ער וואָלט לאכלוטן ניט געהאט קיין שײַכעס צו דער ריי. צו זײַן באוווסטזײַן האָט אפילע ניט דערגרייכט, אז דער טויט איז אָקאָרשט פארבײַגעגאנגען פארבײַ אים. ער האָט געהאט דאָס זעלבע געפיל, וואָס יאַן. אָבער בעשאס אין יאנענס חאָט אלץ געקאָכט, איז וואָלף געווען אײַז־קאלט.

— מאָדנע! — האָבן זייביידע געטראַכט, יעדערער אף זײַן אויפן, — וואָס צווינגט די מענטשן דאָס אלץ אריבערצוטראָגן?

יאנענס האָט פון דער פראגע געפּיבערט. וואָלף, אין ליידן דער־פארן, אף אלץ גרייט, האָט רויק צוגעקוקט. ווי ווײַט גרייכט מענטש־לעך געדולד? האָט עסווירקלעך קיין גרענעץ ניט?

דער פערטער איז געווען לוריע. ער האָט זיך אויסגעצויגן און א געשריי געטאָן זײַן נאָמען. ער האָט געצווונגען מיכאעלן א קוק צו טאָן אים אין די אויגן ארײַן. אין לוריעס בליק האָט געברענט א שיגאָען־פײַער. בייס מיכאעל האָט איבערגעכאזערט זײַן נאָמען, האָט ער נאָכאמאָל געעפנט דאָס מויל. הויך און דײַטלעך האָט ער געזאָגט: „שמא יִסראָעל“.

א פּאָר סעקונדן האָט געהערשט אַן אומגעהייערע שטילקײַט. דערנאָך האָט מיכאעל גענומען ווײַטער ציילן. גייענדיק, האָט ער זיך באמיט צו קוקן נאָר אראָפּ, אָבער ווו ער האָט ניט געקוקט, האָט ער אומעטום געזען די פענעמער פון די געציילטע.

פיר מאָל איז אים נאָך געבליבן צו ציילן די מענער. און כאָטש די לעצטע פיר האָבן ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע רויִקײַט, האָט דאָך בא מיכאעלן אין הארצן זיך געוויקלט א גאנצער כאאָס פון געפילן. עס איז געווען טײַלווײַז באפרידיקונג, טיילווײַז בושע. מיכאעל האָט זיך

געשעמט ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאָלפֿנ אויספּילנ דעם שרעקלעכנ אורטײל, נאָר אויכ דערפאַר, וואָס וויבאַלד ער איז דער ציילער, איז ער שויג דערמיט אַליינ געוועג געזיכערט פֿונ דער מעגלעכקײט צו זײַנ א געצײלטער. אינ לעצטנ ווינקל פֿונ זײַנ באַוווסטזײַנ האָט כאָפּקאָלסאָפּ גויווער געוועג די באַפרידיקונג. ער האָט פֿאַר זיכ אַליינ ניט געוואָלט אַרויסווײַזנ די כרייד איבער דעם, וואָס ער איז אַפּ אַזא ווונדערלעכנ אויפֿנ באַשיצט פֿונ טויט. אָבער די כרייד האָט געשפּאַרט פֿונ אים. זי איז געווענ צו שטאַרק.

ווי נאָר מיכאַעל איז צוגעטראָטנ צום צײלנ די פֿרויענ, האָט ער גענומענ טראַכטנ וועגנ רוטנ. בײַסנ צײלנ האָט ער אינ זיכ געבעטנ: „גאָט, גיב, אַז זי זאָל ניט זײַנ די צוואַנציקסטע! דערלויב נישט, אַז זי זאָל מוזנ אָנרופֿנ איר נאָמענ. זי איז נאָכ אַזוי יונג. איכ קאָנ נישט לעבנ אָנ איר. לאָז זי מיר איבער, שטעל אַנ אַנדערע אַפּ איר אָרט".

אונ ער האָט נישט אויפֿגעהויבנ דעם קאָפּ, ביז ער האָט נישט דערקענט אינ דער שטימע, אַז דאָס איז א פֿרעמדע. די ערשטע איז געווענ א צאַרטע, בלאָנדע פֿרוי מיט ציטערנדיקע ליפּנ, וועלכע זײַנענ שויג געווענ צעהאַקט פֿאַר טויט-שרעק. די הילפֿלאָזיקײַט האָט צוגעגעבנ איר פּאָנעם עטוואָס אומענדלעכ ריירנדיקס. אײנ אויגנבליק האָט מיכאַעל כאַראָטע געקראָגנ, לעמײַ ער האָט געבעטנ פֿאַר רוטנ.

אונ דאָכ האָט ער געטראַכט נאָר וועגנ איר. מיטנ גאַנצנ קויעכ פֿונ זײַנ אַקשאָנעס האָט ער געכאַזערט אונ געבעטנ: „דו מוזט מאַכנ אַזוי, אַז זי זאָל ניט זײַנ די צוואַנציקסטע! יעדע אַנדערע, נאָר ניט זי... נעם זי בא מיר ניט צו! ביסט מעכויעוו, מוזט זי מיר איבערלאָזנ!.."

ווידער האָט מיכאַעל דערהערט א פֿרעמדנ נאָמענ. מאַרטע האָט אירנ אָנגערופֿנ דײַטלעכ, אָנ קווענקלעניש. איר רויִקײַט איז געווענ אַזוי גרויס, אַז מיכאַעל האָט פֿאַרוווּנדערט אַפּ איר א קוק געטאָנ. אָבער מאַרטע איז געווענ צופֿיל פֿאַרנומענ מיט זיכ אַליינ אַפּ צו באַמערקנ מיכאַעלס שטוינונג.

אווטאָמאַטיש האָט מיכאַעל געצײלט ווײַטער. פּלוצעם האָט זיכ זײַנ שטימ אַפּ א רעגע אָפּגעהאַקט. ער האָט אַנטדעקט, אַז רוט איז שויג פֿאַרבליבנ ווײַט פֿונ הינטנ. א שטאַרקע פֿרייד האָט אים דורכגענומענ. כאָטש ער האָט זיכ ניט געקאָנט קיינ אייצע געבנ מיט זײַנ סימכע, האָט ער אַפּ קיינ רעגע ניט אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיינ, ווי מיִעס זײַנע געפֿילנ זײַנענ איצט. רויטע פֿלעקנ זײַנענ אים אַרויס אַפּנ פּאָנעם. די אויגנ האָבנ געגלאַנצט. רוט האָט געמוזט לעבנ! די האַשגאָכע האָט ווידער געהאָלפֿנ!

נישט ווילנדיק האָט ער גענומענ צײלנ העכער. ער האָט געצײלט הויכ אַפּ א קאָל, מיט אַזא טאָנ, גלײַכ ער וואָלט ניט געהערט צו די

געצײלטע, נאָר צו יענע, װעלכע האָבנ זיכ געקאָנט דערלױבנ אזא מינ צײלונג. ער האָט גאָרנישט באמערקט, אז רוט מײַדט אױס זײַנ בליק. ער איז צופיל געװענ פארנומענ מיטנ געפיל פונ פרײד איבער דעם, װאָס ער לעבט, װאָס ער איז געראַטעװעט. מיט עלאסטישע אונ פעסטע טריט איז ער געגאנגענ לענגױס דער שורע פרויענ.

רוט אָבער איז געשטאנענ אזױ, גלײַכ דער גורל װאָלט זי ניט אױסגעמיטנ, נאָר פארקערט — געטראָפנ.

די נאָענטסטע איז געװענ קאמילע. איר פּאָנעם איז ענלעכ געװענ צו א פּאָנעם פונ א הײליקער אינ א גאָטישנ קלױסטער. מע האָט זי ביז אהער געשלעפּט פונ פּײַנ צו פּײַנ אונ נישט אײַנגעבראָכנ. איצט איז זי געשטאנענ אונ געװארט אפנ אומבאװוסטנ סאָפּ.

יאנ האָט געקעמפט מיט דער שװאכקײַט, װאָס איז אים באפאלנ.

צו װאָס! — האָט ער געשריענ אינערלעכ, — צו װאָס איז דאָס אלצ! פארװאָס עפנט זי זיכ ניט, די ערד, אונ שלינגט ניט אײַנ דעמ גאנצנ גרױל! פארװאָס רעגנט ניט מיט פײַער פונ הימל? פארװאָס קומט ניט קײנ מאבל אפ דער ערד!

ס'איז אָבער גאָרנישט נישט געשענ. מיכאעל האָט נאָטירט דעמ לעצטנ נאָמענ. ער האָט געהאלטנ דעמ פּאפּיר, נישט װיסנדיק װאָס װײַטער צו טאָנ. דער װינט האָט עס פּלוצעמ געטאָנ א ריס ארױס. מיכאעל איז עס נאָכגעלאָפנ אונ האָט עס אָנגעכאפּט. אנ אָנגעשטעלטער פונ דער װארשטאט-קאנצעליאריע האָט עס בא אים צוגענומענ. מיט ארָאפּהענגענדיקע הענט האָט זיכ מיכאעל אומגעקערט אפ זײַנ אָרט. ער איז געשטאנענ גלײַכ, װי ס'איז גאָרנישט געשענ.

אלע איבעריקע זײַנענ געשטאנענ װי אפ קױלנ, געװארט אפ א סימענ, אז דער אפּעל האָט זיכ געענדיקט. דער צײכנ איז נישט געקומענ. יאנ האָט געפילט אנ אלצ גרעסערע מידקײַט. ער האָט געהאט כײשעק זיכ א װאָרפּ צו טאָנ לעבנ שװעל פונעמ ארײַנגאנג, אונ אלע זאָלנ טרעטנ איבער אים. עפּשער װעלנ זײ אים צעטרעטנ, אונ ער װעט מער ניט דארפנ אופשטײנ.

פונ די אָפענע טירנ פונ דער קאנצעליאריע האָט זיכ געהערט דאָס קלאפּנ פונ שרײַב-מאשינקעס. פערצנ פארמישפּעטע זײַנענ געװענ פארצײכנט אינעמ צעטל אפ אָפּגעשיקט צו װערנ. זײערע נעמענ װערנ אױסגעמעקט פונעמ צעטל פונ פּערסאָנאל. זײערע פּאפּירנ װערנ אױסגעטײלט באזונדער.

איינער פון די אָנגעשטעלטע איז מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנ־
גען צום טאָוול איז ווינקל פונעם זאַל און האָט מיט קנאָפּקעס צו־
געפּעסטיקט די קאָפּיע פונעם צעטל.

הונדערטער אויגן האָבן נאָכגעפּאָלגט נאָך אָט דער פּראָצעדור,
נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג פונעם קאַנצעליאַריסט. אָט צע־
וויקלט ער דעם פּאַפּיר, אָט פּרעסט ער אַריין מיטן גראָבן פינגער
די קנאָפּקע אין ווייכן האָלץ אַריין. אַלע האָבן דערפילט אַ שטעכיקן
ווייטעק, ווי מע וואָלט זיי עפּעס שפּיציקס מיט אומגעלומפּערטע,
האַרטע הענט אין האַרצן אַריינגעקוועטשט, אין סאַמע מיט פון האַרצן.

איצט האָט זיך דערהערט בריגאָלאַס באַפעל. די רייען זיינען זיך
דאָס מאָל צעגאַנגען לאַנגזאַמער ווי שטענדיק. די מענטשן, וואָס זיי־
נען קוים אימשטאַנד געווען צו באַנוצן זיך מיט זייערע פיס, זיינען
געגאַנגען ווי שיכורע.

בריגאָלאַ איז אַוועק אין זיין קאַבינעט דיקטירן דעם באַריכט צו
דער העכערער מאַכט.

ווידער האָבן זיי זיך באַגעגנט — יאַן און וואָלף. ס׳איז געווען
נאָענט לעבן די געדיכטע ביימער און קוסטעס, וואָס פאַרוואַנדלען
דעם שטיק וועג, בערעך אַ מעטער הונדערט פונעם יידן־טויער, אין
אַ מין ענגן קאָרידאָר. די צווייגן זיינען געווען געדיכט באַוואַקסן
מיט קליינע, שטראַלנפאָרמיקע בלעטער, וואָס זייער טיפע גרינקייט
האָט זיך אויסגעמישט מיטן העלן גרוי פונעם פאַרנאַכט.

— ס׳איז אויס! — האָט יאַן געזאָגט שטיל. — אַלץ איז געענדיקט.

— זיי זיינען גרויס אין די ליידן, — האָט וואָלף גערעדט ווי צו
זיך אַליין. — ווען זיי זיינען אַזוי גרויס אין אַ טאָג ווי אינעם ליידן,
ווי גרויס וואָלטן זיי געווען!..

— צו וואָס נוצט עס, — האָט יאַן געקריצט מיט די ציין, — אַז
עס פאַרוואַנדלט זיך ניט אין ווידערשטאַנד? וואָס נוצט די פייִקייט
איבערצוטראָגן באַליידיקונגען, אַז מע איז ניט פייִק צוריק צו שלאָגן?

וואָלף האָט געמאַכט אַ זשעסט, וואָס האָט געזאָלט טרייסטן, אָבער
קיין איבערצייגטקייט איז דערין ניט געווען.

— עס וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן שלאָגן צוריק. זייער
געדולד האָט אויך אַ גרענעץ.

— ווו זשע איז זי, די גרענעץ?! — האָט יאַן געשריִען. — איך
זע זי נישט און בין מער ניט אימשטאַנד צוצוזען און וואַרטן!

— נעם זיך אין די הענט, — האָט וואָלף מיט אויסערלעכער צו־
ריקגעהאַלטנקייט געבעטן. — טייל זיך נישט אָפּ פון זיי. אַליין ביסטו
גאָרנישט.

— ווי מײַנסטו, עס איז דאָ א מיטל זיי אופּצוטרייסלענ? איכ וואָלט געּרנ אוועקגעגעבנ דאָס לעבנ, ווענ איכ וואָלט קענענ דורכ מײַנ סאָפ זיי באוועגנ צו ענדערנ זייער האלטונג. — יאנ האָט הילפ־לאָז געשמייכלט, פּונקט ווי ער וואָלט זיכ מיטאמאָל פאַרשעמט פאר זײַנע ווערטער.

וואָלפ האָט אימ א ווײַלע באטראכט. זײַנ פּאָנעמ האָט אויס־געזענ עלטער ווי געוויינלעכ.

— אויב דו ביסט ניט בעקויעכ זיי צו באאײַנפלוסנ א לעבעדי־קער, וויאזוי קענסטו אפּ זיי ווירקנ דורכ דײַנ טויט?

ער האָט ארײַנגעשטעקט די הענט אינ דער גרינער געדיכטעניש אונ האָט לאנגזאמ צוגעצויגנ צו זיכ א בינטל צווײַגנ.

יאנ האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ. דער געדאנק האָט אימ שוינ נישט געלאָזט רוענ. עפּעס איז געוואקסנ אינ אימ, וואָס האָט אי גע־פרייט אי געשראָקנ.

— אונ עפּשער וואָלט פּאָרט געלוינט צו פּרווונ. — יאנס שטימ איז געווענ זייער שטיל. — וואָס קאָנ דאָ פּארלוירנ גיינ, אויב ס׳וועט אפילע ניט געלינגענ? איינ־אונ־איינציק ווערטלאָז לעבנ, וואָס איז שוינ סײַווי אזוי גוט ווי פּארלאָרנ!

וואָלפ האָט אָפּגעלאָזט די צווײַגנ. ער איז געווענ טיפ גערירט. שטומ האָט ער זיכ געזעגנט אונ איז אוועק זײַנ וועג.

3

ווענ מיכאעל האָט פּארלאָזנ דעמ שלאָס, איז ארומ אימ געווענ פּוסט. קיינער איז אימ ניט נאָכגעגאנגענ. קיינער האָט נישט גע־פּרווט זיכ אויסריידנ מיט אימ. קיינער האָט בא אימ ניט געבעטנ קיינ אייצע. ווי א פּארמישפּעטער איז ער געגאנגענ לעבנ רוטנ.

ענדלעכ זײַנענ זיי בא זיכ אינ צימער. מיכאעל האָט זיכ אוועק־געזעצט באמ טיש אונ האָט געווארט אפּ אָווונטברויט.

וואָס מער ער האָט געטראכט, אלצ ווייניקער שולדיק האָט ער זיכ געפילט. מע האָט אימ גאָרנישט ניט געקאָנט פּאָרווארפנ, סײַדנ דאָס, וואָס ער האָט געפּאָלגט א באפעל. ווער האָט געקאָנט פּאָדערנ פונ אימ, ער זאָל ניט פּאָלגנ אונ שטעלנ דערמיט אינ סאקאָנע ניט נאָר זיכ, נאָר אויכ אלעמענ?

ווער האָט געקאָנט באפעלנ, ער זאָל זוכנ דעמ טויט אָנשטאָט זיכ צו פּארהיטנ, נישט נאָר פונ זײַנטוועגנ, נאָר אויכ פונ אלעמענס וועגנ?

אונ אויב רוט איז געראטעוועט, טאָר ער זיכ ניט פרייענ דערמיט?

ווענ א שיפ גייט אונטער, טראכט יעדער פּאסאזשיר, וויאזוי זיכ צו ראטעווענ. די, וואָס זיי איז געלונגענ זיכ צו ראטעווענ, זײַנענ

געוויס ניט ווייניקער ווערט, ווי יענע, וואָס קומענ אומ. די נאטור איז שטענדיק גערעכטער ווי דער מענטש. די שטארקע לעבנ איבער די שוואכע. פארוואָס זאָל די נאטור מאקריוו זייַנ די טיכטיקע צוליב די אומטיכטיקע?

רוט האָט אַוועקגעשטעלט פאר מיכאעלנ א טעלער זופּ. זי אַלייִנ האָט איר אָוונטברויט אָפּגעגעסנ אינ א ווינקל צימער.

מיכאעל האָט זיכ אַפּ רוטנ ניט געבייזערט. אפילע דאָס, וואָס ער האָט פונ איר ניט געקאָנט ארויסציִענ קיינ איינ וואָרט, האָט אימ ניט געקאָנט ארויספירנ פונ די קיילימ. אָבער אזויווי זי האָט אלצ אקשאָנעסדיק געשוויגנ, איז ער צוגעגאנגענ צומ פענצטער אונ גענומענ זיכ צוקוקנ, ווי די טונקלקייַט דעקט צו אלע רויִנענ, פארגלעט דעמ כורבנ, קילט די ווונדנ, מאכט דאָס אומגעוויינלעכע אלטעגלעכ, באַרויִקט דאָס געמיט.

מיכאעלס גלויבנ אינ דעמ, אז אינ איינעמ א שיינעמ טאָג מוז זיכ אלצ ענדערנ, איז געווענ אייַזנפעסט. בלויז קעדיי די ענדערונג צו דערלעבנ, איז ער אויסגעהיט געוואָרנ.

רוטס צעלאָכעס, איר דערווייַטערטקייַט האָבנ אימ ניט גערירט.

— קיינמאָל דארפ מענ זיכ ניט באַציִענ ערנסט, — האָט ער געטראכט, — צו דער עמפּינדלעכקייַט פונ פרויִענ. פרויענ זייַנענ שטענדיק פול מיט ווידערשפּרוכנ. די קלענסטע שוועריקייַט נעמט בא זיי צו דעמ מוט אונ די האָפענונג. זייערע אויגנ זעענ נאָר דאָס שלעכטע. עס וועט קומענ א טאָג, אונ אויכ רוט וועט אנערקענענ איר טאָעס.

רוט, דער אָביעקט פונ אַט די אלע געדאנקענ, איז אלצ געזעסנ אינ איר טונקל ווינקל. אָנגעשפארט אינ וואנט, האָט זי געווארט, ס'זאָל ווערנ אינגאנצנ פינצטער.

א שארפער האס צו מיכאעלנ האָט זי אָנגעפילט, כאָטש זי האָט ניט געוווּסט, אינ וואָס זי זאָל אימ באשולדיקנ. זי האָט אָבער געפילט, אז זי פארורטיילט אינ אימ ניט נאָר די נארישע פרייד איבער דער זינלאָזער עקזיסטענצ. אינ מיכאעלס ווילנ צומ לעבנ האָט געשטעקט רישעס. צו אימ קלעפּט זיכ שמוץ.

רוט האָט הויכ א קרעכצ געטאָנ. מיכאעל האָט זיכ האסטיק אויסגעדרייט צו איר. אָבער קיינ שומ דערקלערונג איז ניט געקומענ פונ איר ווינקל. רוט האָט זיכ נאָכ פעסטער צוגעדריקט צו דער וואנט אונ געפילט איר קילע הארטקייַט אפּ די נאקעטע הענט.

ערשט ווענ ס'איז געוואָרנ שטאָקפינצטער, האָט זי זיכ גענומענ אויסטאָנ.

יאַנ האָט געהאָלפֿנ מארטענ איינפּאקנ איר פּעקל, וואָס זי האָט באדארפט מיטנעמענ אינ וועג אריינ. איצט איז עס שוינ געלעגנ אפּנ דיל. עס איז געוועג א גוט פּארפּאקט אונ מיט שטארקע שטריק ארומגעבונדנ פּעקל.

יאַנ האָט זיכ שוינ געקליבנ אוועקגיינ. אָבער די שרעק פּארנ געזעגענענ זיכ האָט אימ געליימט. מארטע האָט באמערקט, אז יאַנ ווערט אלצ שטילער אונ פּארטראכטער. זי האָט געוואָלט זאָגנ עפּעס אזוינס, אז ער זאָל צוריק ווערנ אזא ווי אמאָל.

— ווי מיינסטו, איכ בינ ניט ליבּכטזיניק? — האָט זי געפרעגט.

— לייכטזיניק? — מיטאמאָל האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ, וואָס זי מיינט. נישט וועלנדיק עס אָנרופנ באמ נאָמענ, האָט ער א מורמל געטאָנ: — אפּ וואָס קוקנדיק?..

— איכ נעמ מיט געפּעק, ווי איכ וואָלט זיכ געקליבנ אינ אנ עמעסער רייזע.

— פּארוואָס דענ נישט? — האָט יאַנ קוים אויסגעשטאמלט.

— פּארוואָס דענ נישט? — מארטע האָט אימ באטראכט פונ דער זייט, נאָכמאכנדיק זיינ טאָנ. — צוערשט האָב איכ געטראכט, אז עס איז אנ אומזינ מיטצונעמענ מיט זיכ געפּעק אינ א רייזע, וואָס וועט זיכ ענדיקנ העכסטנס אינ דריי טעג ארום. אינ דריי טעג ארומ, מעגלעכ — גאָר אינ צוויי, וועל איכ שוינ, אזוי פארשטיי איכ, קיינ שום געפּעק ניט באדארפנ. — איר שטימ איז געוועג רויק. — אָבער דערנאָכ האָב איכ געביטנ מיינ מיינונג. יעדער טאָג ברענגט נייע אונ ווידערשפּרעכלעכע פּאראָרדענונגענ. עפּשער האָבנ זיי זיכ אָפּגעזאָגט פונ די אלטע מעטאָדנ, אונ איכ וועל דארפנ יעדנ פונ די פינפ קילאָגראמ, וואָס זיינענ פּאראנ אינ פּעקל?

מארטעס זעלבסטבאהערשונג האָט יאַנענ געוווּנדערט. וואָס האָט איר געגעבנ דעמ קויעכ צו באזיגנ די שרעק פּארנ טויט?

— מאכ ניט אזא פינצטער פּאָנעמ, — האָט מארטע געבעטנ, ווי זי וואָלט געלייענט זיינע געדאנקענ, — אונ באדויער מיכ ניט. דו פארשווענדסט צופיל דיינ מיטלייד. מיכ דארפ מענ פיל ווייניקער באדויערנ ווי דיכ.

יאַנ האָט אפּ איר א קוק געטאָנ פרעגנדיק.

זי האָט אָפּגעווענדט איר בליק, גלייכ יאַנס אויגנ וואָלטנ איר געשטערט.

לאַנגזאמ האָט זי אופגעהויבנ איר פּעקל אונ עס געוויגנ אינ די הענט.

— ווייסט, וואָס איז דאָס ערגסטע? — האָט זי געזאָגט. — דאָס ערגסטע איז בלייבנ דאָ.

יאנ האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. ער האָט עס פונ שטענדיק אָנ געוווּסט. ער האָט זיך אָבער געוווּנדערט, וואָס מארטע ווייכט עס אויס.

זי האָט דערמאָנט יאנענ געדטרודעס טויט. דעמלט האָט זי דערפילט דעמ גוירל פונ יענע, וואָס בלייבנ. אונ פונ דעמלט אָנ האָט זי געטרוימט וועגנ מוזנ אוועק, אלצייכנס וווהינ, נאָר אוועק!

— ביסט גערעכט, — האָט יאנ מוידע געווענ. — קיינער איז נישט געצוווּנגענ צו בלייבנ. יעדערער, ווער ס'האָט זיינס אָפּגעטאָנ, איז פריי צו פארלאָזנ זיינ פלאצ אונ נישט געשטערט גיינ זיינ וועג.

— אויב דו טראכסט אזוי, פארוואָס זשע גייסטו נית אוועק? וואָס האלט דיך אָפּ? — איר שטימ האָט געקלונגענ ליידנשאפטלעך. — פארוואָס פלאָגסטו זיך מיט אויספילנ פליכטנ, וואָס קיינער האָט אָפּ דיר נישט ארופגעלייגט? דו האָסט דיינ כויוו אויסגעפילט. האָסט געטאָנ, וואָס דו האָסט געקאָנט. קיינער וועט נית קאָנענ זאָגנ, אז דו ביסט געווענ עגאָיסטיש.

— וואָס האלט מיך דאָ? — יאנ האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזנ אָפּ מאוטעס געלעגער. ער איז געזעסנ איינגעבויגנ, דער קאָפּ — צווישנ די דלאָניעס. לעבנ זיך האָט ער געהערט מארטעס גלייכמעסיקנ אונ טיפנ אָטעמ, גלייך ווי די גרויסע אונ שרעקלעכע ווענדונג אינ איר לעבנ וואָלט זי גאָרנישט אָנגעגאנגענ.

פלוצעמ איז ער אופגעשטאנענ.

— גאָרנישט האלט מיך נישט מער, — האָט ער א זאָג געטאָנ מיט אנ אומגעריכט רויקער אונ קאלטער שטימ, — גאָרנישט, כוץ איינ-איינציקער אופגאבע.

4

אָפּ מאָרגנ האָט ער ווידער געארבעט אָפּ דער פראכט-סטאנציע. דורכ די דינע רעגנ-שטראָמענ האָט זיך דורכגעריסנ א פאס זונ-שיינ. יאנ האָט שוינ עטלעכע מאָל איבערגעריסנ די ארבעט. ער האָט גע־וואָלט געפינענ דעמ וואגאָנ, וואָס איז געווענ באשטימט פאר די פאושיקטע.

ער האָט נאָכאמאָל אונ ווידעראמאָל געוואָרפנ די ארבעט אונ איז, זוכנדיק, ארומגעלאָפנ הינ אונ צוריק איבער די רעלסנ. קיינ איינ וואגאָנ האָט זיך נית אונטערשיידט פונ די איבעריקע, קיינ איי־נער פונ אָט די לאנגע רייענ צעשעדיקטע וואגאָנענ.

איינ פארמאכטער וואגאָנ האָט צוגעצויגנ יאנס אופמערקזאמקייט. ער איז געשטאנענ אָנ א זייט פונ די איבעריקע אָפּ א רעזערוו-ליניע.

זײַנ טונקל-גרינע פֿארב איז געווענ פֿריש. לעבנ וואגאָנ האָט פּאַ־טרולירט אַנ עסעסאָווּעצ.

מיט גרויס פֿאַרזיכטיקײַט, דער וואכמאנ זאָל נישט באמערקנ, האָט יאנ זיך דערנעענטערט צום וואגאָנ.

א מערקווירדיקע שטילקײַט, א פארגליווערטקײַט איז געווענ ארום דעמ וואגאָנ. אָבער אז מע האָט זיך גוט אײַנגעהערט, האָט מענ גע־קאָנט דערהערנ א מאָנאָטאָנ גערויש. דורכ די שמאָלע שפּארונעס האָט געשטראָמט א שטילער, קוים הערבארער קלאנג, אזוי ווי דער פֿארשטיקטער אָטעמ פֿונ מענטשנ, פֿארשפּארטע אינ אנ ענגנ רוימ. צײַטנווײַז האָט זיך געדאכט, אז א פֿארצווייפֿלטע האנט טאפּט אונ גליטשט זיך פֿאַרזיכטיק איבער די ווענט.

דער ווערכטער האָט געביטנ זײַנ אָרט, אונ יאנ האָט געמוזט אנט־לויפֿנ. צוריקגײענדיק, האָט יאנ באגעגנט עטלעכע אָרטיקע אײַנוווי־נער. קיינער האָט אימ אָבער ניט געקענט זאָגנ אפֿ זיכער, צי איז דער וואגאָנ, לעבנ וועלכנ ער איז געשטאנענ, א פֿראכט-וואגאָנ אפֿ צו טראנספּאָרטירנ מענטשנ.

יאנ האָט שוינ אָבער ניט געצווייפֿלט. פֿיבערהאפֿט ארבעטנדיק, האָט ער קעסיידער געטראכט וועגנ דעמ גרינעמ וואגאָנ. ווי לאנג דארפֿ ער שטיינ פֿארנ אָפּפֿאָרנ? וויפֿל מענטשנ קאָנענ דאָרט זײַנ? וויפֿל וועט מענ נאָכ ברענגענ?

יאנ האָט זיך געפּרווּוט פֿאָרשטעלנ, וואָס עס קומט פֿאָר אינ־וויייניק, אונ האָט ניט געקענט. ערשט אינ דער שטילקײַט פֿונ דער נאכט איז עס אימ געלונגענ. מיט פֿארמאכטע אויגנ האָט ער זיך דערזענ אינווייניק אינ וואגאָנ.

ער איז געזעסנ אינ דער פֿינצטער, איינער פֿונ די פֿארשיקטע. וועד האָט עס געזאָגט, אז אינ קיינ קיייווער קאָנ מענ נישט ווינענ? יענע, וועלכע פֿאָרנ אינ אָט דעמ וואגאָנ, ווינענ אינ א הילצער־נעמ קייווער.

ווּהינ פֿאָרט מענ? דאָס האָט ניט געהאט קיינ שומ באדײַטונג. דער ציל איז געווענ ניט אויסערנ וואגאָנ, נאָר אינווייניק. מע איז געפֿאָרנ אונ מע האָט זיך ניט גערירט פֿונ אָרט. מע איז געווענ אינ וועג אונ דאָכ איז מענ שוינ אָנגעקומענ. דער וואגאָנ האָט זיך באַ־וועגט, אָבער אינווייניק איז געווענ שטיל.

א טייל פּאסאזשירנ זײַנענ געשטאָרבנ אפֿ די הענט פֿונ זייערע שכיינימ. אנדערע האָבנ נאָכ געלעבט, קעדיי צוצומאכנ די אויגנ פֿונ די טויטע. בײַס איינע האָבנ נאָכ געשפּירט ווילדע אונ פֿארצווייפֿלטע טויט-שרעק, זײַנענ די אנדערע שוינ געווענ פֿונ יענער זײַט פּאכעד אונ אומרו.

עס איז געווען א זעלטענע דערפארונג — פארן בישכיינעס מיט טויטע, דורכגענומענע מיט זייער גלייכגילטיקייט, ארומגערינגלט מיט זייער קעלט.

5

סאמע לעבן שלאס, אין דער ריכטונג צום וואקזאל, לאזט זיך דער באדן אראפ ווי א גאנצע שטיילע וואנט. פריער האט זיך יאנ דערויף ניט אומגעקוקט. אבער יעדעס מאל, ווען ער איז איצט פאר־ביַיגעפארן דאס ארט, איז אים געקומען אין זינען, אז ס'איז גענוג, די מאשין זאל א קערעווע טאן א ביסל שארפער, פאלט זי אראפ אין אן אפגרונט דריַיסיק מעטער די טיפ.

דורך יאנס באוווסטזיַין האבן געהאלטן אין איין פארן אין שווי־דערלעכער איינטאניקיַיט צוגן, געלאדענע מיט מענטשן. זייער לע־בעדיקע פראכט האט געווארט אף דער לעצטער שא.

די לעבעדיקע האבן געהאט צו טראגן נישט נאר זייער אייגע־נעם גורל, נאר אויך דעם גורל פון די טויטע.

מיט אזעלכע געדאנקען איז יאנ פיר מאל א טאג פארבייַגעפארן דעם אפגרונט. מיט יעדן טאג האט דאס ארט אים אלץ מער געצויגן צו זיך.

אין איינעם א מאנטיק האט יאנ געפירט כונעם וואקזאל א מא־שין מיט פינקטלעכע ווערקשטעלן. מאכמעס זייער גרויסן ווערט האט מען לעבן יאנען אוועקגעזעצט א ספעציעלן שוימער.

ס'איז געווען א גליענדיק־הייסער זומערדיקער טאג. דער ארום איז געלעגן פארזונקען אין טיפער פרידלעכקיַיט. פעלדער און לאנ־קעס האבן געשמאכט פאר היץ. אפן וועג איז געפאלן דער שאטן פון הויכע ביימער.

קומענדיק נעענטער צום אפגרונט, האט יאנ צונויפגענומען זיַין גאנצע ווילנס־קראפט. ער איז מעכויעוו אויסצופילן נאך איין אופגא־בע. ער מוז איבערצייַגן די אנדערע אין דער זינלאזיקייַט פון זייער פאסיווקיַיט. זיי האבן זיך געקלאמערט אינעם נישט־טאן מיט דער אקשאנעס פון טעמפן און אומצעשטערבארן זעלבסטדערהאלטונגס־א נסטינקט.

וויאזוי נאך קאן ער זיי דערפון באפרייַען, אויב ניט דורך מא־קריוו זיַין זיך אליין!

ער האט אפט געטראכט וועגן זעלבסטמארד, נישט אלס מיטל צו אנטלויפן פונעם לעבן, נאר אלס אקט פון סאבאטאזש. קיינמאל איז די געלעגנהייַט נישט געווען אזוי גינסטיק. די מאשין איז אנ־געלאדן ביז ארויף מיט ווערטפולע ווערקשטעלן.

דער אָפּגרונט איז געקומען אַלץ נעענטער. פאַרלױפיק האָט מען אים נאָר געקאָנט זיך פאָרשטעלן. אָבער שױן פונװײַטנס האָט ער געװאָרקט, זײַן צוציִונגס-קראַפט האָט געשראָקן.

איצט זעט אים שױן יאַן. אָט איז דער אױסבײג פונעם װעג.

אַן אַנגעבױגענער האָט יאַן ניט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם װעג, װעלכער האָט זיך צעװיקלט אונטער די רעדער פונעם אױטאָ, און האָט געמאָסטן דעם אַלץ קלענער װערנדיקן שטעטל ביז צום װײַטן כױשעכ פונעם אָפּגרונט. דאָרט, װוּ ער איז שטאַרק טיף, דאָרט מוז אַראָפּ די מאַשין מיט איר גאַנצער פּראַכט.

ביז איצט האָט דער אָפּגרונט נאָך נישט געהאַט קײן שום שײַ־כעס צו יענע, װאָס פֿליִען פאַרבײַפאָרן. עס האָט אים נאָך קײן זאַך ניט פאַרבונדן מיט די מענטשן. קײנער האָט נאָך אין זײַן טיפקײַט ניט געקוקט, ניט פאַרטראַכט זיך װעגן דער סאַקאָנע, װאָס לױערט אין זײַנע פעלדזיקער טיפ.

פון איצט אָן װעט ער װערן א סיגנאַל. קײנער פונעם קאָלעק־טיװ װעט ניט קענען א קוק טאָן אַהין און ניט טראַכטן װעגן יאַ־נען. פונעם אָפּגרונט אַרױס מוז ער באַאײַנפלוסן זײַנע כאַװײרים. דאָס ברוכװאַרג פון דער מאַשין דאַרף זיך פאַרװאַנדלען אין א װאָרע־נונג. יאַנס טױט — אין א דערמאָנונג, װאָס פאָדערט אױף צו טאָט.

װען יאַן האָט א קערעװע געטאָן די מאַשין נעענטער צום אָפּ־גרונט, איז זײַן באַגלײטער געװאָרן אומרויִק און האָט געפּרוּװט מיט קױעכ אַרױסרײַסן בא אים דעם רודער פון האַנט. יאַן האָט אים דערלאַנגט א שטױס אָפּ. מיט א טריוּמפירנדיקן זשעכט האָט ער אָנ־געקװעטשט אױפן גאַז-הענטל. די מאַשין האָט געטאָן א שפּרונג אין אָפּגרונט.

יאַן האָט פאַרמאַכט די אױגן. ער האָט נישט געזען, װי מע באַ־שרײַבט עס געװײנלעך, זײַן גאַנצע פאַרגאַנגענע לעבן. ער איז ניט דורכגעלאָפן אין אײַלעניש אַלע עטאַפּן פון זײַן יוגנט. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אױף הינטן. פאַר זײַנע געשלאָסענע אױגן איז געלעגן פינצטערניש. ער האָט געװוּסט, אַז זײַן טאָט איז נױטװענדיק. ער האָט נישט געהאַט ניט װאָס צו פאַרגעסן, ניט װאָס צו באַדױערן.

קאַפּיטל XII

די אַרבעטס-ביוראָ פון דער גענעראַל-גובערנאַטאָרשאַפט האָט זיך געפונען אין אַ אַלטן קראָקער קעניגלעכן פּאַלאַץ. דער װיצע-פּרעזידענט און עסעס-בריגאַדנפירער פאָן דער-פלאַניץ האָט געװױנט אין א זײַטיק צימער. פון אײן פענצטער האָט מען געזען פאַרבײַפליסן די מיט זון פאַרגאָסענע און רויִקע װײַסל. אױף די כװאַליעס האָבן זיך געהױדעט

באַוואוסטזיניקערהייט, באַלאָדענע מיט האָלץ. אינעמ אַנדערנ פֿענצטער האָבנ אַרײַנגעקוקט בײדע טורעמס פֿונ דעמ קאַטעדראַל.

דער וויצע-פּרעזידענט איז געווענ אַ קאָלעקציאָנער אונ אַ מייווינ אָפֿ שײנע כּלי-קודש. דאָס דעקל פֿונ זײַנ ראָקאָקאָ-שרײַבטיש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָפֿ קאַריאַטידנ. אינ די זײַטיקע ווענט זײַנענ געווענ אײַנגעשניטנ בילדער: נאַקעטע נימפֿנ שפּילנ זיך מיט סאַטירנ. אָפֿנ גלאַנציקנ לאַקירטנ קאָמאָד איז געלעגנ אַ געשטיקטע דעקע, וואָס אָפֿ איר באַראָקאַלע זײַנענ געווענ אויסגענייט די וווּנדער פֿונעמ הייליקנ סטאַניסלאַוו. די מיטלסטע וואַנט האָט געצירט אַ גרויס בילד פֿונעמ פּוילישנ קעניג סטעפֿאַנ באַטאָרי.

פֿאָנ דער-פּלאַניץ, אַ שלאַנקער, גוט אויסזעענדיקער מאַנצבל מיט זאָרגפֿעלטיק צעקעמטע האָר, איז געזעסנ אָנגעשפּאַרט אָפֿ די הענטלעכ פֿונ זײַנ פֿאָטעל. אַנטקעגנ אימ איז באַמ שרײַבטיש געשטאַנענ אַ יונגער מענטש אינ דער אוניפֿאָרמ פֿונ אַ שטורעמבאַנפֿירער.

— דער פֿאָלגנדיקער איניענ, — האָט ער געזאָגט אונ אַרויסגענומענ פֿונ דער שאַפֿע אַנ אַקט, — איז וועגנ די רעמאָנט-ווארשטאטנ אינ ל.

דער וויצע-פּרעזידענט האָט מיט אַ באַוועגונג פֿונ דער האַנט אימ אײַנגעלאַדנ אָנצוהייבנ זײַנ באַריכט.

„אינעמ וואַרשטאַט, — איז געשטאַנענ אינעמ באַריכט, — זײַנענ באַשעפֿטיקט אויסשליסלעכ יידישע געשולטע אַרבעטער. דער פֿריִערדיקער אָנפֿירער, שילינג, האָט געאַרבעט צופֿרידנשטעלנדיק. ער איז קראַנק געוואָרנ, אונ דער נײַער אָנפֿירער בריגאָלאַ באַקומט וואָס ווײַטער אַלץ ערגערע רעזולטאַטנ. אינ דעמ טאָג, ווענ ער האָט באַקומענ אַנ אָנווײַזונג דערופֿ מיצאַד דעמ דיסטריקט-אַרבעטס-אַמט, האָט ער אַראָפּגענומענ פֿונ דער אַרבעט אַכט מענער אונ זעקס פֿרויענ. אָפֿ דער פֿאָדערונג צו געבנ דערקלערונגענ האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט פֿעסטגעשטעלט סאַבאָטאַזש".

דער רעפֿערענט האָט געוואַרט, וואָס זײַנ שעפֿ וועט זאָגנ. יענער האָט אָבער געגעבנ צו פֿאַרשטײנ, אַז ער הערט אויפֿמערקזאַמ אונ האָט פֿאָרלויפֿיק ניט קײנ שום באַמערקונגענ.

„בריגאָלאַ ווײַזט אָנ, אַז אינ משך פֿונ לעצטנ כוידעש האָט ער פֿאַרצײַכנט דרײַסיק פֿאַלנ פֿונ סימולירטע קראַנקײַטנ אונ פֿיר אונ דרײַסיק אומגליקפֿאַלנ באַ דער אַרבעט. פֿיר פֿונ זײ האַלט ער פֿאַר פֿאַלנ פֿונ זעלבסטבאַשעדיקונג. ריכטיק איז, אַז די פּראָדוקציע פֿאַלט יעדע וואָכ אָפֿ אָנדערהאַלבנ-צוויי פּראָצענט. מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז אומגעקומענ אַ יידישער שאָפֿער. דערבײַ איז כוץ דער מאַשינ צעבראָכנ געוואָרנ אויכ אַ גרויסער טײל פֿונ די ווערטפֿולע

ווערקשטעלן, מיט וועלכע זי איז געווען געלאָדן. עס איז אויך אומגעקומען דער באַגלייטער".

דער וויצע-פּרעזידענט איז אַ ווײַלע געזעסן שטום. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— און מיט וואָס ווערט אָט דער אַקט דערקלערט?

דער באַאַמטער האָט איבערגעבלעטערט עטלעכע זײַטלעך.

— דער דיסטריקט־אַמט בעט אינסטרוקציעס. ביז איצט האָט מען אין די ייִדישע לאַגערן ניט פאַרצייכנט קיין פאַלן פון סאַבאָטאַזש.

— מיך וווּנדערט עס נישט, — האָט פאָן דער־פלאַניץ באַמערקט. — איך האָב זיך געריכט דערויף.

— איז מיר דערלויבט צו דערקלערן, אַז איך גלייב ניט אין סאַבאָטאַזש? — האָט געפרעגט דער רעפערענט.

— פאַרוואָס?

דער באַאַמטער האָט אָוועקגעלייגט דעם אַקט. זײַן קאָל האָט געקלונגען אומרויִק.

— ייִדן זײַנען טיילווײַז צו פאַכדאָניש, טיילווײַז צו קלוג צו באַשליסן זיך אויף סאַבאָטאַזש. די ריזיקע איז צו גרויס. דערפאַרונג און לאָגיק ריידן קעגן אָנעמען די מאָטיוון פון דער וואַרשעװער־אַדמיניסטראַציע.

פאָן דער־פלאַניץ האָט זיך שאַרף צעלאַכט.

— איר זײַט אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג. איר האָט זיך קיינמאָל ניט געפרווּוט אַוועקשטעלן אין דער לאַגע פון אַ ייִד?

דער שטורמבאַנפירער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. כאָטש דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָט געמאַכט דער שעף, איז עס דאָך געווען אַבסורדיש און באַליידיקנדיק.

— אָן קיין שום מיין אײַך צו באַליידיקן, — האָט צוגעגעבן דער וויצע־פּרעזידענט מיט לײַכטן שפּאָט, — רעקאָמענדיר איך אײַך צו פאָלגן מײַן אייצע. וויאַזוי ווילט איר ריכטיק אורטיילן וועגן אַ קעגנער, אויב איר זאָגט זיך אָפּ צו דענקען מיט אים?

דער באַאַמטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אויף זײַן פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אָנשטרענגונג. עס האָט ווי געדעדט: כאָטש דאָס איז אַן אומעגלעכע זאַך, דאָך וועט ער פון דיסציפּלין וועגן פּרווון פאָלגן.

— גוט, — האָט געזאָגט דער וויצע־פּרעזידענט. — איצט זאָגט מיר, וואָס וואָלט איר געטאָן, אָדער — ריכטיקער, וואָס וואָלט איר נישט געטאָן, קעדיי צו ברענגען שאָדן אײַער טויט־פײַנט?

דער שטורמבאַנפירער האָט הילפלאָז געצוקט מיט די אַקסלען.

— איך זע, איר הייבט אָנ צו אנערקענענ, אז מיר קענענ זיך ריכטנ מיצאד די יידנ אפ א געוויסער אומפרײַנטלעכקײַט. דעריבער קאָנט איר אויך ניט באשטרײַטנ, אז סאבאָטאזש איז א מעגלעכע זאך.

פאָנ דער-פלאניץ האָט שארפ געקוקט אפ זײַנ רעפערענט.

— איז אײַך קיינמאָל ניט אײַנגעפאלנ דער געדאנק, אז ס'איז געווענ א פעלער אויכצונוצנ יידנ אלס געשולטע ארבעטער?

דער רעפערענט האָט געקוקט דערשטוינט. ניט די רעפערענטנ פונעם צענטראלנ ארבעטס-אמט אינ קראָקע האָבנ דאָך געשאפנ די פרינציפנ פונ דער יידנ-פאָליטיק.

דער וויצע-פרעזידענט האָט א ווײַז געטאָנ אפ סטעפאנ באטאָ-ריס בילד.

— באטראכט אים, — האָט ער געזאָגט.

דעמ קעניגס פאָנעמ האָט, בא זײַנ גאנצער ווילדקײַט, אויסגע-זענ אָפנ אונ אופריכטיק. דער קעניג איז געשטאנענ פארנ צושויער אינ זײַנ גאנצער בארבארישער מאיעסטעט.

— איר זעט אים?

דער רעפערענט האָט געהאָרכזאמ, אָבער גלײַכגילטיק א קוק גע-טאָנ אפנ בילד אונ האָט דערקלערט, אז יאָ, ער זעט אים.

— אָט דער, — האָט פאָנ דער-פלאניץ אים געגעבנ צו פאר-שטײנ, — איז אינ געוויסע פאלנ מײַנ אָראקול. ווענ ער זאָל געווענ זײַנ אינ אזא לאגע ווי מיר, וואָלט ער אויך צו די יידנ אָנגעווענדט זײַנ באקאנטע אומקאָמפראָמיסלעכע טאקטיק. זײַנ פרינציפ איז גע-ווענ: אומשעדלעך מאכנ באצײַטנס די אלע, וואָס קענענ אים ברענ-גענ שאָדנ, אונ קיינמאָל ניט האָבנ צו טאָנ מיט קיינעמ, וואָס איז אימ ניט קיינ ווירקלעכער פרײַנט. א שאָד, וואָס מיר האָבנ ניט באַ-נוצט זײַנ רעצעפט פונעמ סאמע אָנהייב אָנ.

דער רעפערענט האָט מיט צווייפל געקוקט אפ דעמ אָנגעמאָלטנ קעניג.

— וואָס פאר אנ אויספיר דארפ איך מאכנ? — האָט ער געפרעגט.

— מע האָט די יידנ ניט געטאָרט געטרויענ קיינ אינסטרומענטנ. מיר האָבנ אליינ מיט אונדזער לײַכטזינ דערלאָזנ דעמ סאבאָטאזש אינ די יידנ-לאגערנ. מיר האָבנ אונדזערע ערגסטע סאָנימ געמאכט פאר מיטארבעטער אונ אָנגעטרויט ווערטפולע מאטעריאלנ אונ מא-שינעס. מיר האָבנ זיך דעריבער, אויב אפילע מיר ווילנ עס ניט אנערקענענ, מיטנ גרעסטנ לײַכטזינ איבערגעגעבנ אינ זייערע הענט.

דער רעפערענט האָט אײַנגעשפארט געזאָגט:

— ביז איצט האָט זיך די יידישע ארבעטס-קראפט בארעכטיקט.

— מעגלעך, — האָט דער וויצע-פּרעזידענט דערווידערט מיט כּוי־ זעק. — די ייִדן האַלטן, אַז זייער צײַט איז נאָך ניט געקומען.

דער רעפערענט האָט אַקשאָנעסדיק געשוויגן.

ווידער האָט פֿאָן דער-פּלאַניץ אַ קוק געטאָן אַף באַטאָריס בילד.

— פֿרעגט אים, — האָט ער פֿרײַנטלעך געייצעט, — וואָס וואָלט ער געטאָן אין אַזאַ לאַגע? לייענט אַרויס דעם ענטפֿער פֿון זײַנע אויגן, אויב איר קענט לייענען.

דער רעפערענט האָט אומגערן געבלאָנדזשעט מיטן בליק איבערן פּאָרטרעט. ער האָט, צי אויס אַקשאָנעס, צי דערפֿאַר, ווײַל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן, געשוויגן.

— דער וואָלט, — האָט פֿאָן דער-פּלאַניץ געענטפֿערט אַף זײַן אייגענער פֿראַגע, — די דאָזיקע אונטערנעמונג און אַלע ענלעכע פֿאַר־ מאַכט, נישט נעמענדיק אַפֿילע אַף קיין איין רעגע אין אַכט קיין שום פּראַקטישע מאָטיוון.

דער רעפערענט האָט דערשראָקן אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ.

— שרעקט זיך ניט, — האָט אים זײַן שעף באַרויִקט. — בײַ אונדז זײַנען געבונדן די הענט. מיר קאָנען אָנעמען נאָר האַלבע מיט־ לען... — פֿאָן דער-פּלאַניץ האָט אַ רעגע געטראַכט. — וויפֿל אַרבעטער זײַנען פֿאַראַן אין ל.?

— צוויי הונדערט פֿערצן מענער, הונדערט אַכציק פֿרויען, צו־ זאַמען — דרײַ הונדערט פֿיר און נײַנציק קעפּ.

— דרײַ הונדערט פֿיר און נײַנציק, — האָט געכוויזעקט דער ווי־ צע-פּרעזידענט. — און אַלע טרעגער פֿון אָט די קעפּ זײַנען געזונט און שטאַרק! אַנדערש וואָלטן זיי דאָך אַזאַ שווערע אַרבעט ניט געקאָנט אויספֿילן. יעדערער פֿון זיי איז, ווי איך פֿאַרשטיי, געשולט, און אַלע זײַנען זיי פֿול מיט פֿאַרביסענעם האַס צו אונדז. ווי איז אײַער מיינונג?

דער רעפערענט האָט געשוויגן. פּלאַניץ האָט פֿאָרגעזעצט:

— וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָבן די צוויי-דרײַ אָפּטיילונגען באַוואַכונג?

— וואָס וואָלט געווען, ווען מע פֿאַרשטאַרקט די באַוואַכונג? — האָט זיך אײַנגעשטעלט צו פֿרעגן דער רעפערענט.

— דאַן וועט אויסקומען: צוויי וועכטער אַף אַ טוץ ייִדן. — פֿאָן דער-פּלאַניץ האָט זיך צעלאַכט. — מיר קאָנען זיך אַזאַ לוקסוס ניט דערלויבן. שוין דאָס אַליין, וואָס מע קאָן זיך שטעלן די פֿראַגע וועגן פֿאַרשטאַרקן די באַוואַכונג, באַווײַזט, אַז די לאַגע איז אַן אומ־ דערלאָזבאַרע.

— אָבער די נויט אין ארבעטס-קראפט?

— די נויט אין ארבעטס-קראפט דארף אונדז ניט ברענגען דער-צו, אז מיר זאָלן ווערן אומבאטראכט אָדער אומקאָנסעקוועגט. — פאָן דער-פלאניץ האָט מיט כויזעק געקוקט אף זיין באאמטן. — אז עס טוט אייך וויי אן אויג, רייסט עס ארויס.

דער רעפערענט איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט מער ניט געמאכט קיין פרווון צו שטערן דעם מאָנאָלאָג פון-נעמ שעף.

— אויב מיר קאָנען ניט אלעמען אראָפּנעמען פון דער ארבעט, — האָט דער וויצע-פרעזידענט, שפּילנדיק זיך מיט אן אלטן זילבערנעם שטעמפּל פונעם קראָקער וואָיעוואָדע, געזאָגט, — מוזן מיר דאָך צוליב זיכערקייט-מאָטיוון א געוויסע פארקירצונג מאכן.

דער אָנגעשטעלטער האָט זיך פארנייגט אלס צייכן דערפון, אז ער פארשטייט די נייטיקייט פונעם באפעל און ווארפט זיך אונטער דער אומפארמיידלעכקייט. קוקנדיק אונטערטעניק דעם שעף אין מויל אריין, האָט ער פארמאכט דאָס לעצטע בלעטל פונעם אקט.

— פארשרייבט, — האָט באפוילן דער וויצע-פרעזידענט. ער האָט א רעגע געוואַרט און דערנאָך געגומען לאנגזאם דיקטירן זיין פאר-אָרדענונג: — דער קרייז-אמט דארף זאָרגן דערפאר, אז די אונטער-נעמונג זאָל פארקירצט ווערן אף צוויי הונדערט קעפּ. באם אי-בערלאָזן די איבעריקע דארף גענומען ווערן אין אכט זייער אופי-רונג און אויך דער גראד טעכנישע געשולטקייט.

דער אָנגעשטעלטער האָט מיט א בלייפעדער עפעס אָנגעשריבן אפן אקט און אוועקגעלייגט אים פאר פאָן דער-פלאניצן. יענער האָט געכאסמעט.

— דעם פאָלגנדיקן איניען! — האָט באפוילן דער וויצע-פרעזידענט פאָן דער-פלאניץ מיט א ליב שמייכעלע.

קאפיטל XIII

צוויי שאָ פארן ענדיקן די ארבעט האָט מען מיכאעלן אוועק-גערופן פון זיין ווערקשטעל. ער איז לעצטנס אינגאנצן גרוי גע-וואָרן. א נערוועז צוקן איז אים צייטנווייז דורכגעלאָפן דורכן קער-פער. א דערשראָקענער האָט ער פארלאָזן זיין אָרט און אזוי גיך, ווי די פיס האָבן געטראָגן, איז ער אוועקגעלאָפן צו בוריגאָלא אין קאבינעט.

דער שעף איז געזעסן אין זיין פאָטעל, אָנגעשפארט אף די הענטלעך, דאָס פּאָנעם געווענדט ארופּ-צו.

טייקעף נאָך מיטיק האָט בריגאַלא געהאַט באַקומען צוגעשיקט דעם אַקט. פון דריי ביז זעקס איז ער געזעסן אַ בער אים און האָט מיט קאַס געטראַכט, אַז וואָס ער זאָל ניט טאָן, איז אַלץ אומזיסט. וואָס העלפט כאָכמע? ביסטו אַ שלימאַזל, ווערסטו דער קאָרבן פון דיין אייגענער כאָכמע. ער איז געווען זיכער, אַז פאַרופנדיק זיך אָפּ סאַבאַטאַזש, האָט ער געהאַנדלט זייער קלוג. סאַבאָטאַזש איז אַ טע-רעץ פאַר אַלץ.

האָט עמעצער אַ העכער שטייענדיקער צעשטערט די גאַנצע שפּיל. פון דעם פּירנדיקן וואַרשטאַט אינעם דיסטריקט ווערט אַ מיטעלע אונטערנעמונג. בריגאַלאַס פּולמאַכטן ווערן באַשרענקט.

ווידער האָט ער פאַרלוירן אַ שאַנס אין לעבן. בריגאַלא איז גע-ווען זיכער, אַז אינגיכן וועט מען אים ווידער ערגעץ אַריבערפירן.

ער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין. זיין אָנמעכטיקער קאַס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אים אַפילו ניט אויסגעגאָסן צו דעם אַריינגעקומענעם יידן. וואָס נוצט עס, אויב ער וועט אַפילו צעטרעטן אָט דעם איינעם! אָט איז געקומען איינער און מיט זיין מעכ-טיקן שטיוול צעטראָטן מיט איין מאָל צוויי הונדערט. נאַריש, טעמפּ און ניט באַטראַכט — דאָס איז געווען בריגאַלאַס אורטייל וועגן זיי-נע באַלעבאַטים.

די אונטערנעמונג האָט אים שוין איצט ניט פאַרשאַפט קיין שום פרייד.

אַ ווייַלע האָט בריגאַלא געלאָזט מיכאַעלן שטיין. ער האָט אויס-געזען אַלץ נאָך פאַרטיפט אין די געדאַנקען. „צופּיל געקראָכן פון דער הויט, — האָט ער געטראַכט. — נישטאָ קיין ערגערע זאַך ווי צופּיל קריכן פון דער הויט".

— ייִד! — האָט ער ענדלעך אַ וואָרף געטאָן אין דער לופט אַריין. — איך דאַרף באַלד האָבן אַ צעטל פון צוויי הונדערט בעס-טע אַרבעטער.

מיכאַעל האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער איבערגעכאַזערט:

— צוויי הונדערט בעסטע אַרבעטער.

— דו ווייסט, וואָס מע פאַרשטייט אונטער „בעסטע"? — האָט בריגאַלא געשריגן. — די זיכערסטע און געשיקטסטע.

מיכאַעל האָט זיך אָנגעבויגן נאָך טיפער. די געשיקטסטע וואָלט ער נאָך געקענט אויסטיילן. ווען האָט אָבער דער שעף געהאַלטן פאַר די זיכערסטע? זיינען דען געווען אַזוינע, וואָס זיינען, לויט זיין מיינונג, ניט זיכער?

— האָסט מיך נאָך אלץ ניט פארשטאַנען! — בריגאַלא האָט זיך אָנגעבויגן פּאָרויס און באטראכט מיכאעלן. זיין שטימע האָט געקלונגען דערשטוינענדיק ווייך. מיכאעל האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, ער זאָל זיין אזוי געדולדיק.

— די אונטערנעמונג ווערט רעדוצירט ביז צוויי הונדערט מענטשן. די איבעריקע ווערן אָפּגעשיקט. לייג מיר פאָר מענטשן: זיכערע, פלייסיקע און טעכניש געשולטע. ווי איז צו דיר, אויב דו וועסט פּרוּוון מיך באשווינדלען!

שווייגנדיק האָט מיכאעל גענומען דאָס צעטל פון פערסאָנאל. אזוי־ווי אנומלט זיינען צוגעקומען צוויי און איינער איז געווען שטערבלעך פארוואונדעט, איז צוזאמען געווען דריי הונדערט פינף און ניינציק מענטשן. צוויי הונדערט בלייבן און די איבעריקע ווערן אָפּגעשיקט.

מיכאעל האָט געהאלטן דאָס צעטל מיט ציטערנדיקע הענט. עס האָט אים געוואָרפן פאר פארדראָס. פארוואָס זאָל ער ווידער שפּילן די ראָליע פון א העלפער?

אין א מינוט ארום איז דער פארדראָס פארשוואונדן. מיכאעל האָט זיך גענומען אין די הענט. ער האָט געוווסט, אז נאָכן אוועקפאָר פון יענע פערצן איז ער געוואָרן ניט באליבט און נאָך יאנס טויט — פּאָשעט פארהאסט בא אלעמען.

ווען בריגאַלא פארטרויט אן אנדערן דעם אויסוואל, וואָלט מיכאעלס גורל געווען אויסער יעדן ספק. קיינער וואָלט אים נישט פארשריבן אינעם צעטל פון די צוויי הונדערט. דער איינציקער, וואָס קאָן אים ראטעווען, איז ער אליין. אזוי האָט דער צופאל, וועלכן ער האָט נאָרוואָס געשאָלטן, זיך ווידער אויסגעלאָזן צו גוטן פאר אים.

דער קאָלעקטיוו צאָלט אים פאר אלץ מיט סינע. אָבער דער שעף האָט צו אים צוטרוי. מע קאָן ניט זיין גוט גלייכצייטיק מיט ביידע צדאָדים. און ווייל בריגאַלא איז צו אים גוט, איז מיכאעל דער מעכטיקסטער פון אלע. זיין מאכט איבער זיין גלייכן איז אומבאגרענעצט. דאָס לעבן און דער טויט פון הונדערט פינף און ניינציק מאן ליגט אין זיינע הענט.

סאָפּענדיק, שטיקנדיק זיך פון אופרעגונג, האָט ער געדריקט דאָס צעטל צום לייב. בריגאַלא האָט עס באטראכט און האָט געבלינצלט מיט די אויגן, אין וועלכע מע האָט געקאָנט לייענען שפּאָט און פארשטענדעניש.

— איך זע, אז דו האָסט באגריפן, — האָט ער טרוקן א זאָג געטאָן און אויסגעשאָסן א ביטער געלעכטער. — דו ביסט פיפיקער,

ווי איך האָב געמיינט. און ווייל דו ביסט אזא כוואט, פארגעס ניט אייַנצושליסן דייַן נאָמען אינעם ריכטיקן צעטל. אזעלכע ווערטפּולע מענטשן ווי דו מוזן מיר אייַנהיטן.

בריגאָלאס פינגער האָט געוויזן אפן שכיינישן צימער.

— גיי אצינד, סטארע זיך, יידל! דו ביסט פאראנטוואָרטלעך פאר יעדן נאָמען, היט זיך צו פּראָטעזשירן דייַנע פרייַנט, קימער זיך נישט פאר די פרויען! איך קאָן איבערלאָזן נאָר זיכערע מענטשן!

— איך וועל זיך היטן, — האָט מיכאעל געזאָגט צו זיך, ווען ער איז געבליבן אליין, — אייַנצושליסן מייַנע פרייַנט אינעם צעטל פון די איבערבלייַבנדיקע. איך קאָן עס נישט טאָן, ווייל איך האָב דאָך נישט קיין פרייַנט. אפילו די איינציקע פּערזאָן, וואָס געהערט צו מיר, איז מייַן סוינע.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט בא א קליינעם טיש און אוועקגעלייגט פאר זיך דאָס צעטל. דאָנער איז געווען דער ערשטער, וועמען ער האָט אויסגעשטראָכן. דער צווייטער איז געווען נאָוואק. מיכאעל האָט קיינמאָל ניט פארגעסן זייַנע סאָנים.

וואָלף, כאָטש ער איז געווען זייַן שאָכן, האָט שטענדיק געוועקט בא אים פארדאכט. זאָל ער בעסער זייַן ערגעץ אנדערש, ניט אין דער „יודענשטאָט".

אָבער די אנדערע? וויאזוי אונטערשיידט מען זיכערע פון ווידערשפּעניקע? זיכער, פּלייַסיק, טעכניש געשולט. וועמען זאָל ער אויסוויילן: יינגערע אָדער עלטערע?

וואָס וועלן טראכטן וועגן אים די איבערגעבליבענע? זיי וועלן אים דאנקבאר זייַן? אָדער עפּשער וועלן זיי אים גאָר פארשילטן?

רוט טאָר נישט וויסן, אז ער האָט אָנגעוויזן דעם שעפ די געמען. קיינער טאָר עס ניט וויסן.

ער האָט דורכגעקוקט דאָס צעטל און אויסגעשטראָכן קוידעמקאָל אלע, וואָס ער וואָלט ניט געוואָלט, אז זיי זאָלן בלייַבן. דאָס זייַנען געווען צום אלעמערשטן יאנס כאווירים. זיי האָבן דען מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק ניט פארשפּרייט קיין פלוגבלעטלעך? זיי זייַנעןווירקלעך געפערלעך.

מיכאעל האָט אָנגעהויבן קוקן מיט בריגאָלאס אויגן. ער האָט אנטדעקט, אז זייערע אינטערעסן זייַנען קימאט אידענטיש. אויב ער האָט פון זייַן אייגענער זיכערקייַט וועגן קיינמאָל קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן די פלוגבלעטלעך, איז דאָך אָבער פאר אים קיין סאָפּעק ניט, אז די בלעטלעך זייַנען פארן קאָלעקטיוו שעדלעך. אלע, וועלכע האָבן

געהאט א שײַכעס צו יאנען, זײַנען פֿארסאמט. צוליב די אינטערעסן פֿון די, וואָס ווילן לעבן, מוז מען דעם סאם באַזײַטיקן.

מיכאעל האָט זיך געפֿילט אלץ מער פֿארבונדן מיט בריגאָלאן. יע־דערער, וואָס וויל בלײַבן לעבן, מוז אים שטיצן. ווער עס העלפֿט בריגאָלאן, העלפֿט זיך. ווער עס פֿאָלגט אים, איז זיכער מיטן לעבן. די היצקעפּ און די אומגעדולדיקע זײַנען סאָנים פֿון די מאסן. דער איינציקער וועג איז אויסדויער און געדולד.

מיכאעלן איז געוואָרן אלץ קלערער, וויאַזוי דאָס צעטל פֿון די געבליבענע דאַרף אויסזען. דעם אויסוואַל דיקטירט נישט נאָר זײַן אייגענער ווילן זיך צו דערהאלטן באם לעבן, נאָר אויך דער ווילן פֿון די אלע, וואָס ווילן איבערלעבן. מע דאַרף לאָזן נאָר אזעלכע, וועלכע זײַנען גרייט צו נעמען אפּ זיך אלץ, אבי צו דערלעבן דעם גליקלעכן סאָף.

און אזוי האָט מיכאעל אויסגעשטראָכן ניט נאָר די אלע, וועלכע זײַנען געווען באַפֿרײַנדעט מיט יאנען, געווינט בישכיינעס מיט אים אָדער ביכלאל אָנגעקומען צו אים אָן אַ אייצע. ער האָט אויסגע־שטראָכן דאָסראָוו יונגע מענטשן, וואָס זײַנען נויטע צו עקסצעסן. ער האָט אויסגעשטראָכן מענטשן, וועלכע פֿלעגן אין לאגער ריידן שלעכטס וועגן בריגאָלאן. ער האָט אפֿילע אויסגעשטראָכן מענטשן פֿאָשעט דערפֿאר, ווײַל זיי האָבן נאָך רויטע באַקן. רויטע באַקן זײַ־נען א סימען פֿון בלוט־איבערפֿלוס. הייס בלוט פֿארפֿירט אָפֿט צו אומבאטראכטע אוואנטיורעס.

און אזוי־ווי די צאָל פֿארמישפּעטע אויסגעראָטן צו ווערן איז נאָך ניט געווען אויסגעשעפּט, האָט ער אויסגעשטראָכן סטאם מענטשן, אין וועלכע ער איז ניט געווען אינגאנצן זיכער. ענגעל אשטייגער האָט אפֿילע גערעדט קעגן יאנען, אָבער ניט גענוג אנטשיידן.

יאקאָב דער ארענדאר האָט גערעדט פֿעסטער, אָבער ער קומט פֿון דאָרף. דאָרף־מענטשן ווערן לײַכט באַאײַנפֿלוסט. מע קאָן מיט זיי קיינמאָל ניט זײַן זיכער. אזעלכע מענטשן איז גלײַכער ניט צו דער־לאָזן צום ניסויען.

וואָס ווײַטער זײַן ארבעט האָט זיך גערוקט, אלץ זיכערער האָט זיך געפֿילט מיכאעל. ערשט איצט האָט ער באקומען די אויבערהאנט איבער יאנען. נאָך יאנס טויט זײַנען געווען טעג, ווען זײַן אײַנפֿלוס איז געווען גרעסער ווי ווען־ניט־איז. ווי לײַכט האָט געקאָנט פּא־סירן, אז דער טויטער זאָל זיגן. און די סאקאָנע איז נאָך ביז הײַנט נישט געמיטן. אָבער יעדער שטריך מיטן בלײַשטיפֿט מאכט זי קלענער.

שוין כאדאָשים, אז מיכאעל האָט נישט געהאט אזא פֿארגעניגן. פֿאר די אלע, וואָס האָבן געארבעט אין ווארשטאט, איז ער איצט

געווען אי דער גורל אי די האזשגאָכע. ווען ער פארמישפעט, איז פארמישפעט אפ אייביק. ווען ער באפרייט, איז באגנעדיקט צום לעבן. אלע נעפאשעס זיינען זיין אייגנטום. יענע, וואָס ער איז מאַקריוו, ווערן געבראכט א קאָרבן פאר דער זיכערקייט פון די געבליבענע. ווען ער ראטעוועט, דער געהערט צו אים. אויב זיי לעבן, האָבן זיי עס צו פארדאנקען בלויז זיין, מיכאעלס, גוטן ווילן.

אין דער לעצטער האלבער שאָ האָט מיכאעל גענומען טראכטן, וואָס ער וועט זאָגן רוטן. וואָס עס וועלן טראכטן די איבעריקע, ווען דאָס ריזיקע צעטל וועט מאָרגן אויסגעהאנגען ווערן — דאָס האָט אים קנאפ וואָס געקימערט. די, פאר וועמען ער האָט מוירע, וועט ער מאָרגן זען צום לעצטן מאָל. די, וועלכע בלייבן, קאָנען אים נאָר דאנקבאר זיין.

אָבער רוט? וואָס זאָל ער איר זאָגן? זי וועט וועלן וויסן, וואָס איז געשען. מיכאעל מוז צוטראכטן עפעס אן ענטפער, אויב ער וויל אויסמיידן אן ענדגילטיקן איינרייס.

ער מוז לייגן. אָבער וואָס טראכט מען אויס? וואָס טראכט מען אויס אזוינס, אז ער זאָל קאָנען אויסהאלטן דעם קלאָרן און שטרענגן בליק פון אירע אויגן. זי וועט אים גלייבן, אויב ער וועט זאָגן, אז ער האָט געקעמפט פאר יעדן איינציקן פון די פארשיקטע?

דאָ איז אָבער אריין ברויגאָלא. ער האָט גענומעןביידע צעטלען, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, ניט פרעגנדיק גאָרנישט. ער האָט דורכגעקוקט ביידע צעטלען, אוועקגעלייגט זיי און געגעבן א צייכן מיכאעלן, אז ער קאָן גיין. דער זייגער אין קאנצעליאריע האָט געשלאָגן ניין.

מיכאעל האָט נאָך אלץ ניט באשלאָסן, וואָס ער האָט צו זאָגן רוטן. אין טעמפער פארלעגנהייט האָט ער זיך געשלעפט אהיים. די אנדערע זיינען שוין לאנג געווען אין דער היים. די גאס איז געווען פוסט.

פארן טורעם האָט מיכאעל זיך פארהאלטן. זיינע פיס זיינען געוואָרן אלץ שווערער. א שרעק איז אים באפאלן. ער איז פאר קיינעם ניט פאראנטוואָרטלעך. אָבער דוט איז א שטרענגער ריכטער. זי מישפעט אפילע דעמלט, ווען מיכאעל וואַרפט זיך ניט אונטער. זי ציט אים צו צו פאראנטוואָרטלעכקייט, צווינגט אים זיך פארענטפערן, הערט אים אויס און טראָגט ארויס דעם אורטייל.

אפ דער שוועל איז מיכאעל געשטאנען א ווײַלע שטיל. אין קעלער האָט געקלונגען יאָנאסעס שטים. ער האָט גערעדט מיט וואָלפן אָדער מיט אנען. אויבן אָבער וואַרט רוט. זי האָט מיכאעלן געוויס געזען דורכן פענצטער.

מיכאעל האָט זיכ געקווענקלט. ער האָט נאָכ אלצ ניט קיינ פּאַסיקנ ליגנ. עפּשער וועט זי אים גלייבנ, אז מע האָט אים פּאָשעט פארהאלטנ אפ דער ארבעט? מיכאעל האָט אָבער געפילט, אז די בעסטע איינפאלנ האָבנ ניט קיינ אויסזיכט אפ דערפאָלג. רות האָט מער געוווסט וועגנ זיינע פּלענער, אזוי איז ער כוישעד, איידער ער וואָלט זיכ אליינ געוואָלט מוידע זיינ.

אונ ווענ ער איז געשטאַנענ פאר רותנ, איז דאָס ווירקלעכ מיט אים געשענ. ער האָט זיכ אפילע געאַקשנט, אָבער אינ א פערטל שאָ ארומ האָט שוינ רות געוווסט אלצ, אפילע דאָס, אז ער, מיכאעל אליינ, האָט צונויפגעשטעלט ביידע צעטלענ.

קאפּיטל XIV

1

מיט א געשריי האָט זיכ רות געטראָגנ איבער די גאסנ פונ דער „יודענשטאט". זי האָט ארויסגערופנ די מענטשנ פונ די שטיבער. איר קאָל האָט געקלונגענ שארפ. לעבנ יעדנ טויער איז זי געבליבנ שטיינ אונ אזוי לאנג געקלאפּט אינ די פארשימלטע ברעטער, ביז עמעצער פונ די איינוווינער האָט זיכ א דערשראָקענער באוויזנ אפ דער שוועל.

אז דער מענטש האָט זיכ באוויזנ אפ דער שוועל, האָט אים רות אָנגעזאָגט די בסורע. דאָס האָט באטייט דעמ סאָפ. קיינער האָט ניט געוווסט, צי איז ער צווישנ די צוויי הונדערט, צי צווישנ די אנדערע. מיכאעל האָט ניט געהאט ווענ אָנצורופנ נעמענ. רות האָט בא אים גאָר ניט געפרעגט קיינ נעמענ. אונ ווענ ער זאָל אפילע געווענ וועלנ אָנרופנ נעמענ, וואָלט רות אים ניט געלאָזנ.

די אויסזיכט פונ יעדנ איינציקנ געראַטעוועט צו ווערנ איז געווענ פונקט אזוי גרויס, ווי די אויסזיכט פארשיקט צו ווערנ. פונ צווייענ איז ער אומבאדינגט איינער. דער דאָזיקער איינער וועט מוזנ אוועק מאָרגנ אָדער איבערמאָרגנ. ווענ וועט אויסקומענ דעמ אנדערנ דורכמאכנ דעמ זעלבנ וועג?

דער קלאפּ האָט אזויארומ געטראָפנ יעדנ איינעמ. אונ אויב ס׳איז אפילע געווענ ניט זיינ אייגענער סאָפ, איז עס אָבער געווענ אלעמענס סאָפ. אלע זיינענ געווענ ווי איינער. נאָכ קיינמאָל האָבנ זיי זיכ ניט געפילט אזוי פארבונדנ. זיינענ דענ אמאָל געווענ סיכסוכימ צווישנ זיי? מיטאמאָל איז איינער דעמ אנדערנ געוואָרנ ווי א ברודער. ביסלעכווייז האָבנ זיכ די גאסנ אָנגעפילט. האלב אָנגעטאָנ זיינענ די מענטשנ ארויס פונ די טירנ, זיכ געקלאמערט אינ די שכיינימ. פונ

די פענצטער-לעכער האָבן זיך באוויזן פארענדערטע פּענעמער, ווײַ־ נענדיקע פרויען האָבן זיך געוואלגערט אפ די שוועלן.

דער הימל איז געווען באדעקט מיט שווארצע כמארעס. ס׳איז געוואָרן פרי פינצטער. וואָס טוט מען?

באלד זײַנען אלע ייִדן געווען אפ דער גאס. זייער מורמלען האָט געהאט דעם קויכל פון א שטורעם. איידער מע האָט נאָך אָנ־ גענומען עפּעס א באשלוס, האָבן זיך שוין באוויזן מענטשן מיט פעקלעך. עס האָט זיך געבילדעט א מין פּראָצעסיע. דער גרעסטער טייל איז אָבער אומבאהאָלפן ארומגעלאָפן הין און צוריק און פאר־ לוירן געשריִען, אז ס׳איז עק וועלט.

אין דער פינצטערניש האָבן די כודוועס אויסגעזען קימאט ווי א היים. מע האָט נישט געזען ניט די צעלעכערטע דעכער, ניט די אײַנ־ געפאלענע ווענט, און בעשאס מע איז נאָך געשטאנען אין טויט־ שרעק פאר די שײַבער, האָט מען שוין געבענקט צוריק.

וואָס וועט איצט געשען? איז דען געבליבן עפּעס אנדערש כוץ קאמף?

ווי נאָר מע האָט אָנגעהויבן ריידן פון קאמף, האָט זיך גענומען דוכטן, אז יאן שטייט אין דער מיט פון דער „יודענשטאט״. ער האָט אָנגעוויזן דעם וועג. און איצט איז געקומען די שאָ זויספילן זײַן געבאָט.

פאר א בעראטונג פון די פארטרויונגס-מענער קאָן קיין בעסער אָרט ניט זײַן, ווי יאנס צימער. מיכאעל איז ניט געווען, לוריע איז אויך נישטאָ. אָנשטאָט זיי ביידן איז איצט אָבער דאָ וואָלף.

קיינער וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, ווער עס האָט וואָלפן גערופן. עס איז אָבער ניט געווען קיין שום ספק, אז ער איז דער פּאַ־ סיקסטער מענטש אפ איבערצונעמען די אָנפירונג. פלוצעם איז ער געוואָרן א טייל פון דער „יודענשטאט״.

ער האָט פארמאָגט דאָס שטרענגע פּאָנעם פון א גלייביקן, אָבער אויך דעם אנטשלאָסענעם אויסדרוק פון א קריגסמאן. פון אים האָט גע־ שטראָמט רו און זיכערקײַט. ווער עס האָט אים געזען, האָט זיך אים אונטערגעוואָרפן אָן קווענקלעניש.

וויסנדיק, אז יעדע ניט אויסגענוצטע מינוט וועט מען ניט קאָ־ נען צוריקכאפּן, האָט וואָלף אָנגעצייכנט אפ דער האנט אן עסקיז פון דעם שלאָס, ער האָט אָנגעוואָרפן די קאָנטורן פון דער „יודענשטאט״. מיט דער גרעסטער פינקטלעכקײַט האָט ער אָנגעצייכנט אויך די וועגן, וואָס פארבינדן דעם שלאָס מיט דער קריסטן-שטאָט און מיטן וואָקזאל.

די מענער האָבן אָנגעשטרענגט שטודירט דעם עסקיז, געמאָסטן דעם שעטעך און געפּרווט זיך פאַרשטענדיקן וועגן צײַט און גע־שווינדקײַט.

דער קלײנער און שטאַלטנער ענגעל איז געשטאַנען אַף די שפּיץ פינגער און געהאַלטן הויך אַן אָנגעצונדענע ליכט.

וואָלף האָט אָנגעוואָרפן דעם פּלאַן פון דעם פאָרשטייענדיקן קאַמף. עס מוזן געבילדעט ווערן צווײ אָטריאַדן. אײן אָטריאַד פון קאַמפּספּײַיקע. דער אַנדערער — פון אַלטע, קראַנקע און אינוואַלידן. דער שטורעם-אָטריאַד דאַרף אָנהייבן דער ערשטער. מע דאַרף קודעם מאַכן אומשעדלעך די וואַך, פאַרכאַפּן די עסעסאָווצעס, וואָס געפינען זיך אין שלאָס, און נעמען געפאַנגענע בריגאַלאַן. פאַרכאַפּט דעם שלאָס און אײַנגעטײלט די פּראָדוקטן, דאָס געווער און די אַמוניציע, דאַרף מען ברענגען דעם שלאָס אין פאַרטײדיקונגס-צושטאַנד און זיך פאַר־טײדיקן אַזוי לאַנג, ביז הינטער די ווענט וועלן זיך געפינען פאַר־טײדיקער.

וואָלף האָט באַשריבן די אײנצלנע שלאַכט-אָפּעראַציעס. קײנער האָט עס ניט געקאָנט אײַנאָרדענען בעסער פון אים. בײַם דער באַ־האַנדלונג פונעם אָנגריף-פּלאַן האָט זיך געלאָזט מערקן אַ וויכטיקע ענדערונג אין די אַלע מענטשן.

מיט יעדן אָנגענומענעם באַשלוס און מיט יעדן באַקומענעם באַ־פעל זײַנען זײ ווי ייִנגער געוואָרן, — די אויגן האָבן באַקומען דעם אַמאָליקן גלאַנץ, די גלידער זײַנען געוואָרן שטײַפער, די שטימען האָבן געקלונגען טיפער.

דאָנער איז געווען אָנטײלנעמער אין אַן אַקטיוון אופשטאַנד, האָט אים וואָלף גענומען פאַר אַ געהילף. נאָוואַק איז באַשטימט גע־וואָרן פאַרן קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד קאַמפּספּײַיקע.

ווען די באַשלוסן פונעם ראַט זײַנען באַוווּסט געוואָרן, האָבן די מענטשן אַרומגערינגלט וואָלפן און שווײַגנדיק געדריקט אים די הענט. אַנדערע האָבן אים אין שטומער היסלײַוועס געטראָגן ביזן טורעם. מ'האָט גערעדט ווייניק. אָבער יעדער אײנער האָט פונעם אַנדערנס ליפּן אַראָפּגעלײענט אַ באַגײַסטיקונג. יעדער אײנער האָט אינעם אַנ־דערן געזען אַ ברודער. אַ טיפע טרײסט האָט זיך אויסגעשפּרייט, מע האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט צו שרײַען פאַר פרייד. קײנער האָט ניט געפרעגט, צי מע וואַרפט זיך אונטער דעם באַשלוס פון די פאַרטרויונגס-מענער. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך. פון דעם הײַפל פאַרצווייפלטע איז געוואָרן אַ חיל מיט דעם אײן-און-אײנ־ציקן וווּנטש: זיך שלאָגן.

2

קוידעמקאָל האָט מענ געדארפט באַזײַטיקנ די וואכ באם יידנ-טויער. וואָלפ האָט עס איבערגעגעבנ פעניעסנ. דער האָט עס געדארפט דורכמאכנ אינגאנצנ רוישלאָז.

פעניעס איז פארשווונדנ. געשיצט דורכ דער פינצטערניש, איז ער אינ געדיכטנ שאָטנ פונ די כורוועס געקראָכנ צום יונגנ סאָלדאט, וואָס האָט זיכ, ווײַזט אויס, געלאנגווײַליקט אפ זײַנ פאָסטנ. פעניעס האָט געדולדיק געווארט אפ דעם, ער זאָל זיכ עטעלנ מיטנ פאָנעם אינ אנ אנדער ריכטונג.

דער וואכמאנ האָט זיכ לאנג נישט גערירט פונ אָרט. זײַנ פאָ-נעם איז געווענ פארכאָלעמט.

פעניעס האָט זיכ זייער ווייניק אינטערעסירט דערמיט, וועגנ וואָס עס טרוימט דער סאָלדאט. ער האָט אינ געדאנק געמאָסטנ דעם שפרונג, וואָס ער דארפ מאכנ.

מינוטנ זײַנענ געגאנגענ, אונ דער וועכטער האָט זיכ נאָכ אלצ ניט גערירט פונ אָרט.

דער יידנ-טויער — דאָס איז געווענ נאָר א רעשט פונ אנ אמאָ-ליקנ טויער. צוויי סלופעס, א שטיק בויגנ פונעמ טויער מיט די רעשטלעכ פונעמ אויסגעהאקטנ דעוויז. די פינצטערניש האָט פאר-דעקט די אופשריפט, פארהילט די סלופעס. אָט-אָט וועט מענ שוינ מער ניט זענ אויכ דאָס פאָנעם פונעמ סאָלדאט.

אָבער פעניעס האָט נאָכ אלצ גענוג געזענ. ער האָט באמערקט, ווי דער סאָלדאט נעמט דאָס געווער, קעדיי דורכ מארשירנ גויווער זײַנ דעמ כיישעק צו שלאָפנ. דער דײַטש האָט זיכ אָנגעבויגנ, אָנ-גענומענ דאָס געווער אונ עס אונטערגעוואָרפנ אינ דער הייכ.

דעמלט האָט זיכ פעניעס געטאָנ א וואָרפ. אינ זײַנ שפרונג איז געווענ די פלינקײַט פונ א קאצ. זײַנע הענט האָבנ זיכ אײַנגעקלא-מערט אינעמ דײַטשס האלדז. קיינ איינ קלאנג האָט זיכ ניט ארויס-געריסנ פונעמ דערשראָקענעמ גאָרגל. ער האָט נאָר קוים א ציטער געטאָנ. איצט איז שוינ דער סאָלדאט געלעגנ אויסגעצויגנ. פעניעסעס קנאָכיקע פינגער האָבנ אָפגעטאָנ זייערס.

ווענ פעניעס האָט זיכ איבערצײַגט, אז די ארבעט איז אָפגעטאָנ, האָט ער פאָרזיכטיק אוועקגעלייגט דעמ דײַטש אזוי, ער זאָל ניט זײַנ קיינ שטערונג באמ דורכגייג דעמ טויער, אונ איז מיטנ דע-ראָבערטנ געווער צוריקגעלאָפנ זיכ מעלדנ צו וואָלפנ.

3

אַרום צוועלף אַזייגער באַנאַכט, איידער דער ערשטער אָטריאַד אונטער נאָוואַקס אָנפירונג האָט זיך געלאָזט אינ וועג אַרײַנ, האָט מיכאַעל געמאַכט אַ פּרווו זיך קעגנצושטעלנ.

ער איז לאַנג געזעסנ בא זיך אינ צימער אונ געטראַכט, וויאַזוי ניט לאָזנ די געשעענישנ זיך פאַנאַנדערוויקלענ. פאַרשווינענ פונ מיכאַעלס שניט קאָנענ זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגנ פונ זייער אַרט דענקענ. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיינ, וואָס האָט די מענטשנ אַזוי מעשוגע געמאַכט, אַז זיי ווילנ זיך מאַקרעוו זײַנ אונ נישט זענ ראַטעווענ דאָס, וואָס מע קאָנ נאָכ ראַטעווענ. צוויי הונדערט מענטשנ ווילנ באַגיינ זעלבסטמאָרד.

מיכאַעל האָט זיך אופגעגעסנ אַ לעבעדיקער, לעמײַ ער האָט אויסגעזאָגט רוטנ דעמ סאָד. פאַרוואָס איז ער אַזוי שוואַכ, אַז ער מוז אַלצ אויסדערציילנ זײַנ בייזער יונגער פרוי?

וואָס האָט אימ געשטופּט אויסצוזאָגנ פונעמ כיידער! ווענ ער שווײַגט ביז דעמ מאָמענט, ווענ דאָס צעטל הענגט שוינ, וואָלטנ די איבערגעבליבענע זיך ניט פאַרייניקט מיט די פאַרשיקטע. וואָס פאַר אַ מענטש, וואָס איז בעקויעכ זיך ראַטעווענ, וועט זיך פאַרבינדנ מיט פאַרורטיילטע?

מיכאַעל האָט ניט געקאָנט באַגרײַפנ, אַז ס'איז פאַראַנ אַזאַ אייניקײַט, וואָס ענדיקט זיך ניט בא דער שוועל פונעמ טויט. ער האָט געהאַט נאָר איינ געדאַנק: אַרויסלויפנ אונ אויסשרײַענ די נעמענ פונ די געראַטעוועטע. יענע, וואָס ס'איז זיי באַשערט צו לעבנ, קאָנענ ניט באַגיינ אַזאַ אומזינ, ווי פאַרבינדנ זייער גורל מיט די פאַרשיקטע.

מיכאַעל איז אַרויס אַפּ דער גאַס. ס'איז געווענ שטאַרק פינצטער. כמאַרעס זײַנענ געהאַנגענ נידעריק איבער די דעכער.

נאָוואַקס אָטריאַד האָט זיך פּלוצעמ אָפּגעשטעלט. מיכאַעל איז געשטאַנענ אַנטקעגנ זיי אונ הילכיק געשריִענ. אַלע האָבנ דערקענט זײַנ קאָל. וואָס וויל ער? ער האָט נאָכ די כוצפּע זיך צו לאָזנ הערנ? ס'איז אימ ווייניק זײַנ לעצטער זיג?

מיכאַעל האָט באַשוואָרנ די מענטשנ, זיי זאָלנ ניט גיינ אינ שלאָס. ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט זיך געבעטנ, מע זאָל בלײַבנ אונ אימ אויסהערנ. ער האָט וויכטיקס צו דערציילנ.

ס'איז געוואָרנ שטיל. איצט האָט מענ געקאָנט הערנ, וואָס מיכאַעל וויל זאָגנ. ער רופט אָנ נעמענ. אַלצ מער נעמענ. וואָס באַטײַטנ זיי?

דאָנער האָט אופגעקלערט. דאָס זײַנענ די נעמענ פונ די מענטשנ,

וועלכע זיינען דערוויַיל ניט פאַרורטיילט פאַרשיקט צו ווערן. מיכאעל וויל, זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם געמיינזאַמען פראָנט און זיך אָפּזונדערן פון די אַנדערע.

מיכאעל האָט ווייטער גערעדט. ער האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז מע הערט אים ניט. ער האָט גערעדט ווי פון היץ. אַלץ איינס און דאָס זעלבע.

— פון וועג אַראָפּ! — האָט דאָנער אַ געשריי געטאָן. — ווילסט בלייבן — בלייב! נאָר אונדז פאַרהאַלט ניט!

מיכאעל איז אַלץ מער צוגעשטאַנען. זיין אַקשאָנעס איז געוואַקסן. ער האָט זיך געשטופּט נעענטער צום אַילעם, אים געזידלט. ווער זאָגט עס, אַז די אַוועקגעשיקטע מוזן שטאַרבן? ווער קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז מע זאָל היינט צו טאָג הונדערט פינף און נייַנציק מענטשן סטאַם אין דער וועלט אַריין פאַרורטיילן צום אומקום? אין דערווירקלעכקייט וועט קיינער ניט באַצאָלן מיטן לעבן, אויב מע וועט זיך אונטערוואַרפן די מאָסמיטלען פון דער אַדמיניסטראַציע.

מיכאעל האָט אַלץ גערעדט. ער האָט ניט געוווּסט, אַז קיין וועג אָפּ צוריק איז שוין ניטאָ. באַם ייִדן־טויער איז געלעגן אַ טויטער דייטש. דער וועג אין שלאָס איז געווען אָפן.

און מיכאעל האָט אַלץ געוואָלט אָנבינדן זיין ווילן דער מאַסע. דאָס איז געווען דער איינגעשפּאַרטער ווילן פון איין מענטשן, וואָס זיין פאַרביסנקייט האָט ניט קיין גרענעץ.

— פון וועג אַראָפּ! — האָט מען שטיל באַפוילן. — פאַרנעם זיך!

עס האָט אָנגעהויבן טריפן אַ קליין רעגנדל. מ'האָט אים ניט געזען, נאָר דער ווינט האָט געטריבן די טראָפּנס אין די פּנימער אַריין.

מיכאעל איז ניט אָפּגעטראָטן.

— איר וועט, — האָט ער איינגעשפּאַרט געשריִען, — גיין ווייטער נאָר איבער מיין קערפּער!

— גוט! — האָט איינער אַ געשריי געטאָן. — אויב דו ווילסט אַזוי.

אַ שווערער שטיין האָט געטראָפן מיכאעלן אין שלייף. ער איז אומגעפאַלן. און די מאַסע איז קלאַנגלאָז אַוועק פאָרויס.

אויך רוט האָט געשפּאַנט איבער אים. זי איז ביַיגעווען אַלץ. און מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן, אַז זיין האַלטונג גייט זי אָן מער, ווי די איבעריקע. ווען ער איז געפאַלן, האָט זי געוואָלט אָפּשפּרינגען, קעדיי אים אויסצומיַידן. אָבער די גאַס איז געווען שמאָל, די מאַסע האָט געשטופּט, זי האָט געמוזט שפּאַנען איבער דעם טויטן קערפּער פון איר מאַן.

אין דעם אויגנבליק איז זי שוין געווען וויַיט פון אים. זי האָט אַפילו ניט באַגריפן, וויאַזוי זי האָט געלעבט מיט אים.

אויך נאָך זײַן טויט האָט מיכאל געפּרוּווט פאַרשטעלן דעם וועג. זײַן קערפּער איז געלעגן אין דער ברייט פון גאַס. קיינער האָט ניט געקוקט אַף אים. מע איז געטראָטן אַף אים. איינגיכן איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין דער פייַכטער ערד, אַ צעטראָטענער פון גלײַכגילטיקע פיס.

דער רעגן האָט געגאָסן אַלץ שטאַרקער. זײַן גלײַכמעסיק גערויש האָט באַלד פאַרשלונגען אַלע איבעריקע קלאַנגען.

קאַפּיטל XV

1

דער ייִדן-טויער איז שוין געבליבן ווײַט פון הינטן. מע האָט זיך געלאָזן צום שלאָס ניט מיטן געוויינטן וועג, נאָר מיט דעם אַזויגערופענעם „קרייצפאָרער-וועג", וועלכער האָט געפירט צום „קרייצפאָרער-פאָרט", צו וועלכן ייִדן האָבן זיך אַפילו ניט געטאָרט דערנענטערן.

דער רעגן האָט געגאָסן אַלץ שטאַרקער. די טראָפּנס זײַנען געפּאַלן מיט אַ הילכיקן קלאַפּ אַף דער פייַכטער ערד. אין דער פינצטער האָט מען זיך פאַרטשעפּעט אָן שטאַמען און וואָרצלען.

ווען מע האָט זיך דערנענטערט צום „קרייצפאָרער-פאָרט", האָט מען גענומען גיין נאָך פאָרזיכטיקער ווי פריִער. מע איז געגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע טאַפּנדיקע הענט, אין אויסגעווייקטע שיך און קליידער. אַרום דעם וואַכהויז פונעם „קרייצפאָרער-פאָרט" זײַנען שוין געשטאַנען גרויסע קאַליוזשעס. אינעם וואַכהויז איז געזעסן און געדרעמלט דער וואַכמאַן, פאַרוויגט פונעם מאָנאָטאָנעם גערויש פונעם רעגן.

עס האָט געקאָסט ווייניק טירחא צו נעמען אים אַ לעבעדיקן. צום אָנהייב איז ער געווען ווי באַטויבט. די פאָרשטעלונג באַפאַלן צו ווערן פון ייִדישע אַרבעטער און פון זיי געפאַנגען צו ווערן איז אים אויסגעקומען אַזוי ווילד, אַז לעכאַטכילע האָט זי זיך ניט געקאָנט אײַנלייגן אין זײַן באַוווּסטזײַן. וואָלט האָט אים באַלד גענומען צום פאַרהער. צוערשט האָט זיך דער וועכטער אָפּגעזאָגט צו ענטפערן, אָבער עטלעכע קלעפּ מיט דער קאָלבע האָבן אים געמאַכט באַרעדעוודיק...

וואָלפס פראַגן האָבן געקלונגען שאַרף און באַפעלעריש. דער געפאַנגענער האָט געענטפערט האַכנאָעדיק און שטיל. ער האָט געהאָלפן דעם אַוואַנגאַרד-טייל אַרײַנגיין אינעם פאָרט, ער האָט זיי געוויזן דעם וועג צו די שלאָפצימערן פון דער מאַנשאַפט.

א ביקס, געצילט אינ הארצנ, און די אפ הינטנ פארבונדענע הענט האָבנ אים פארווערט צו טראכטנ וועגנ עפּעס א שפּיצל. די אופ־שטענדלער האָבנ אויסגעטאָנ די שיך און מיט באָרוועסע פיס געשפּרייזט איבער די פונ עלטער אויסגעגלעטע שטיינער. די קנאפּע שיינ פונ א פּאָר לעמפּלעך האָט באלויכטנ נידעריקע געוועלבנ, געשניצטע באַ־פוצונגענ, אויסגעוויטערטע סקולפּטורנ, איינגעפאַסטע אינ די ווענט.

דעמ צווייטנ וואכמאנ האָט מענ אויך גענומענ אָנ ווידערשטאנד. עטלעכע אויסגעטיילטע מענטשנ האָבנ זיך באוואָפנט מיטנ געפונענעמ געווער און זיך א לאָז געטאָנ אינ די שלאָפצימערנ אריינ.

דערשראָקענע זיינענ די שלאָפנדיקע אופגעשפּרונגענ פונ זייערע געלעגערס. זיי האָבנ איבערגעלעבט די אומגעהייערסטע שרעק און די גרעכטע שטוינונג, וואָס זיי האָבנ אמאָל געהאט אינ זייער לעבנ. די אונטערמענטשנ האָבנ געמאכט א רעוואָליוציע! די, וואָס מע האָט די דייטשנ געלערנט זיי צו באטראכטנ ווי נידעריקע באשעפענישנ, זיינענ איצט ארויס פונ די טפיסעס און האָבנ די האָזע אָנצופאלנ אפ די אוי־בער־מענטשנ.

א פּאניק האָט באהערשט די וואכ־מאנשאפט. בושע און שטוינונג האָבנ געפּענטעט זייער ווידערשטאנד. די, וואָס האָבנ זיך קעגנגעשטעלט, האָבנ באצאָלט מיטנ לעבנ. די אנדערע האָבנ געהאלטנ אויסגעצויגנ די הענט, גרייט, מע זאָל זיי בינדנ. דער שארפיורער און ביידע ראָ־טענפיורערס זיינענ געווענ צווישנ די געפאנגענע.

וואָלף האָט א צי געטאָנ דעמ זיך שאָקלענדיקנ שארפיורער נע־ענטער צו זיך. דאָס איז געווענ א שלאנקער מענטש מיט א ווייב־לעכ פּאָנעמ. זיינע ווילד דערשראָקענע אויגנ זיינענ געלאָפנ איבער די געזיכטער פונ די יידנ.

וואָלפס פראגעס האָבנ אים געשמיסנ ווי בייטשנ. ער האָט אופ־געהויבנ די אקסלענ, געקוקט דערשראָקנ ארומ זיך און ניט געענטפערט. ווענ מע האָט אים אָבער א רוק געטאָנ אינ פּאָנעמ די רער פונ א רעוואָלווער, האָט ער זיך אנערקענט פאר באזיגט און האָט, שטאמ־לענדיק, גענומענ פארזיכערנ, אז ער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיינ שומ שייכעס צו דער פארטיי. ער איז א סאָלדאט, און ער האָפט, אז מע וועט אימ אלס אזעלכנ באהאנדלענ.

„סארא מאָדנע וועלט, — האָט וואָלף געטראכט, בעשאס ער האָט געמאכט נאָטיצנ און אָפגעגעבנ באפעלנ. — פארוואָס האָט מענ פאר דעמ מענטשנ געציטערט? ווער האָט איינגערעדט די וועלט, אז זיי זיינענ אומבאזיגבאר? אָט דער עקזעמפּליאר איז שוינ אלנפאלס געצוימט. זאָל מענ אימ נאָר אָנטאָנ קייטנ אפ די הענט און געבנ צו פארזוכנ א בייטש, ווערט דער שארפיורער א געהאָרכזאמער קנעכט“.

שמייכלענדיק איז וואָלף נאָכגעגאנגען דעם שאַרפיורער. שפּאַ־נענדיק צווישן צוויי ביקסן־מײַלער, האָט דער שאַרפיורער געוויזן דעם וועג צו בריגאַלאס שלאָפצימער, גלײַך ער וואָלט זײַן גאַנץ לעבן געטאָן נאָר איינס: געדינט אופגעשטאַנענע ייִדן.

בריגאַלא האָט נאָך אַלץ ניט שאַלעם געמאַכט מיטן באַפעל, וואָס ער האָט מיט צען שאָ צוריק באַקומען פון אַרבעטס־אַמט. ער איז געלעגן אין זײַן ברייט בעט, פאַרזונקען אין אומרויִקן שלאָף. אױפן נאַכט־טיש זײַנען געלעגן דער קאָנטראָל־זייגער און דער רעוואָלווער. לעבן בעט איז געשטאַנען דער טעלעפאָן. לויט אַ באַפעל, איז די אַדמיניסטראַציע פונעם וואַרשטאַט טאָג ווי נאַכט געווען פאַרבונדן מיטן קרײַז־אַמט.

בריגאַלאָן האָט זיך געכאָלעמט, אַז פאָן דער־פלאַניץ איז געקו־מען צו פאָרן. אומצופרידן מיט די רעזולטאַטן פון זײַן פאַראָרדענונג, האָט דער וויצע־פּרעזידענט געוואָלט צונעמען באַם שעף פונעם וואַר־שטאַט דעם רעשט ייִדן. בריגאַלא האָט זיך קעגנגעשטעלט. עס איז אים ניט געגאַנגען אום דעם גורל פון די ייִדן. זײַן אייגענע עק־זיסטענץ איז דאָ געשטאַנען אין קאָן. קעדיי זיך צו ראַטעווען, מוז ער האָבן די ייִדן.

פאָן דער־פלאַניץ האָט ניט נאָכגעגעבן. קאַלט און הערשעריש איז ער געגאַנגען מיט בריגאַלאַן דורך די רוישנדיקע פאַבריק־זאַלן. זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. דער וויצע־פּרעזידענט האָט געהאַט יענעם אָנראַכמאָנעסדיקן בליק, וואָס ביז איצט האָבן עס פרײַנט און פײַנט אָנערקענט פאַר בריגאַלאס כאַראַקטעריסטישער אייגנשאַפט. דער שעף פונעם וואַרשטאַט ווידער איז געווען אַזש צו מילד. ער האָט געבעטעלט פאַר יעדן ייִדישן נעפעש. ער האָט אויסגעזונגען צו זײַן פּערזענ־לעכן פאַרינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון די אַלע נעפאַשעס. אָבער פאָן דער־פלאַניץ איז אומדערבאַרעמדיק און בייז באַשטאַנען אַף אויס־פילן זײַן אינסטרוקציע.

אַ פאַס שײַן האָט אַ שטאָך געטאָן בריגאַלאַן אין די אויגן. ער האָט זיי האַלב געעפנט. אין צימער איז געשטאַנען אַ גרופּע פרעמדע מענטשן. איינער האָט געהאַלטן אַ טאַשן־לאָמפּ, געווענדט אַף בריגאַ־לאַן. צוויי אַנדערע האָבן זיך אָנגעבויגן איבער אים, אַראָפגעצויגן פון אים די קאָלדרע און געבונדן אים די הענט מיט שטאַרקע שטריק.

בריגאַלא האָט זיך ניט גערירט. די פּנעמער זײַנען געווען ענ־לעך אַף די פּנעמער פון זײַנע ייִדישע אַרבעטער. ער איז מעשוגע צי עס כאָלעמט זיך אים נאָך אַלץ? עפּשער איז עס אַ רעזולטאַט

פון דער קרענקונג, וואָס דער באַפעל האָט אים פאַרשאַפט? קיינמאָל אין לעבן האָט ער נאָך ניט געהאַט אַזוינע האַליוצינאַציעס.

עס האָט געדויערט אַ היפש שטיקל צײַט, ביז בריגאַלאַ האָט אָנגעהויבן כּוישעד זײַן, אַז ער איז וואַך. ער האָט געפּרוווט אַ רײַב טאָן די אויגן, האָט ער אַנטדעקט, אַז ער איז געבונדן. ער האָט געפּרוווט אַ דריי טאָן דעם קאָפּ, האָט ער דערזען זײַן געווער אין פרעמדע הענט.

האָט זײַן ראַפּאָרט, הייסט עס, דאָך ניט איבערגעטריבן? אויב דאָס איז ניט קיין כאָלעם, איז עס אָבער שוין ניט סאַבאָטאַזש, נאָר אופשטאַנד און מערידע. אופגעשטאַנענע ייִדן האָבן פאַרכאַפּט דעם שלאָס, און איצט איז ער באַ זיי אין די הענט.

דער געדאַנק, אַז עס כאָלעמט זיך אים ניט, האָט באַהערשט דאָס לעצטע ווינקל פון זײַן באַוווסטזײַן.

— צו הילף! — האָט אַ ברום געטאָן בריגאַלאַ. ער האָט זיך גע־טאָן אַ וואָרף, גענומען כריפּען און געפאַלן אין כאַלאָשעס.

2

אַפן טורעם פון דער הויפּט־קירכע האָט געקלונגען צוויי.

בײַס דאָנער האָט דאָס געווער אין די שלאָס-קאַזעמאַטן אויסגע-פונען און עס פאַרטיילט, בײַס ער האָט יעדן איינצלנעם אָפּטייל אָנ־געוויזן זײַן אָרט און באַזאָרגט די באַוואַכונג פון די געפאַנגענע, האָט זיך אין בריגאַלאַס שלאָפצימער פאַרזאַמלט דאָס געריכט, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אים צו מישפּעטן.

וואָלף איז געווען דער פאָרזיצער. פאַר בײַזיצער האָט ער גע־נומען ענגעלן, יאַקאָבן, נאָוואַקן און יאַנס פרײַנט — סימאָנען.

— מיר וועלן נישט, — האָט ער געזאָגט, ווײַזנדיק אַפן געפאַנגע-נעם, — פאַרלירן קיין צײַט אַף פעסטצושטעלן די גרייס פון זײַן שולד. איך האַלט נישט, אַז ער איז דער ערגסטער פון זײַן מין. דאָך באַ-שטייט זײַן שולד אין פילפאַכן, פּײַנפולן און לאַנגזאַמען דערמאָרדן מענטשן, מיט איין וואָרט — אין באַוווסטזיניקן און פרײַוויליקן מיט-העלפן דעם גרעסטן מאַסן-פאַרברעכן, וואָס איז ווען-ניט-איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט באַגאַנגען געוואָרן. ווער שטימט פאַר דעם, אַז בריגאַלאַס שולד איז פעסטגעשטעלט?

אַלע פיר האָבן אופגעהויבן די הענט.

— און איצט, — וואָלף איז צוגעגאַנגען נעענטער צו דעם בעט, אַף וועלכן עס איז געלעגן דער אָנגעקלאָגטער, — דאַרפן מיר פעסט-שטעלן די שטראָף. טראָגט אַרײַן אײַערע פאָרשלאָגן. יעדערער, וואָס

וויל מאכן א פֿאָרשלאָג, דאַרף מעלדן וועגן זײַן האסקאָמע אלייג אויסצופֿילן דעם אורטייל.

א געשריי האָט זיך ארויסגעריסן בא דעם געפֿאנגענעם. ער האָט זיך געפּרווווט אופֿזעצן. פֿאר שרעק זײַנען בא אים די אויגן געוואָרן קײַלעכדיק און גרויס.

— רעדט, — האָט געבעטן וואָלף, — איך ווארט אפֿ אײַערע פֿאָר-שלאָגן.

אלע האָבן געשוויגן. זייער שווערער אָטעם האָט זיך צונויפֿגע-מישט מיט בריגאָלאס כאָרכלען.

— איר האָט אלע געוויס ניט איין מאָל געטראכט, וויאזוי איר וועט זיך נויהעג זײַן מיט אים, אויב ער וועט ארײַנפֿאלן צו אײַך אין די הענט? איר האָט זיכער פֿאר זיך די אָנקלאגע אויסגעהערט און דעם אורטייל ארויסגעטראָגן. וואָס פֿאר א מין שטראָף האָט איר אויסגעוויילט? איינפֿאכער טויט איז גאָר כעסעד. איר קענט דאָך אים ניט באגנעדיקן צו איינפֿאכן טויט!

שטיל. קיין איין וואָרט.

וואָלף איז צוגעגאנגען נענטער צו בריגאָלאן, אין וועמענס אויגן עס האָט פּלוצעם אופֿגעפֿלאקערט האָפֿענונג.

— דו זעסט, קיין איינער פֿון די פֿיר וויל דיר ניט טאָן דײַן רעכט. וועל איך עס מוזן טאָן.

דערזען וואָלפֿס רעוואָלווער, האָט בריגאָלא געפּרווווט שרײַען, אָבער די שרעק האָט אופּגעדריקט דעם גאָרגל.

— מײַן מישפּעט וועט זײַן זייער א מילדער, — האָט אים וואָלף דערקלערט. — א סאך מילדער פֿון דעם, אפֿ וועלכן דו האָסט געקאָנט אויסרעכענען. דערמאָן זיך, אז פֿיל פֿון אונדז וואָלטן באצאָלט א טײַערן פּרײַז פֿארן גליק צו שטארבן פֿון א גוט געצילטער קויל. דו וועסט עס באקומען אינגאנצן אומזיסט.

בריגאָלא האָט פּלוצעם באקומען צוריק זײַן שטימע. די אופֿרע-גונג האָט אים ניט דערלויבט צו בילדן קיין פֿראזע. צווישן די קווי-טשענדיקע איינצלנע זילבן האָט מען געקאָנט פֿארשטיין נאָר איינ-און-איינציק וואָרט, א וואָרט, וואָס האָט אין בריגאָלאס מויל גע-קלונגען אויסטערליש און ווילד: ראכמאָנעס.

— וואָלט עס אײַך אמאָל געקאָנט אײַנפֿאלן, אז בריגאָלא וועט בעטן בא אײַך ראכמאָנעס? — וואָלף האָט נײַגעריק באטראכט בריגאָ-לאס פּאָנעם. — ער, — האָט וואָלף צוגעגעבן, — וואָס פֿלעגט אזוי שווער באשטראָפֿן בלויז פֿאר וואגן אויסצודריקן א ביטע.

בריגאַלא האָט ניט געפֿילט די קאַלטקייט אין וואָלפֿס שטים און האָט אַלץ געבעטן מיטלייד. ער האָט זיך געוואָרפֿן, געצאַפּלט, גע-ברילט, ווי אַ ווילדע כייע: ראַכמאָנעס!

— גענוג! — האָט וואָלף אַ זאָג געטאָן. ער האָט גענומען דעם קאָנטראָל-זייגער פֿונעם נאַכט־טיש, אַ רעגע געוויגן אים אין האַנט, זיך צוגעהערט צו זיינע טיקען, באַטראַכט דעם סעקונדע-ווייזער, וועל-כער האָט אַזויפֿיל מענטשן געבראַכט צום אומקום. — אין אַ מינוט אַרום וועל איך אויספֿילן דעם אורטייל איבער דעם געוועזענעם וואַר-שטאַט-אָנפֿירער ערענפֿריד בריגאַלאַ.

וואָלפֿס אויגן האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פֿונעם סעקונדע-ווייזער. ווי לאַנג דאָס דויערט, ביז דאָס שמאָלע בלוי-שעמערירנדיקע שטיקל שטאָל, וואָס הייסט סעקונדע-ווייזער, לויפֿט דורך דעם שעטעכ צווישן שטריכ און שטריכ!

דאָס, הייסט עס, איז אַ סעקונדע! אַזוי לאַנג דויערט זי! ווי לאַנג זי האָט געמוזט אויסווייזן, ווען די צייט אַליין האָט געפּייניקט, ווען דער סעקונדע-ווייזער האָט זיך איינגעבויערט אין יעדן נערוו, צעשניטן די בלוט-געפֿעסן, פּאַרוואונדעט די מוסקולן און צולעצט מיט זיינע שפּיץ זיך איינגעזויגן אין האַרצן, קעדיי עס צו טרעפֿן אַפֿ טויט.

אויך בריגאַלאָס אויגן האָבן זיך ניט אָפּגעטאָן פֿונעם זייגער. ער האָט שוין באַגריפֿן, אַז זיין גורל איז באַשלאָסן. שווער אָטעמענדיק, איז ער געלעגן אַפֿן רוקן. האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַרוואָס גע-דאַנקען עס האָט אַרויסגערופֿן זיין קאָנטראָל-זייגער? האָט ער ביכלאַל באַגריפֿן, וואָס עס קומט פֿאָר?

די מינוט איז פֿאַריבער. בריגאַלאַ איז געשטאָרבן פֿון אַ שאָס פֿון זיין אייגענעם רעוואָלווער.

— איך בין גליקלעך, — האָט וואָלף אַ זאָג געטאָן, — וואָס איך דאַרף מער ניט מאָנען קיין גערעכטיקייט.

— האָסט פֿאַרלוירן דעם צוטרוי צו אונדז, וויייל מיר האָבן ניט געקאָנט? — האָט סימאָן געפֿרעגט.

— ניט נאָר צו אייך, מיינע פֿריינט, צו זיך, צו די אַלע, וואָס האָבן געליטן.

וואָלף איז געשטאַנען אין טיר, געקוקט אין האַלב-טונקעלן לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט אויסגעזען, ווי דער אומענדלעכער וועג אין דעם אומבאַשטימטן.

— אַז וויל איז צו די, וואָס וועלן מישפּעטן דערנאָך, — האָט וואָלף פֿאַמעלעך געזאָגט, — נאָר זיי אַליין וועלן האָבן די מוט צו זיין אומדערבאַרעמדיק.

קאַפּיטל XVI

1

דעם רעשט נאַכט האָט וואָלף פאַרבראַכט אונטערן געוועלב פון-נעם הויפּט-טויער. דער רעגן האָט אופגעהערט. די כמאַרעס זײַנען העלער געוואָרן. א פאַרלוירענער שטערן האָט א בלישטשע געטאָן צווישן דינעם וואָלקן-געוועב. פון די בערגלעך אין מיזרעך האָט א בלאָז געטאָן א פריש ווינטל, פאַרוויגט צום שלאָף.

פאַרן אײַנדרעמלען זײַנען דורך וואָלפס באַוווסטזײַן דורכגעלאָפן די פּאַסירונגען פון דער נאַכט. וויִאַזוי איז עס געשען, וואָס דער שלאָס איז אַרײַנגעפאַלן צו זיי אין די הענט אַרײַן אָן קאָרבאָנעס, אָן א באַדײַטנדיקן בלוט-פאַרלוסט, קימאַט אָן טירכע, עפּעס גאָר ווי אַלפּי-נעס? מיט וואָס קאָן מען דעם נעס דערקלערן, אויב ניט מיטן אײַנבוטיקן, גרויסאַרטיקן, אײַזנפעסטן ווילן פונעם קאָלעקטיוו?

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט וואָלף געזען, ווי עס עפענען זיך די אונטערערדישע קאַמערן און גיבן אַרויס דאָס אָנגעהויפטע געווער. די מענטשן האָבן דאָס געווער גענומען מיט אַזא אויסדרוק אַפן פּאָ-נעם, גלײַך אַף דער וועלט עקזיסטירט פאַר זיי גאָרנישט ניט, כוץ אָט דעם געווער.

די מענער און פרויען האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אין זייער רעשוס האָבן זיי געהאַט א נישטיקן טייל נאַכט. אָבער וואָס פאַר א נאַכט! עס איז געווען די ערשטע נאַכט פון פרײַהײַט!

מיט אָט דעם געדאַנק איז וואָלף פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. ווען מע האָט אים אין צוויי שאָ אַרום אופגעוועקט, איז ער אַרויף אַף די טרעפּ פונעם הויפּט-טויער.

צופוסנס איז געלעגן די „יודענשטאַט”, נאָך פוכטער און כאָרע-וועער ווי געוויינלעך. דער רעשט לעבן איז פון איר אוועק. מע האָט דאָרט קיינעם ניט איבערגעלאָזט כוץ א האַלבער טוץ אײַנגעשפּאַרטע זקיינים.

די זון איז אַרויס פון הינטער די בערגלעך, א פלאַמענדיקע און א רויטע. וואָלף האָט אַרויסגעשטעלט דאָס פּאָנעם דער זון אַקעגן. שוין לאַנג האָט די פרימאָרגן-זון ניט געשפּילט אַף זײַן פּאָנעם. לאַנג-זאַם האָט די זון אָנגעפילט די וועלט מיט איר שײַן. די קלויסטער-טורעמס אין דער קריסטן-שטאָט האָבן געפינקלט. די דעכער זײַנען געשטאַנען אײַנגעהילט אין פלאַמען.

וואָלף האָט זיך פאַרנייגט פאַרן אופגייענדיקן טאָג.

2

אקעגנ טאָג האָט דער שלאָס, ווי שוינ ניט איינ מאָל אינ דער פארגאנגענהײַט, זיכ ווידער פארוואנדלט אינ א פעסטונג, וואָס ווארט אפ די באלאגערער. קיינמאָל נאָכ זײַנענ באלאגערטע ניט געוועג אזוי אָרעמ אינ פארטיידיקונג-מיטלענ אינ פארגלײַכ מיט דער מאכט פונעמ דערווארטנ סוינע. קיינמאָל אָבער זײַנענ זיי ניט געוועג אזוי פעסט אינעמ באשלוס זיכ ניט אונטערצוגעבנ דעמ סוינע בא קיינע שומ אומשטענדנ.

קיינ שומ זאכ אינ דער וועלט האָט מער ניט געהאט קיינ באדײַטונג, כוצ דעמ גליק צו האָבנ געווער אינ די הענט אונ זיכ שלאָגנ.

זעקס שאָ נאָכאנאנד איז געווענ איבערגעריסנ די טעלעפאָנישע פארבינדונג מיטנ קרײַז־אמט אונ מיט דער קאָמענדאטור אינ ר. מע האָט שוינ דאָרט לאנג געמוזט פארשטיינ די לאגע. יעדע מינוט האָט מענ זיכ געמעגט ריכטנ אפנ סוינע.

דעמ באאָבאכטונג-פונקט האָט דאָנער געמאכט אפנ דאכ. פונדאנענ האָט ער געזענ וויַיט ארומ. ער האָט געזענ ניט נאָר די שטעט ל. אונ ר., ער האָט געזענ אויכ אנדערע שטעט אונ דערפער, וואָס זײַנענ געלעגנ צווישנ לײַכט געכוואליעטע בערגלעכ. ארומ דעמ וואלד בא ל. זײַנענ געלעגנ דערפלעכ, ווו קיינ איינ קוימענ האָט ניט גערייכערט, גערטנער, וואָס קיינער האָט ניט באארבעט, פארברענטע פערמעס, פארלאָזענע מילנ.

פונ מיזרעכ-זײַט האָט מענ געזענ דעמ פראכט־וואָקזאל אינ ר. מע האָט געזענ די שעמערירנדיקע נעצ רעלסנ, די לאנגע רייענ וואגאָנעס, לאגערנ, סעמאפאָרנ.

נאָכ מיזרעכדיקער, אײַנגעהילט אינ נעפל, איז געלעגנ דאָס לאנד פונ די גרויסע טײַכנ. דאָרט איז געלעגנ די וועלט, פונ וועלכער מע איז געווענ אָפגעטיילט נישט נאָר מיט דעמ האלבנ טויזנט קילאָמעטער, נאָר מיט טויזנטער באפעסטיקטע פונקטנ, פײַנטלעכע ארמייענ, מינענפעלדער, שטעכיקנ דראָט, פארוויסטער ערד, כורבוינעס, מאסנ-קוואָרימ אונ קיינעמס לאנד. אונ דאָכ איז דאָרטנ, הינטער אָט דער ווײַט, ווי הינטער א פאָרהאנג, געלעגנ די האָפענונג אפ אויסלייזונג.

דאָנער האָט געקוקט אָט אפ מיזרעכ, אָט אפ מײַרעוו: ווי ווײַט איז די אויסלייזונג, אונ ווי נאָענט — דער סוינע.

דער שטאָט-זייגער האָט געשלאָגנ אכט. די לופט האָט אָנגעהויבנ וויבּרירנ. די געגנשטאנדנ האָבנ געוואָרפנ שארפע אונ דייַטלעכע שאָטנס. פונ די וועלדער איז אופגעאנגענ א צארטער, בלוילעכער רויך.

וויפל שאָ איז נאָך געבליבנ צו לעבנ?.. דאָנערנ האָט נאָך די וועלט קיינמאָל ניט אויסגעוויזנ אזוי רייצנדיק. ער האָט ליב געהאט יעדנ געגנשטאנד, אפ וועלכנ עס איז געפאלנ זייַנ בליק. דער וואלד האָט גערופנ. כאָטש איינ מערטל שאָ דאָרט אָפּרוענ... אָט דער פעלדוועג, וואָס שלענגלט זיך צווישנ לאָנקעס צומ טייַכל אראָפּ, ווי אָנגענעמ עס מוז זייַנ צו טרעטנ אפ אימ. דאָס טייַכל איז קליינ אונ שמאָל, אָבער איבער די כוואליעס טאנצנ אומ גאָלדענע בליצנ.

מאָדנע! פארוואָס זאָל אָט די פרידלעכע ערד מער ניט וועלנ טראָגנ אפ זיך א טייל פונ אירע באוווינער! וואָס פאר אנ ענדערונג ס'איז פאָרגעקומענ זינט יענער צייַט, ווענ מע האָט געקאָנט פרייַ אומגיינ צווישנ וועלדער אונ פעלדער אונ באטראכטנ די נאטור ווי אנ אייגנטומ. איז מענ אליינ געוואָרנ אנ אנדערער, אָדער די נאטור האָט זיך געענדערט?

דאָנער האָט געוווּסט, קיינ שומ ענדערונג איז ניט אינ אימ, ניט אינ דער נאטור ניט פאָרגעקומענ. די טיפע פארבינדונג צווישנ אימ אונ דעמ ארומ האָט ער אינ אָט דעמ אינדערפרי דערפילט באזונדערס שטארק. דאָס ליכט האָט געבלענדט זייַנע אויגנ אונ האָט אימ בארוישט. פונ אלע ווינקלענ פונ דער נאטור האָט געשטראָמט גליִענדיק לעבנ.

עס איז אימ געווענ אזוי, גלייַך א פרייַנטלעכע האנט האָט זיך אויסגעשטרעקט צו אימ פונ דער טיפ. אָבער דאָ האָט זייַנ געניטער אויער פארנומענ א נייַעמ טאָנ. אינ מייַרעוו האָט זיך געשפרייט א וואָלקנ שטויב. דעמ סוינעס פאנצער-קאָלאָנע איז אפנ וועג...

3

דער סוינע איז געקומענ מיט אלע אטריבוטנ פונ זייַנ מאכט. עס האָט ניט געפעלט קיינ שומ מינ באוואָפענונג. מאָרטירעס, פאנצער-אוטאָמאָבילנ, פלאמענוואַרפער. די מאָטאָריזירטע אָפטיילונג האָט זיך שנעל צעוויקלט אונ מיטביידע וועגנ גענומענ אָנגרייַפנ אפנ שלאָס.

א פלאמענוואַרפער האָט אטאקירט די וואנט ארומ שלאָס אונ אייַנגעהילט אינ פייַער די מאָנאכנ, הייליקע אונ מאלאָכימ. פונ ביידע זייַטנ זייַנענ אפנ וואַרשטאט געפאלנ סנאריאַדנ אונ האָבנ געמאכט לעכער אינ די ווענט. די ערשטע פארוויסטונג איז פאָרגעקומענ אינ א נייַעמ, נאָך ניט פארענדיקטנ קאָרידאָר. א וואנט איז אייַנגעפאלנ

און באַגראָבן אונטער די כורוועס א גרופּע אומבאַוואָפנטע. צווישן זיי — יאַנאַס און אַנע.

יאַנאַס איז געשטאָרבן א דאַנקבאַרער, נאָר ניט איינגאַנצן קיין באַפרידיקטער. טיף אין האַרצן האָט ער נאָכן פאַרנעמען דעם שלאָס געוואַרט אַף א נייעם און נאָך גרעסערן נעס. קומט שוין יאָ די אויסלייזונג, פאַרוואָס זאָל זי ניט זיין קיין פולע! ווען אויך אָט די האָפענונג האָט פאַרפירט, האָט יאַנאַס דאָך ניט אופגעהערט צו באַוווּנדערן וואָלפן — עס איז אין אים געווען אזא זיכערקייט — און צו בענטשן אים אויך פאַר דעם אויסגאַנג.

אַנע איז געווען אנטוישט. זי האָט זיך געהאַט איינגעבילדעט, אז זי מוז שטאַרבן אין יעסורים. אין האַרצן האָט זי געטראַכט, אז זי דאַרף אָפּקומען. אָט דער טויט איז אָבער געווען צו גרינג. איז דאָס, ווירקלעך, דאָס ערגסטע, וואָס האָט זי דערוואַרט? פאַרוואָס זשע האָט מען זיך אזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן? פאַרוואָס האָט מען געמיינט, אז פלאָגן זיך איז בעסער ווי קעמפן?

אזוי האָבן געענדיקט די אומבאַוואָפנטע. די באַוואָפנטע האָבן זיך געפילט איבערגעטראָגן אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. מע איז געשטאַנען פרימיטיוו באַוואָפנט אקעגן א שטאַרקערן סוינע. וואָס אָבער האָט זיי געקאָנט קימערן? שטאַרק אָדער שוואַך, געניט אָדער ניט געניט אין קאַמף, אלע זיינען גרייט געווען צו שטאַרבן אין קאַמף.

קיינער האָט איצט ניט געטראַכט וועגן רעטונג. דאָס איינציקע גליק, וואָס ס'איז זיי פאַרבליבן אין לעבן, איז געווען — פאַרניכטן וואָס מער סאָנים.

יאַקאָב דער אַרענדאַר האָט געלאָזט אין גאַנג זיינע האַנט-גראַנאַטן. פאַרשטעלט הינטער האַלב-איינגעפאַלענע ווענט און שטיין געבליבענע סלופּעס, האָט ער זיך געוואָרפן אקעגן פאַנצער-מאַשינעס. די סאַקאָנע האָט אים געדרייצט, די נאָענטקייט פונעם טויט האָט קישעפדיק געלאָקט.

פריער, איידער מע האָט אים פאַרשלעפּט אהער, האָט ער געפירט א רויִק לעבן. ער האָט באַאַרבעט זיין פעלד און געשעפּט טרייסט אין די גרויסע אויגן פון זיינע קי.

איצט האָט דער פייער אין אים אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דעם קעמפער. שטייענדיק צווישן פייַנטלעכע מאַשינעס, האָט ער געוואָרפן זיינע גראַנאַטעס. דאָס איז געווען אַן אָפענער אַרויסרוף דעם אומפאַרמיידלעכן טויט. איידער ער איז אליין געפאַלן, האָט ער אופגעריסן צוויי מאַשינעס...

זײַנ בײַשפּיל האָבנ נאָכגעטאָנ אַנדערע. נישט נאָר אינ גזעלכע נאַטור-מענטשנ ווי פעניעס האָבנ אופגעוואַכט די קאַמף-אינסטינקטנ. מענטשנ, וואָס צאַרטקײַט אונ געדאַנק זײַנענ געווענ אָנגעשריבנ בא זיי אפ די שטערנס, האָבנ מיטאַמאָל באַקומענ דעמ בליק פונ א כײַע, ווענ זי קעמפט פאַר איר לעבנ. זיי זײַנענ אַרויס פונ די כורוועס, ווי פונ קוואָרימ. זייערע הענט, ביז איצט אומפײַיקע צו טאָנ שלעכטס, האָבנ איצט געזייט טויט.

קריצנדיק מיט די ציינער, האָבנ די סאָלדאַטנ זיכ באַהאַלטנ הינטער זייערע טויט-מאַשינעס אונ געקאָסעט די אָנגרײַפנדיקע, אַלײנ איבערלאָזנדיק ניט ווייניק טויטע.

ווענ דער קאַמף האָט זיכ אַריבערגעטראָגנ אינווייניק אינ די זאַלנ, זײַנענ אָנפאַלער אונ פאַרטיידיקער געוואָרנ גלײַכ. מע האָט געקעמפט מיט יעדנ מינ געווער. קראַנענ אונ ווערקשטעלנ האָבנ געדינט אַלס צודעק. אינעמ האַלבטונקל איז געשטאַנענ מענטש אַנט-קעגנ מענטש. טונקעלער לאַק, וואָס האָט געפלייצט פונ צעבראָכענע קײלימ, האָט זיכ אויסגעמישט מיט העל רויטס פונ די בלוט-ריטשקעס.

דאָנער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג אינ די זאַלנ, האָט שוינ מער ניט באַדאַרפט געבנ קיינ אָנווײַזונגענ. יעדערער האָט געטאָנ, וואָס ער האָט געקאָנט.

דאָנער אַלײנ איז געשטאַנענ צווישנ צעבראָכענע מאַשינעס. דורכ דער האַלבפינצטערניש זײַנענ געפלויגנ טײלנ פונ מאַשינעס, בליצנדיקע פײַלנ. א ברענענדיקער לײטלאָמפ האָט געמאַכט אינ-דערלופטנ א געשפּענסטישנ בויגנ אונ געפאַלנ, נישט אַרויסרופנ-דיק קיינ סרייפע. דאָנער איז געווענ מיד. פאַר זײַנע אויגנ זײַנענ גע-שווומענ פײַערדיקע רינגענ. זײַנע ווונדנ האָבנ געבלוטיקט. דער ליאַרעמ פונ קאַמף האָט אימ אײַנגעהילט. דער אייבערשטער טײל פונ זײַנ קערפּער איז געווענ געשיצט פונ צעבראָכענע מאַשינעס. ער האָט געאָטעמט קורצ אונ אָפּגעהאַקט. ער האָט געפילט, אַז דער קאַמף נאָגט שוינ אויס די לעצטע קרעפטנ פונ זײַנע גלידער. האַלב-שוועבנדיק, האַלב-ליגנדיק, האָט ער געוואָרפנ אינ קאַמף דעמ רעשט פונ זײַנ לעבנ.

אָבער אויכ נאָכ דעמ, ווי דאָנער האָט אויסגעהויכט דעמ לעצטנ אָטעמ, האָט דער ווידערשטאַנד נישט אופגעהערט. פעטער דער וואַלד-אַרבעטער האָט אָנגעפירט מיט א גרופּע פרויענ. די קנאָפּע באַלײַכטונג האָט אימ געהאָלפנ, די עלעקטרע האָט שוינ ניט געאַרבעט. דער גלעזערנער דאַכ איז געווענ באַדעקט מיט א דיקנ שיכט שטויב אונ

איז געווענ ניט דורכזיכטיק, נאָר דורכ די עטלעכע צעבראָכענע זײַטיקע פענצטער האָבנ אַרײַנגעשײַנט דינע שטראַלנ טאָגליכט.

פעטער האָט געקעמפט אינ האַלבטונקל. טראַנסמיסיעס אונ שווונג-רעדער זײַנעג געווענ אָנגעלייגט פאַר זײַנ ברוסט. אַנ אופגעשטעלטער ווערקשטעל האָט אימ געשיצט די פלייצע, ער האָט געשניטנ דעמ שטראָמ פונ די אַרײַנדרינגענדיקע. אַרומ אימ האָבנ געבושעוועט אונ זיכ געדרייט ווירבל־ווינטנ. זיי האָבנ אוועקגעריסנ רוטנ אונ אַנדערע פרויענ.

אַ צײַט לאַנג איז רוט געלעגנ פאַרזונקענ אינ גליקלעכע טרוימענ. עס האָט זי אָנגעפילט אַ שטילע פרייד — זי איז אינ דער היימ... זי לויפט איבער אַ שטילער גאַס הינטערנ פולווער־טורעמ. ווי ווי דערלעכ קיל ס'איז דאָ. זי דערקענט די הײַזער... רוטס אויגנ האָבנ זיכ געשלאָסנ.

אונ פעטער איז געשטאַנענ, גלײַכ ווי אַ שווערד-טרעגער פונ יענער-וועלט. אונ בעשאַס דער טויט האָט אַרומ אימ פאַרנעפלט די אויגנ פונ די שטאַרבנדיקע, האָט זיכ אימ געדאַכט, אַז איבער אימ רוישנ גרויסע פליגל.

4

קעדיי דער שלאָס מיט אַלע זײַנע רוישטאָפ־זאַפאַסנ, נאָכ ניט צעשעדיקטע זאַלנ אונ מאַשינעס זאָלנ ניט אַרײַנפאַלנ צומ סוינע אינ די הענט, קעדיי עס זאָלנ ניט אַרויס קיינ לעבעדיקע די אַלע סאָנימ, וואָס זײַנענ געקומענ דערשטיקנ דעמ אופשטאַנד, האָט מענ זיכ צוגעגרייט, ווי נאָר דער קאַמפ האָט זיכ אָנגעהויבנ, אונטערצוצינדנ דעמ שלאָס. די אופגאַבע האָבנ גענומענ אַפ זיכ וואָלפ אונ נאָוואַק. זיי האָבנ געוואַרט אינ די צימערנ, וווּ ס'האָבנ זיכ געפונענ ברענשטאָפ, בענזינ, באַוול אונ פאַק-מיטלענ.

דאָס פאַרשטיקטע רוישנ פונעמ קאַמפ האָט אָנגעהויבנ שטילער ווערנ. אינ פאַרגלײַכ מיטנ פריערדיקנ טומל איז עס אַפילע געווענ טיפע שטילקײַט.

שטיק נאָכ שטיק האָט דער סוינע אײַנגענומענ דעמ שלאָס. עס איז געקומענ דער אָפגערעדטער מאָמענט. אינ דרויסנ האָט דער זייגער געשלאָגנ עלפ.

וואָלפ האָט אַ קוק געטאָנ אַפ זײַנ כאַווער. יענער האָט אַ ווונק געטאָנ אַפ יאָ. דיביידע האָבנ גוט פאַרשטאַנענ איינער דעמ צווייטנ. זיי זײַנענ געווענ פרײַ אַ גאַנצע נאַכט אונ אַ גאַנצנ אינדערפרי. אָט די עפּאָכע אינ זייער לעבנ איז געענדיקט. נאָכ איר קומט מער גאָרנישט. דאָס, וואָס זיי לעבנ נאָכ, איז מער ניִשט ווי אַ פאַוזע.

אויב דאָס לעבן איז שוין טאקע פארביי, איז אָבער פאראן נאָך א כויוו אויסצופילן. זיי, ער און נאָוואק, זיינען דער אריער־גארד פון אן ארמיי, וואָס איר הויפּט־טייל געפינט זיך שוין אין א זיכער אָרט. מע האָט זיי געלאָזט דאָ, קעדיי אויסצופילן א באשטימטע אופגאבע.

וואָלפן איז באפאלן א שרעק, זיי זאָלן ניט פארשפעטיקן. ער האָט זיך געגעבענע האסטיק א דריי אויס צו נאָוואקן און אים געגעבן דעם אָפּגעריסן צייכן. נאָוואק האָט ארויסגענומען די צינדמאשינקע פון דער קעשענע, א דריק געטאָן די פּרוזשינע און געלאסן צוגעקוקט, ווי דאָס קליינינקע פלעמל צעברענט זיך...

ווען די סריפע האָט זיך געענדיקט, איז שווער געווען צו אונטערשיידן, ווער ס'איז דאָ געווען אָנפאלער און ווער ס'האָט זיך פארטיידיקט, ווער ס'איז געווען דער מערדער, און ווער — די קאָרבאָנעס.

איבער די שווארצע פארקוילטע כורוועס האָט זיך געהויבן א דיכער וואָלקן זילבער־גרויער רויך, זיך געקרייזלט און סאָפּקאָלסאָפּ פארלוירן געגאנגען אין הויכן גלאנץ פון בלויען הימל...

—1857

1